STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06527

DER SHTUREM IN RIVERVIL

Ben Gold

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בען גאָלד / דער שטורעם אין ריווערוויל

בען גאָלד
בוך־קאָמיטעט

א. ווייס,
פּאָרזיצער
א. האַרטינסטיין,
וויצע־פּאָרזיצער
מערי פליישמאַן,
פינאַנץ־סעקרעטאַר
ווערא טעפּט,
פּראָטאָקאָל־סעק.

דזשעק און סאָניע
שניידער
בעלאַ גאָלדווירט
מעקס נון
לואיס ווייס
מאַרי בראַון
ענאַ באָגדאַנסקי
טשאַרלי און בעסי
נעמעראָף
דאָרא ברעסלער
אסתר גרינבערג
אַלעקס רובינסטיין
משה גאַרפּין
סעם רעזניק
דזשימי לאַפּענאַ
לילי קעלערמאַן
אסתר גראָסמאַן
רוט סטרים
בעקי פרידמאַן

אַדרעס פון
פינאַנס־סעקרעטאַר:

MARY
FLEISCHMAN,
Fin. Sec'y

642 East 34th St.,
Brooklyn, N.Y.
11203

בען גאָלד

דער שטורעם אין ריווערוויל

נאָוועלע

בען גאָלד בוך־קאָמיטעט

BEN GOLD

DER SHTURM IN RIVERVILLE

(THE STORM IN RIVERVILLE)

(A Novel)

Printed in U. S. A.

363

Published by

Ben Gold Book Committee

NEW YORK, 1972

אינהאַלט:

בוד־קאַמיטעט
בילד פון בען גאָלד
ווידמונג; כבוד זייער אַנדענק!
בילד פון צעשלאָגענע גענגסטערס

דער שטורעם אין ריווערוויל — 17
פילים — 21
טעריסאַ פאַרעלי — 26
ריווערוויל — 37
דער שטורעם — 46
פראַנץ וויינהאַרץ — 48
פראַנץ וויינהאַרץ ביי דער אַרבעט — 54
אויף דער וואַך קעגן אינעווייניקסטע שונאים — 61
דער סטרייק — 73
דער פירער און וועגווייזער פראַנץ וויינהאַרץ — 88
דער געניאַלער פּלאַן — 92
גענגסטער־אַנפאַלן — 102
דער טאָג פון דעם „מעכטיקן קלאַפּ"... — 117
די נעגער־סטרייקערס — 122
באַיקאָט — 132
פראַנץ וויינהאַרצעס סוף — 151
דער פאַרמיטלער — 163
פרעדי גערענקט... — 169
פרענק טרייבט אַרויס פרעדין פון הויז — 183
פרעדי זוכט אַן אויסוועג — 186
עליזאַבעט וויינהאַרץ — 190
עלם סטריט לעבט אויף — 199
קאַרל מאַרקוסעס הויז ברענט — 202
הענרי דזשעפערסאָן דערציילט — 208
די אונטערזוכונג — 217
פעלהענדלער געפינט אוים קאַרלס יחום — 229
די צעמישעניש — 236
לודוויג פעלהענדלערס נקמה — 245

N. Y. Daily News Photo

What was left of the gangsters who attacked the Industrial Union headquarters on April 24, 1933. Workers themselves beat them off.

געווידמעט

צו די קלאַסנבאַוואוסטזיניקע רענק־און־פאַיל אַק־
טיווע יוניאָן־מיטגלידער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע איבערגעגעבענע און מוטיקע טעטיקייטן אין די היסטאָרישע מאַסנקאַמפן אין די נאָדל־פאַכן, צו באַפרייען די טרייד־יוניאָנס פון קאָרופּציע און גענגסטעריזם, פאַר פּראָגרעסיוון טרייד־יוניאָניזם, פאַר בעסערע אַר־בעטס־ און לעבנס־באַדינגונגען און פאַר אַ פּראָגרעסיווער אַמעריקע.

די געדונגענע שטאַרקע, וואָס די יוניאָן־באַאַמטע האָבן גענוצט קעגן די ווידערשפּעניקע פּראָגרעסיווע יוניאָן־מיטגלידער, האָבן אויסגעפונען, אַז אָן זייער „הילף" קאָנען די יוניאָן־באַאַמטע נישט אָנהאַלטן זייער ממשלה איבער די אַרבעטער. זיי, — די שטאַרקע, — האָבן דערפאַר באַשלאָסן צו באַנוצן זייערע וויכטיקע יוניאָן־פּאָזיציעס פאַר זייערע איי־גענע אינטערעסן, און האָבן אָרגאַניזירט זייער אייגענע זעלבסטשטענ־דיקע מלוכה אין דער יוניאָן . . .

זיי האָבן פאַרקויפט צו די באָסעס ג א ר א נ ט י ר ט ע פּ ר אָ־ ט ע ק צ י ע. אין די פּראָטעקטעטע שעפּער האָבן די באָסעס געהאַט אַ פרייע האַנט צו עקספּלואַטירן די אַרבעטער אויף דעם ברוטאַלסטן אופן. די יוניאָן־באַאַמטע זענען געווען „טויב, בלינד און שטום" צו דער אומ־דערטרעגלעכער לאַגע פון די אַרבעטער אין די פּראָטעקטעטע יוניאָן־שעפּער. אַ גרויסע צאָל שעפּער זענען נישט יוניאָניזירט געוואָרן. די פּראָטעקציע פון די יוניאָן־שטאַרקע האָט זיי באַשיצט קעגן דער יוניאָן. די פּראָטעקציע האָט די באָסעס געקאָסט פיל ווייניקער ווי אַ יוניאָן־שאָפּ.

ווען אַ „נאַאיווער" האָט ביי אַ יוניאָן־מיטינג זיך באַקלאָגט, אַז די יוניאָן־באַאַמטע מאַכן זיך נישט־וויסנדיק וועגן דער ביטערער לאַגע פון די אַרבעטער אין דעם שאָפּ וואו ער אַרבעט, פלעגן די שטאַרקע אַ רעווע טאָן: — „סיט דאַון, אָר ווי וויל נאָק יו דאַון!"

אַן איינגעשפּאַרטער אַרבעטער, וואָס האָט נישט געפאָלגט און נישט פאַרמאַכט זיין מויל, פלעגט נאָך דעם מיטינג, אויף דער גאַס, און אָפט אויך ביים מיטינג, באַקומען זיין שטראָף — אכזריותדיקע קלעפּ.

ביי די מיטינגען פון דער קליינער גרופּע פּראָגרעסיווע יוניאָן־מיט־גלידער פלעגט איין פּראָבלעם דיסקוטירט ווערן נאַכט נאָך נאַכט: —

ווי אזוי באפרייט מען די יוניאן פון דעם גענגסטעריזם?" ביז . . .

די אויפגעשטורעמטע ארבעטער־מאסן זענען אריינגעטראטן אין קאמף קעגן די קארופטע יוניאן־באאמטע מיט זייערע געדונגענע שטארקע. פון די מאסן האבן זיך ארויסגערוקט פרינציפיעלע און מוטיקע ארבעטער, וואס האבן מיט ענטוזיאזם זיך געשטעלט אין דינסט פון די ארבעטער.

זיי, — די אקטיווע רענק־און־פאיל שאפ־ארבעטער האבן געדינט די ארבעטער אלס שאפ־טשערלייט, בילדינג־ און בלאק־טשערלייט און אלס שאפ־קאמיטעטן. אין די גענעראל סטרייקס זענען זיי געווען אין די האל־קאמיטעס, און געהיט די שעפער ביינאכט, עס זאל, חלילה, נישט פאר־בלאנדזשעט ווערן אהין קיין סטרייק־ברעכער. זיי האבן אנגעפירט מיט די מאסן־דעמאנסטראציעס אויף די פיקעט־לאינס, און ביי די דעמאנ־סטראציעס קעגן נאציזם און אימפעריאליסטישע מלחמות און רעאקציע, זענען זיי געווען אין די ערשטע רייען. זיי האבן געהאלפן בויען די פראג־רעסיווע ארבעטער־באוועגונג מיט אלע זייערע כוחות און פעאיקייטן און מיט זייער לעצטן דאלער. זיי האבן פארנומען אנפירנדיקע פאזי־ציעס אין די היסטארישע קאמפן פאר ארבעטלאזיקייט־פארזיכערונג, פאר עלטער־פענסיע פאר ארבעטער און פאר מענטשלעכע רעכט פאר די נעגערישע מאסן.

פיל פון די רענק־און־פאיל מוטיקע קעמפער זענען פון דער פאליציי צעשלאגן געווארן. ס'האבן זיי פארשיקט אין טורמע קארופטע ריכטער, אבער דער מוט און ענטוזיאזם פון די אידעאליסטישע ארבעטער איז נישט געמינערט געווארן. יעדער זיג פון די ארבעטער האט זיי דער־מוטיקט און געקרעפטיקט.

זיי האבן פיל בייגעשטייערט צו דעם זיגרייכן סטרייק אין 1925 פון די נאענט צו צוויי טויזנט גריכישע ארבעטער וואס האבן געשקלאפט פאר א הונגער־לוין, און די רעכטע יוניאן־באאמטע האבן אפילו נישט געמאכט קיין פארזוך זיי צו יוניאניזירן.

זיי, די אומדערשראקענע יוניאן־טוער און קעמפער, האבן זייער פיל בייגעשטייערט צו דעם היסטארישן זיגרייכן גענעראל־סטרייק פון די פאריער־ארבעטער אין 1926. די פאריער האבן אויסגעקעמפט א פער־ציק־שעהדיקע ארבעט־וואך אין 1926, און אין 1933 א 35־שעהדיקע

אַרבעט־וואָך, פאַרצווייפאַכט און שפּעטער פאַרדרייפאַכט די אַרבעטער־שכירות, אַ חוץ אַנדערע וויכטיקע עקאָנאָמישע געווינסן.

די אָרגאַניזירטע אונטערוועלט גענגסטערס וואָס זענען געווען פאַר־בונדן מיט די באָסעס, מיט די א. פ. אָוו ל. יוניאָן־ביוראָקראַטן און מיט איינפלוסרייכע פּאָליטישנס, האָבן געקעמפט פאַר זייער מאַכט אין די יוניאָנס מיט מעסערס, באָמבעס און רעוואָלווערן.

אין 1933 האָבן זיי מיט אַ באָמבע דערמאָרדעט דעם יונגן פּעאיקן יוניאָן־פירער, מ אָ ר י ס ל אַ נ ג ע ר.

אין 1934 האָבן גענגסטערס אינמיטן העלן טאָג זיך אַריינגעריסן אין דער בילדינג פון דער „נאָדל טרעיד אינדוסטריעלער יוניאָן" און געשאָסן אויף די אַרבעטער און אויף די יוניאָן־פירער, און דערשאָסן דעם אַרבע־טער ל. ג אָ ט פ ר י ד.

עטלעכע גענגסטערס איז געלונגען צו אַנטלויפן פון די אויפגעצאַרנטע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם בילדינג פון זייער יוניאָן. די גענגסטערס וואָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן זענען געבליבן ליגן אויף דעם דיל . . . די פּאָליציי וואָס איז „צופעליק" אָנגעקומען צו־שפּעט, האָט אַרויסגעטראָגן די באַוואוסטלאָזע גענגסטערס פון דעם יוניאָן־בילדינג און זיי אויסגעלייגט אויף דעם טראָטואַר ביז דער אַמבו־לאַנס איז געקומען און זיי אָוועקגעפירט אין שפּיטאָל. דאָס איז געווען זייער לעצטער אַקט.

דאָס שענדלעכע און טראַגישע קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון די נאָדל טרייד־יוניאָנס איז יענעם טאָג פאַרענדיקט געוואָרן. די קלאָוקמאַכער, די דרעסמאַכער, די פאַריער און די אַנדערע נאָדל טרייד־אַרבעטער האָבן אונטער דער פירערשאַפט פון די מוטיקע רענק־און־פאַיל יוניאָן־טוער באַפרייט זייערע יוניאָנס פון דעם גענגסטעריזם.

צו די בראַווע רענק־און־פאַיל יוניאָן־טוער און קעמפער
איז דער בוך געווידמעט. מיר פאַרצייכענען דאָ בלויז
אַ טייל פון די נעמען פון די העראָאישע קעמפער.

מאַקס סאַפּיר	דזשעק וואַלדער	אסתר גראַסמאַן
בען דיימאַנד	סעם מענשער	איליק רובינשטיין
איזי ראַו	לוקאַס פרעמים	מאַרים לאַובער
רעגינאַ וויים	דזשים לאַפּעני	מאַקס אַסטראַווער

איזי גוקאָווסקי
מאַקס הערשקאָוויץ
איזי קוירמאַן
בעלאָום
דזשאַן וואפּיאַדיס
ראָוז און בערנאַרד
מונדשיין
איזי האָניגמאַן
מאָניאַ ראָגאָוואָי
דייוו באָנטשיק
אייב באָנטשיק
דזשעק שילעיר
לואים סטילמאַן
גאָרדאָן סטיינבערג
סערע סוראָף
מילטאָן סווערדלאָף
העלען פּאַיזער
קלאַראַ בראָטמאַן
ליאָ שניידער
אייב קאַפּלאַן
דזשאָרדזש פּערלמאָן
דאָראַ ברעסלער
הערי טשעשנאַווסקי
פלאָרענס בראָון
פרענסיס בראָון
פּעני און לואי קורץ
מאָרים פּאָוולאָווסקי
אייב אָרנשטיין
אסתר גרינבערג
דזשאָסטעם זאַמאָר
מעקס פרימערמאַן
בען פרידמאַן
ענע באַגדאַנסקי
לילי קעלערמאַן
מאַקס גורסקי
שערמאַן
רעדזשינע שעפּס
רימערעקא
זישע אַלפּער
העלען אַשקינאַזי
גאָם האָפּמאַן
דזשין הוירלינג
אַראָן קאָלטער
דזשוליום גאָלד

מאָרים טעפּט
אידאַ לאַנגער
פּוירל ווערדראָ
אַלמאַ און בערנאַרד
סאָסמאַן
סאָפּי גראָסמאַן
משה ברייטהאָלץ
הערי און דאָראַ
פערבער
דאָראַ קאַזאַן
לואי ספּילמאַן
מעקס און ראָוז נון
פּעני דאַנסקי
ברוך קעסנער
רעגינע שרייבער
סעם דייווים
אייב גלייבער
יוסף ברעגמאַן
בעזווערסקי
טשאַרלס מעילזאַק
פּיליפּ גלאַנצמאַן
לואי יאַנאָוויץ
דזשעק בלענק
מאַקס קאָהן
אַרטשי מעסקין
מיני ראַפּאַלאָ
דימיטרי ראָגאָוואָי
דזשייק אַלגום
אברהם לופּין
עמאַ יאַלינסקי
דזשוליום פּאָרטנאָי
רעבעקאַ לערנער
דויד טוירנער
ראובן בערגער
אייב קאָלאָוו
אַלעקס ריטצער
מאָרים קאַנאָוויטש
שמעון סאָלאָמאָן
נייטן קוירש
הערי מאָריסאָן
סעם שעלי
סעם דאָמאָן
א. גאָלדבערג
פּעני פּאַסיקאָוו

סאול לאַפּין
פּעני גוירשן
מערי און דזשעק
פרידמאַן
וואָלטער נעלסאָן
פרומע מישקין
פּערל קליינמאַן
נייטן קאַפּלאַן
סעם ביזאָף
מאַקס סטיין
הערי קעסלער
מערי סטיוונסאָן
דזשים סטיווענסאָן
מאיער ליפּערט
אסתר ליפּערט
הערשל דענבוש
קלאַראַ מעלטצער
דזשעניע קאָהען
היימאַן סילבערשטיין
הערי קעץ
שלמה יאַקיר
מאַני פּוירלמאַן
משה גאָרפּיין
ווילי גרינבערג
סידני שפּאַניער
סאָניע שניידער
עני ריטשלין
פּעני בערגער
אַלפרעד פּאָזניאַק
אָשר שרייבער
דאָרע הובערגריטץ
ראָלע סאַקס
עני לייבאָוויטש
סעם קאַרסאָן
ראָוז גראָסמאַן
פרידע אַשקינאַזי
דאָרע סילווער
מרים פּאָגל
דאָרע לואים
דאָרע עלסאָן
עדי סטאַרק
בען קיניגסבערג
איידע גאָרדן
קלאַרע קימבערג

גאָסי קימבערג
מערי אייזמאַן
גאַווריעל ראַבינבאַך
גאָסי ריינעס
טש. סטראָנגוואַסער
דייוו פּיסמאַן
ראָוז קאַפּלאַן
חיים דאָברין
ראָוז גאָלדעס
סערא רעזניק
חיים גלאַזמאַן
הערי נודעלמאַן
באַרני קופּער
נייטן קאַפּלאַן
עני שנייוויים
איווע קראָוז
הערי סקורניק
הערי שאַלעכמאַן
דייוו גרינבערג
טשאַרלי באָרענשטיין
פרידע וויינשטיין
מאָלי יאַרעשעווסקי
דזש. אייזמאַן
מאַני סילווערשטיין
יעטע לוסטיגמאַן
סעם לעווין
אברהם וויים
רובין בודאַה
איזידאָר סילקאָוויטש
היימאַן טעמס
דזש. דוואָרקין
אברהם ריוומאַן
לואיס זימערמאַן
סעם סטאַטלער
משה ניוסבאָום
דוד גראָסמאַן
איזריאל קריסטאַל
איזידאָר קאָופמאַן
סעם בין
מעקס לעווין
סעם קלעמפּנער
יאַשע אָרענאָוו
לואיס קירשטיין
לואיס גאַזמאַן
בעני רייזמאַן

פיליפּ בעקער
בעני סימעלסטיין
ווילי טייטעלבאום
יוסף סילווער
דייוו פּאַפּקין
אברהם גאָרדאָן
דזשעק ביינקיל
פיליפּ סילווער
דזש. זאָלעסין
יאַנקל צווייטמאַן
הערי קענטער
בערנאַרד גאָרדאָן
כאַזענאָוו
מאָרים פרייפילד
משה יורעוויטש
משה בווירגער
נעיטן גאָלבין
הערי מאָריסאָן
מעקס דעלאָוו
סעם גרין
וויליאַם וויינער
סיימאַן האָק
אייזיק דזשעיקאָבס
לואי פריד
דזשוליוס ליפּניק
ס. ראַבינסקי
דזוע בערליאַנט
וואָלף וויים
ה. סילווערבווירג
דזש. זיסעלמאַן
דזשאָו קליינמאַן
יוסף באָרוכאָוויטש
אברהם קאָלאָוו
לואי האָראָוויטש
דזש. גאָלדבערג
הערי מאָריסאָן
לואי קלאָץ
אייב מיטשעל
שמעון סאָלאָמאַן
אייב גאָלדמאַן
מאָרים שעלעפּסקי
מענדל קראָוז
אייזיק דזשעיקאָבס
איזידאָר גוטערסאָן
משה פרידענטאַל

נייטן קוירש
סעם וויינטראָוב
שלום שעלי
אַלעקס ריצער
איזידאָר מאָסקאָוויטש
דזש. ה. קאָהן
איזידאָר נודעלמאַן
בינעם ראָזענטאַל
בעני מילער
מעקס נודעלמאַן
בריליאַנט
שרה דאָרנער
אַלעקס קאָלקין
סאָניא טשייקין
אסתר קעראַל
היימען מיגדאַל
סעם הייבער
עטל מילער
מערי זאַקהיים
שוירלי נאָוויק
דאָרע זיביל
מאָלי זאָלצמאַן
סערא שיינקמאַן
פּאָולין געלמאַן
עטל דייווידסאָן
אַלעקס אָרטינסטיין
סיליא ראָזענבערג
פּאָול האָבאָוויץ
סערא געלפּאָנד
דייוו אָרענסטיין
פייגל יודין
סאָניא ניימאַן
ראָוז טשינעץ
סערא רובין
מיני וועקסלער
לינא גודמאַן
ראָוז קוניץ
סיליא מילער
פרידא האָנער
מיוריעל עפּסטיין־
ראָטבלאָט
ראָוז וואָווירטים
איזידאָר ווייסבערג
פעני גאָלאָס
עמאַ יאַנינסקאַ

יאַנקל גאָלדמאַן
ראובן בוירגער
דייוו טוירנער
פּוירל קליימאַן־
פּישביין
גאָסי פּריים
דזשוליוס פּאָרטנאָי
רעבעקאַ לוירנער
איידאַ ראָטסטיין
ראָוז גלאַנץ
ב. מילער
סאָל קליימאַן
ליטוואַק
חיים קרוגער
מעקס סטיין
פּאָלין יאָנג
ליזע טאָראַנט
סיליאַ גאָלדסטיין
דזשאָו באָלעוויטש
טשאַרלס נעמעראָוו
טשאַרלס סטיין
מעני בראַונסטיין
אוירווינג קאַטלער
מייער זאַקהיים
על עפּטערמאַן
לואיס דייווידסאָן
בען גובאָוו
נעט ראָזענבלום
מעקס ראָטענבערג
בוירנאַרד שיינקמאַן
אברהם קאָלב
משה שניידערמאַן
אַלעקס זאַראָוו
איזידאָר קאָרען
סאָל פּאַסיקאָוו
לייבל האָפמאַן
סעם ליפּצין
סעם אַרטשעם
וויליאַם קאָופמאַן

הערי בייגעל
אַראָן זאָליטשין
מאַקס מאַנדעל
פּיניע פּאַסיקאָוו
משה לענשוץ
שרה קאָהן
לואי וויים
פּיליפּ גודמאַן
משה דוואָרקין
משה גאָלדסטיין
משה פרידמאַן
ראובן גראָסמאַן
הערשל ראָזין
סעם סטראָם
סעם שרייער
איזי ראָזענבלאַט
מעקס פּישביין
סעם קאָהן
יוסף טשאַרנאָווער
סעמועל אַרטשער
הערי קעסלער
סעם ביסאָוו
אייב זאַלעסקין
לואי דייווידאָוו
הענרי טוירק
אייב מוטשניק
נייטן שניידער
וועלוול ראָזענבלאַט
מעקס אַלעבסקי
בעלע אַלעבסקי
מיני איוואַנאָוו
סיליאַ לאַנגער
גאָלדע וויינטראָוב
ראַפּאַפּאָרט
סאָול פּישביין
פּרעד קאָהן
סעם שטיינהאַרט
אייערין עפּטערמאַן
לואיס קופּער

וואָלף וויינער
מאָרים שאַפּירא
סאָקאָוויטש
ענאַ טאָמאַס
דאָרע בראַדין־אָוורוצקי
מערי סילווערברוק
סילוויע באַראָפסקי
דזשעק טאָר
איידע קעץ
דייוו בייקער
מאַניאַ טייטלבאָום
דזשעני באַראָווסקי
מערי דזשוירמאַן
דאָרע שאַפּירע
מאָרים סאַראָף
יעטאַ סאָלאָמאָן
דזשאָו דוואָרקין
אייב גאָרדאָן
ל. קירשטיין
עלעקס קאָלקין
מ. זאַקהאַים
מעקס און בעלאַ
האָלעבסקי
פּאָול אַבאָוויטש
סעם קלעמפּנער
מאָרים פרייפילד
מאָרים גאַרפין
הערי קאַנטאָר
א. לאַבאָוויץ
אסתר מילער
מ. נודעלמאַן
מ. פּערלמאַן ראַדזע
מר. און מרס. ריכלין
סעם סטאָטלער
י. סילקאָוויטש
ח. שטיין
מר. און מרס.
ב. וועקסלער
מאָרים יוראָוויץ
ל. זימערמאַן
מאָרים בערגער

דער שטורעם אין ריווערוויל

דורך א שפּאַרונע פון דעם פּאַרהאַנג איבער דעם האַלב־געעפנטן פענצטער פון מעריס גרויסן, פיר־עקעכדיקן שלאָפצימער, האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ גאָלדענער שטראַל פון דער פרימאָרגנדיקער פרילינג־זון, האָט זיך צעטאַנצט אויף דעם בעט, אין וועלכן די קראַנקע מערי איז געלעגן איינגעדעקט מיט אַ וואָלענעם צודעק, און איז פאַרשוואונדן. אַ רגע שפּעטער איז דער זונען־שטראַל צוריקגעקומען, האָט ווידער אַ שפּרונג־געטאָן אויף דעם בעט, האָט אַ גלעט־געטאָן מעריס בלייך און אויסגעצערט פּנים, דערנאָך האָט ער אַ שפּרונג־געטאָן אויף איין וואַנט, זיך אַ גליטשט־געטאָן אויף דער צווייטער, שכינותדיקער וואַנט, און זיך ענדלעך אַריינגעציטערט אין ווינקל פוןביידע שכנותדיקע ווענט; און פון דאָרט, פון זיין ווינקל־נעסט, האָט דער זונען־שטראַל זיך אַריינגעשניטן אין דער טונקלקייט פון דעם שלאָפצימער מיט זיין גינגאָלדענער ליכטיקייט.

— מילדרעד, עפן דעם פּאַרהאַנג און לאָז אַריין די זון, — האָט די קראַנקע מערי מיט אַ שוואַכער שטים געבעטן די שוועסטער־לייביקע, מיטל־יאָריקע קראַנקן־שוועסטער, וואָס איז געזעסן אויף אַ בענקל נישט ווייט פון מעריס בעט און געהיט יעדע באַוועגונג פון דער קראַנקער.

די טיר פון מעריס שלאָפצימער האָט זיך שנעל געעפנט, און פרענק בלענשאַרד, מעריס איינציקער ברודער, איז מיט ווייכע טריט אַריין אין צימער.

— גוט־מאָרגן, מערי, — האָט פרענק באַגריסט זיין קראַנקער שוועסטער, — דו פילסט זיך בעסער? — האָט ער זי געפרעגט מיט אַ טאָן וואָס האָט געקלונגען ווי אַ פראַגע בשותפות מיט כמעט־זיכערער באַהויפּטונג. פרענקס באַסאָווע שטים האָט געקלונגען שטיל און ווייך.

מערי האָט נישט געענטפערט.

— איך האָב נאָר וואָס גערעדט מיט דעם דאָקטאָר, — האָט פרענק פאָרגעזעצט, — ער זאָגט, אַז דיין געזונט־צושטאַנד איז היפשלעך פאַר־בעסערט.

— דער דאָקטאָר זאָגט . . . נו, זאָגט ער . . . — האָט מערי אומגע־דולדיק אַרויסגעמורמלט. — איך ווייס בעסער ווי דער דאָקטאָר . . .

זעץ זיך אוועק, פרענק, און הער זיך בעסער איין וואס איך האב דיר צו זאגן.

די קראנקן־שוועסטער האט זיך ארויסגעשארט פון צימער. זי האט געוואוסט, אז ביים געשפרעך צווישן דעם ברודער מיט זיין שוועסטער טאר דערביי נישט זיין קיין פרעמדער אויער . . .

פרענקס הויכער, ברייט־פלייציקער קערפער האט זיך געהארכזאם און מיד ארונטערגעלאזט אויפן בענקל, נישט ווייט פון מעריס בעט.

— פרענק, — האט מערי גערעדט מיט א שוואך, אבער אנטשלאסן קול, — איך רעד צו דיר ווי דיין איינאונאיינציקע עלטערע שוועסטער. צו לאנג וועל איך שוין נישט ציען. דאס מאל פיל איך, אז כ'וועל שוין פון בעט נישט ארונטערגיין . . . פרענק, צום לעצטן מאל זאג איך דיר: גיי צו אים. געפין אויס וואו זי איז . . . ברענג זי אהיים, און האב חתונה מיט איר. איצט וועט זי שוין נישט זיין אזא מיוחסת, ווי פריער . . . דו ווייסט אז דו וועסט נישט קריגן אזא יונגע, שיינע און געראטענע ווייב ווי מיין טאכטער פילים . . . פארגעס נישט, פרענק, אז דו ביסט שוין אריבער די דרייסיק . . . זוך זי אפ, זאג איך דיר, און מאך א סוף . . .

פרענק האט געשוויגן. זיין עקשנותדיק שווייגן האט ארויסגעבראכט זיין קראנקע שוועסטער פון געדולד. די ווייטיקן אין איר ברוסטקאסטן האבן זי געמאטערט, און עס איז איר געווען שווער צו אטעמען. זי איז אבער געווען אנטשלאסן נישט אויפצוגעבן איר קאמף מיט איר ברודער.

— דו זיצסט, — האט זי גערעדט מיט בייזקייט אין איר שוואך קול, — און קוקסט אויף מיר מיט דיינע גרויסע קעלבערנע אויגן און שווייגסט; איז דען א וואונדער פארוואס פילים האט דיך נישט גע־וואלט? זי פלעגט ריידן צו דיר, און זיך בעטן ביי דיר וועגן עפעס, און דו פלעגסט איינגעמען א שטומעניש, ביז זי פלעגט פארלירן איר געדולד און דיר זאגן דעם אמת, אז דו ביזסט א מענטש אן שכל און אן געפילן.

פרענק האט געבראכן זיין עקשנותדיקן שווייגן, און האט מיט איינ־געהאלטענעם כעס ארויסגעברומט ווערטער וואס האבן געברענט מעריז ווי פייערדיקע קוילן: — זארג זיך נישט פאר מיר, מיין טייערע שוועס־

טער. איך וועל דיר אויסזאָגן אַ סוד: פריער האָט דיין פּילים מיך נישט געוואָלט, און איצט בין איך נישט זיכער צי איך וויל זי; איך האָב נישט קיין איבעריקן חשק צו האָדעוועןֹ איר ממזר . . . זאָל ער, איר געליבטער פראַנץ וויינהאַרץ, מיט איר חתונה האָבן.

— געדענק, פרענק, — האָט מערי אים געוואָרנט, — עס וועט דיר באַנג טאָן . . . דו וואָלסט געדאַרפט דאַנקען גאָט, וואָס פּילים האָט זיך אויסגעגליטשט, ווייל אפשר טאַקע דערפאַר וועט זי איצט איינשטימען חתונה צו האָבן מיט דיר. אויב דו וועסט נישט אויסנוצן די געלעגנהייט וועסטו פּגרן אַ „בעטשלאָר“ און דו וועסט אפילו נישט האָבן ווער עס זאָל ירשענען דיין רייכן פאַרם.

מערים לעצטע ווערטער האָבן אַ שטאָך געטאָן פרענקן. די לעצטע פאָר יאָר האָט ער זיך טאַקע אָנגעהויבן שרעקן פאַר דער מעגלעכקייט צו פאַרבלייבן אַן איינזאַמער „בעטשלאָר“, און אַז קיינער וועט נישט ירשענען זיין נאָמען און זיין פאַרמעגן. די מורא, אַז מיט אים וועט זיך פאַרענדיקן די בלענשאַרד פאַמיליע, האָט אים ביטער געפּייניקט. די געפאַר אַז זיין גרויסע פראַכטפולע פאַרם וואָס ער האָט געירשנט פון זיין טאַטן און פון זיין זיידן, וועט אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט, און וועט ניט פאַרבלייבן דאָס אייגנטום פון די בלענשאַרדס, האָט אים נישט געלאָזט רוען. מיט אָט־די טרויעריקע געדאַנקען האָט ער זיך אַרומגעטראָגן ווי מיט יאָטערדיקע וואונדן. איצט האָט זיין קראַנקע שוועסטער אַ ברוטאַלן קראַץ געטאָן זיינע וואונדן. מערים וואָרענונג האָט אים וויי געטאָן און באַליידיקט. ער האָט נישט געקאָנט צוימען זיין כעס.

— אַזוי? ! . . . איך וועל פּגרן אַ „בעטשלאָר“ . . . — האָט ער בייז געברומט. — און דיין פּילים איז מיין איינציקע געלעגנהייט . . . אַזוי, הייסט עס, דענקסטו! נו, קאָן איך דיר דערציילן, אַז איך וועל בעסער חתונה האָבן מיט אַ האַרעפּאַשנער פאַרמערקע, וואָס קאָן אפילו איר נאָמען נישט אונטערשרייבן, — אָבער אַן אָנשטענדיקע, — איידער מיט דיין הויך־געלערנטער בת־יחידה, די היפּאָקריטישע לערערין, וואָס פּריידיקט בייטאָג מאָראַל און ביינאַכט שלאָפט זי מיט עפּעס אַ שאַר־לאַטאַן, אַ לערער.

מערי איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטע. אירע ווייטיקן זענען געוואָרן

אומדערטרעגלעך. זי האָט אָבער נישט געקאָנט פֿאַרשווייגן אַזאַ באַ־לײדיקונג אויף איר שײנער און געראָטענער טאָכטער, כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז אַלץ וואָס פֿרענק האָט געזאָגט וועגן איר איז אמת. מיט אירע לעצטע כּוחות האָט זי אַ וואָרף געטאָן פֿרענקן איר גיפֿטיקן סאַר־קאַזם:

— אַזוי גאָר! מײַן פּילים געפֿעלט דיר נישט? דו ווילסט נישט חתונה האָבן מיט מײַן פּיליסן... אַפֿילו פֿערד וואָלטן זיך צעלאַכט פֿון אַזאַ וויץ... און דו גלויבסט טאַקע, אַז אַפֿילו אין איר איצטיקער לאַגע וואָלט פּילים זיך אָנגעכאַפּט אין דיר און וואָלט ראַפּטאַם חתונה געהאַט מיט דיר? זי האָט זיך אויסגעגליטשט, אָבער זי איז די זעלבע שײנע, געלערנטע און געראָטענע פּילים! און דו... דו... עס שטינקט דאָך פֿון דיר מיט קי־מיסט... דו נעמסט דאָך אַ באָד בלויז אײנמאָל אַ יאָר — ערב קריסטמעס...

פֿרענק איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון מערים שלאָפֿצימער ווי פֿון אַ פֿײַער. עס האָט אים וויי געטאָן וואָס זײַן שוועסטער האָט אים אַזוי ברוטאַל באַלײדיקט, ער איז אָבער נישט געווען בייז אויף איר. עס איז נישט איר שולד, — האָט ער זי פֿאַרטיידיקט אין זײַנע געדאַנקען, — זי האָט קײנמאָל נישט געהאַט אַזאַ גיפֿטיקע צונג... איר בת־יחידה, איר שײנדלינג, האָט פֿאַרגיפֿטעט איר קראַנק האַרץ, און זי גיסט אויס איר ווייטיק אויף אים. אָרעמע מערי, — האָט ער געטראַכט מיט טיפֿן באַדויער, — ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אַז די שטילע און בנעימות־דיקע פּילים וועט זיך אַזוי באַנאַרישן... עס איז אפֿשר בעסער וואָס זי איז פֿאַרשוואונדן... אָבער וואו איז זי?... ער וואָלט געפֿלויגן צו איר... נאָר ער איז זיכער, אַז זי וועט גאָר אינגיכן קומען אַהײם. זי וועט פּטור ווערן פֿון איר ממזר ערגעץ אין אַן אַנשטאַלט מסתּם. דער־נאָך וועט זי קומען אַהײם, צו אים, צו פֿרענקן. — „איך וועל וואַרטן אויף דיר, מײַן פּילים", האָט ער געמורמלט, — „איך וועל וואַרטן"...

פ י ל י ס

זינט פילים האָט פאַרלאָזט איר היים, איז איר לעבן געוואָרן אַ קייט פון זאָרג און ליידן. עס איז איר נישט איינגעפאַלן, אַז נאָכדעם ווי זי וועט געבוירן איר קינד, וועט זי אַ לאַנגע צייט זיך נייטיקן אין רו און אין מעדיצינישער הילף. די אומדערוואַרטעטע אויסגאַבן פאַר שפּיטאָל, דאָקטוירים און קאָסטבאַרע מעדיצינען האָבן פאַרשלונגען דעם גרעסטן טייל פון איר קליינעם פאַרמעגן.

אין אירע פאַרצווייפלטע מאָמענטן איז זי געווען גרייט זיך ווענדן צו איר געליבטן, דעם פאָטער פון איר קינד, נאָך הילף, נאָר איר שטאָלץ און איר פאַרדראָס אויף אים האָט זי אָפּגעהאַלטן פון אַזאַ שריט.

געווים האָט זי נאָך אַלץ ליב געהאַט פראַנץ וויינהאַרץ, דעם געלערנטן און פּעאיקן לערער פון דער האַי־סקול, וואו זי איז געווען איינע פון די לערערינס, אָבער לעצטנס האָבן ביטערע געפילן קעגן אים זיך געזאַמלט אין איר האַרץ. וואָס מער זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו צוימען איר פאַרדראָס אויף אים, אַלץ שאַרפער האָט זי געפּייניקט דער געפיל פון ביטערער אַנטוישונג אין אים.

אַ קראַנקע, אַן איינזאַמע האָט זי געוואַרט אויף אים אין אַ פרעמדער שטאָט, אַן פריינט און אָן באַקאַנטע, און ער איז נישט געקומען. ער האָט פאַרגעסן זיין פייערדיקן צוזאָג . . . איצט ווייסט זי שוין, אַז ער האָט אויף אַ מיאוסן און ברוטאַלן אופן אויסגענוצט איר נאַאיוויטעט, איר ליבע און איר צוטרוי צו אים. זי האָט עס אָבער צו שפּעט אויסגע־פונען.

בלויז איין קורצן בריוו האָט זי באַקומען פון אים. ער האָט איר גע־לאָזט וויסן אַז איר מוטער, מערי, איז געשטאָרבן און אַז לויט זיין מיינונג איז זי געזעצלעך באַרעכטיקט צו אַ טייל פון איר אָנקלס, פרענק בלענשאַרדס, פאַרמעגן. דאָס איז געווען אַלץ וואָס ער האָט איר גע־שריבן. ער האָט זיך אַפילו נישט אָנגעפרעגט וועגן איר און נישט וועגן זייער קינד, און מיט קיין איין וואָרט אַפילו נישט אָנגעדייט וועגן זייער נאָענטקייט . . . זיין בריוו האָט געאָטעמט אויף איר מיט פּראָסטיקער, גלייכגילטיקער פרעמדקייט, וואָס האָט אויסגעלאָשן אין איר יעדן מינדסטן געפיל צו אים, און אַ האַס צו אים האָט זיך ביסלעכווייז באַ־זעצט אין איר האַרץ.

איצט האָט זי געלעבט און געקעמפט פאַר איר געזונט בלויז צוליב איר קינד. איר זאָרג אַז עס וועט איר אויספעלן געלט פאַר אירע ניי־טיקע מעדיצינען, און מילך פאַר איר קינד, האָט זי געצוואונגען צו אַר־בעטן, נישט געקוקט אויף דעם שטרענגן פאַרזאָג פון דעם דאָקטאָר, אַז זי מוז רוען און זיך נישט אָנשטרענגען.

זי האָט געאַרבעט אין אַ וועשעריי, געפּרעסט העמדער, אָנגעניים קנעפּלעך, און געצירעוועט זאָקן. זי האָט אָבער נישט געקאָנט אַרבעטן יעדן טאָג פון דער וואָך צוליב איר שוואַכן געזונט, און זי האָט געמוזט פאַרלאָזן איר דזשאָב אין דער וועשעריי.

אַ קורצע צייט האָט זי געאַרבעט אַלס וועיטערקע אין אַ רעסטאָראַן, דערנאָך איז זי געווען געצוואונגען אָנצונעמען הויז־אַרבעט: ראַמען צימערן, וואַשן דילן, וואַשן און פּרעסן וועש . . .

דער געדאַנק צו פאָרן אַהיים מיטן קינד האָט אויף איר אָנגעוואָרפן אַ מורא . . . די געדרעדעריי אין שטעטל . . . אַ פלעק אויף דעם יחוסדיקן נאָמען פון דער בלענשאַרד פאַמיליע . . . זי מוז וואַרטן, האָט זי באַ־שלאָסן, ביז איר זונעלע וועט אונטערוואַקסן, וועט זי אים אַריינגעבן אין אַ קינדערהיים, און זי וועט אַהיים פאָרן צו איר אָנקל. קיינער וועט נישט וויסן וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איר. זי וועט צוריקקריגן איר שטעלע אַלס לערערין. אָפט פלעגט זי טראַכטן וועגן דער מעגלעכקייט פון חתונה האָבן מיט איר אָנקל, מיט פרענק בלענשאַרד.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איר אָנקל מוז זיין פאַרביטערט קעגן איר צוליב איר ליבע מיט פראַנצן. זי איז אָבער געווען זיכער, אַז פרענקס ליבע צו איר וועט גובר זיין זיין געקריוודעטן שטאָלץ. אַ חוץ דעם איז איר אָנקל פרענק אַ בלענשאַרד. זי ווייסט אַז אַ בלענשאַרד פאַרגעסט נישט ווען ער ווערט באַעוולהט פון אַ פרעמדן, אָבער די באַציאונג פון אַ בלענשאַרד צו אַן אייגענעם איז פונקט פאַרקערט, — אַן אייגענעם וועט אַ בלענשאַרד נישט ווײ טאָן צו לאַנג. דאָס נישט־געשריבענע פאַמיליע־געזעץ, „פאַרגיב און פאַרגעס", אַפילו די גרעסטע עוולה פון אַן אייגענעם, איז ביי די בלענשאַרדס הייליק.

זי האָט אָבער איר פּלאַן נשט דורכגעפירט. די צוויי יאָר זאָרג און שווערע אַרבעט האָבן אונטערגעגראָבן איר שוואַך געזונט. ווען זי האָט שוין נישט געקאָנט אַרונטערגיין פון בעט און דערפילט אַז אירע טעג

זענען שוין געציילטע, האָט זי געשיקט נאָך איר אָנקל פרענק בלענשאַרד. ער איז באַלד געקומען און געבראַכט צו איר די בעסטע דאָקטוירים פון שטאָט. עס איז שוין אָבער געווען צו־שפּעט . . .

פרענק האָט נישט געפילט קיין נאָענטקייט צו פיליסעס צוויי־יאָריקן זון, כאָטש זיין נאָמען איז געווען פרעד בלענשאַרד, — דער נאָמען פון פרענקס פאָטער. פאַר איר טויט האָט ער צוגעזאָגט פיליסן, אַז ער וועט זאָרגן פאַר איר קינד, און ער האָט זיין צוזאָג געהאַלטן. ער האָט אַוועקגעפירט דעם קליינעם פרעדי אין אַ בית־יתומים און באַצאָלט פאַר אים אין פאָראויס פאַר צוויי יאָר.

נאָך פיליסעס לוויה איז פרענק אַהיימגעקומען צעווייטיקט און צעבראָכן. ער איז אַריין אין זיין שלאָפצימער, אויסגעטרונקען אַ גלאָז בראָנפן און זיך אַריינגעוואַלגערט אין בעט אַריין, אָבער ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן.

זיינע געדאַנקען האָבן אים געפייניקט אָן אַן אויפהער. ניין, ער איז נישט שולדיק אין פיליסעס טויט, האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן. ווי האָט ער געקאָנט וויסן, אַז זי לעבט אין אָרעמקייט, נויט, און איז אַזוי ערנסט קראַנק, אַז זי האָט די גאַנצע צייט אים נישט געלאָזט וויסן וועגן זיך, אַז ער האָט אַפילו נישט געוואוסט וואו זי געפינט זיך, — האָט ער ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל זיך פאַרענטפערט אין זיין געדאַנק. ווען ער וואָלט געוואוסט ! . . . ווען זי וואָלט געלאָזט וויסן . . . ער וואָלט איר אָפּגעגעבן זיין לעצטן דאָלער ; ער וואָלט אַפילו פאַרזעצט זיין פאַרם זי צו ראַטעווען.

ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער איז אַרויס פון בעט און האָט געשפּאַנט איבערן צימער הין־און־צוריק פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען, וואָס האָבן אים נישט אויפגעהערט צו פייניקן.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם בילד פון זיינע עלטערן, וואָס איז געשטאַנען אויף זיין גרויסן שרייב־טיש. אַ מידער און אַ צעווייטיקטער האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און געמורמלט : — „גלויבט מיר, אַז איך בין נישט שולדיק אין פיליסעס טויט . . . איך האָב זי ליב געהאַט מער ווי מיין אייגן לעבן. איך בין נישט שולדיק" . . .

פלוצים האָט אַ געדאַנק אַ בליץ געטאָן אין זיין צעדרודערטן מוח און האָט אים אויפגעשטורעמט : פראַנץ, פראַנץ ווינהאַרץ, איר געליבטער,

דער פאָטער פון איר קינד, — ער איז שולדיק. ער האָט זי אומגעבראַכט. ער האָט געוואוסט וואו פּילים געפינט זיך. איידער זי איז געשטאָרבן האָט אים פּילים דערציילט, אַז פראַנץ האָט איר די גאַנצע צייט געשריבן בלויז איין בריוו . . . ער, פראַנץ, וואָס האָט זי פאַראומגליקט; ער האָט זי פאַרלאָזט ווען זי איז געווען קראַנק און אין נויט. ער איז שולדיק אין פּילִיסעס פריציייטיקן טויט . . .

אַ פייערדיקער צאָרן האָט זיך צעגליט אין זיין קערפּער קעגן פראַנץ ווײנהאַרץ. ער האָט געציטערט פון כעס. עס האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, האָט אַריינגענומען זיין פּנים אין זיינע גרויסע הענט און שטיל און צאָרנדיק געמורמלט:

— „פראַנץ ווײנהאַרץ, דו מערדער פון מיין פּילים, איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, קיינמאָל נישט!"

ער איז געבליבן זיצן אויפן בעט אַן אויסגעשעפּטער. עפּעס האָט ער געטראַכט . . . עפּעס האָט ער געמורמלט אין זיין כמעט־באַוואוסטלאָזן, האַלב־שיכורן צושטאַנד, ביז זיין גרויסער קערפּער האָט זיך אַריינגעגליטשט אין בעט אַריין און ער איז פאַרזונקען געוואָרן אין אַ טיפן שלאָף.

ער איז אָפּגעשלאָפן די גאַנצע נאַכט און אַ שטיק פון טאָג. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז זיין קערפּער געווען ווי מיט בליי אָנגעגאָסן. ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין וואַש־צימער, אַרונטערגעשטעלט דעם קאָפּ אונטערן קראַן און געלאָזט לויפן דאָס קאַלטע וואַסער. ער האָט זיך דערפילט דערפרישט. דערנאָך איז ער אַריין אין קיך, אויפגעקאָכט קאַווע, אויסגעטרונקען צוויי טעפּעלעך הייסע, שוואַרצע קאַווע און פאַררויכערט זיין ליולקע.

עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז אויפגעשטאַנען פון אַ לאַנגער, ערנסטער קראַנקהייט. איצט, האָט ער געטראַכט, אַז ער איז געזונט געוואָרן, מוז ער וואָס גיכער זיך אַריינפּאַסן אין נאָרמאַלן לעבן. אַזוי ווי ביז איצט טויג נישט . . . ער מוז זיך נעמען אין די הענט אַריין. פּילים איז נישטאָ מער. אַזוי לאַנג ווי זי האָט געלעבט, האָט ער געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז זי וועט קומען צו אים . . . אָבער איצט . . . זיין האָפענונג איז געשטאָרבן צוזאַמען מיט פּילִיסן . . . איצט איז ער אַליין . . . דער לעצטער פון די בלענשאַרדס . . . אין משך פון עטלעכע

יאָר זענען אַלע אַנדערע בלענשאַרדס אויסגעשטאָרבן, נאָר ער, פראַנק, דער איינציקער בלענשאַרד, איז נאָך פאַרבליבן און די פאַרזעצונג פון דער שיינער און יחוסדיקער בלענשאַרד־פאַמיליע ווענדט זיך איצט אין אים . . . ער מוז מאַכן אַ סוף צו זיין איינזאַמען בחורשן לעבן, — האָט ער פעסט באַשלאָסן. אָבער ווער? ווער קאָן פאַרנעמען פיליסעס פּלאַץ אין זיין צעוויייטיקט האַרץ? . . .

— „טעריסאַ! טעריסאַ פּאַרעלי!" — האָט ער לאַנגזאַם און שטיל אַרויסגעמורמלט. אַ דערקוויקנדיקע וואַרעמקייט האָט אים אַרומגענו־מען . . . יאָ, טעריסאַ איז זיין איינציקע האָפענונג . . . אָבער טעריסאַ איז מסתמא ברוגז, ווייל נישט געקוקט אויף אַלע אירע ענערגישע באַ־מיאונגען האָט ער איר שטענדיק געענטפערט מיט קאַלטער גלייכגילטי־קייט . . . ווייל בלויז פיליס האָט עקזיסטירט פאַר אים . . .

ער איז אָבער כמעט ווי זיכער, אַז ער קאָן זי איבערבעטן . . . ער איז כמעט ווי זיכער, אַז טעריסאַ וועט מיט פאַרגעניגן זיך לאָזן איבער־בעטן . . . זיין באַשלוס וועגן טעריסאַן האָט אים אויפגעמונטערט. זיינע אומעטיקע געדאַנקען זענען ווי פאַרשוואונדן. טעריסאַס נאָמען האָט אים איבערגעטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט, אין אַ וועלט פון לעבעדיקע האָפענונגען. גוט וואָס טעריסאַ איז נאָך נישט פאַרהייראַט, האָט ער מיט פאַרגעניגן געטראַכט. זונטיק . . . ניין, נאָך מאָרגן, שבת אָוונט, וועט ער צופאָרן צו זיינע שכנים, די פּאַרעלים, און זונטיק וועט שוין אפשר זיין אַ נייער אָנהייב פון זיינע האָפענונגען, און פון אַ נייעם ציל אין זיין לעבן . . .

דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג איז ער געווען אומרואיק. ער האָט נישט געקאָנט אַרבעטן און זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט. ווען דער אָוונט איז ענדלעך צוגעפאַלן, האָט ער זיך באַרואיקט. ער האָט זיך אָפּגעגאָלט, זיך אַרומגעוואַשן און זיך אויסגעפוצט אין זיינע בעסטע יום־טובדיקע קליידער. ער האָט זיך באַטראַכט אין שפּיגל און האָט הנאה געהאַט פון זיין אויסזען.

אין זיין גלאַנציקן שוואַרצן אויטאָמאָביל האָט ער אַריינגעלייגט צוויי פלעשער פון זיין בעסטן רויטן וויין, אַ גרויסן געבאַקענעם „העם" און מיט זיין מאַמעס דימענטענעם ירושה־פינגערל אין זיין קעשענע, איז ער אָוועקגעפאָרן צו זיינע שכנים — די פּאַרעלים.

טעריסאַ פּאַרעלי

ניק פּאַרעלי, אַ ברייט־פּליציקער מאַן אין די פופציקער, מיט אַ גרויסן, קיילעכדיקן קאָפּ באַדעקט מיט געדיכט גרויע האָר, מיט אַ רויט־לעך פּנים, באַצירט מיט גראָבע וואָנצעס, האָט אים אויפגענומען מיט גרויס וואַרעמקייט:

— פרענק, מאַי באָי, ס'איז אַ כּבוד און אַ פאַרגעניגן דיך צו זען ביי מיר אין הויז; מיר וועלן שוין האָבן אַ פריילעכע שבתדיקע נאַכט! . . .

מיסעס פּאַרעלי, אַ הויכע מאָגערע פרוי, וואָס האָט אויסגעזען עלטער פון אירע פופציק יאָר, האָט אים באַגעגנט מיט מאַמעשער וואַרעמער פריינטלעכקייט.

טעריסאַ, די שוואַרץ־חנעוודיקע שיינהייט, מיט אַ קרוין שוואַרצע האָר, לעבעדיקע שוואַרצע אויגן, מיט אַן אויסגעטאַקטן, געזונטן רירעוו־דיקן קערפּער, האָט אים באַגעגנט מיט אַן איינגעהאַלטענער פריינטלע־כער באַגריסונג.

פרענק האָט אָוועקגעשטעלט די פלעשער וויין, אַוועקגעלייגט דעם „העם" אויפן טיש און אַ צופרידענער פון דער אויפנאַמע, האָט ער מיט אַ שמייכל באַמערקט:

— אַז איר קומט נישט צו מיר, מוז איך דאָך קומען צו אייך.

ניק פּאַרעלי האָט גוטמוטיק פּראָטעסטירט:

— ניין, פרענק, ביזט נישט גערעכט. דו ביזט אונדז שולדיק אַ וויזיט. האָסט, ווי עס ווייזט אויס, פאַרגעסן דעם חשבון.

די מיסעס פּאַרעלי, וואָס איז דווקא געווען צופרידן מיט דעם וויין און מיט דעם „העם", וואָס פרענק האָט געבראַכט, האָט זי דאָך מיט אַן ערנסטן אָנשטעל זיך באַקלאָגט:

— פרענק, דו קאָנסט נישט פּטור ווערן פון דיינע שלעכטע געוואוינ־הייטן; וואָס וועלן מיר טאָן מיט אונדזערע „העמס"? זיי צוריקגעבן צו די אָפּגעבראָטענע חזירים?

טעריסאַ האָט אָנגעצונדן די לאָמפּן אין די צימערן. זי האָט פאַר־שפּרייט דעם טיש אין גרויסן עס־צימער מיט אַ ווייסן טישטוך און האָט אַוועקגעשטעלט גלעזער, טעלער, גאָפּלען, מעסערס און גרויסע קיילעכ־דיקע פאַרשידענע קעזן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי קיילעכדיקע לעקעכער.

אַלע פיר, די פּאַרעלים און פרענק זענען געזעסן אַרום דעם קײלעכדיקן טיש. ניק האָט אָנגעגאָסן די גלעזער מיט װײַן. ער האָט אױפגעהױבן זײַן גלאָז אין דער הײך און געװאונטשן „פּאַר פריילעכע טעג". ער האָט אַ זופּ געטאָן פון דעם גלאָז און אױסגעשריגן מיט ענטוזיאַזם:

— או־װאַ! אָט דאָס הײסט װײַן! זאָג נאָר, דו צאַצקעדיקער שכן מײַנער, װאו באַהאַלטסטו עס אױס אַזאַ מחיהדיקן װײַן?

— אָט דעם װײַן, — האָט פרענק געענטפערט מיט אַ פאַרדעכטיק שמײכעלע, — האַלט איך פאַר גאָר װיכטיקע שמחות.

— שױן צײַט, פרענק, אַז דו זאָלסט װיסן, אַז װען ניק גיסט אַרײַן איז בײַ אים אַ װיכטיקע שמחה, — האָט מיסעס פּאַרעלי באַמערקט מיט אַ שמײכל.

— ריכטיק, ריכטיק, מײַן אַלטיטשקע, — האָט ניק געענטפערט און געװישט מיט דער האַנט זײַנע װאָנצעס, — װען איך טרינק איז בײַ מיר אַ שמחה, און װען עס איז אַ שמחה, דאַרף מען דאָך טרינקען. איך האָב ליב שמחות. די געזינטסטע זאַך אין לעבן איז אַ שמחה.

— טאַטע, דוכט זיך, אַז דיר פעלן, חלילה, קײנמאָל נישט אױס קײן שמחות, — האָט טעריסאַ גוטמוטיק באַמערקט.

ניק האָט נאָכאַמאָל אָנגעפילט די גלעזער און אַז אױפגעלײגטער גע־זאָגט:

— מײַן גרעסטער פאַרגעניגן איז צו פאַרברענגען מיט דיר, פרענק, און מיט מײַנע צװײ פרינצעסינס, בײַ אַ גלעזל װײַן. אַ שאָד װאָס דײַן טאַטע איז נישטאָ מיט אונדז. געדענקסט, פרענק, װען מיר בײדע, און דײַן טאַטע, האָבן געטרונקען אַ גאַנצע נאַכט ביזן װײסן טאָג אַרײַן?

— יאָ, ניק, איך געדענק אױך, — האָט זיך מיסעס פּאַרעלי אַרײַנגע־מישט, — אינדערפרי זענט איר אַלע דרײַ געשלאָפן אױף דעם דיל װי טױטע.

— נו, עס איז דאָך דעמאָלט געװען מײַן גרױסער יום־טוב! — האָט זיך ניק פאַרענטפערט, — איך האָב דאָך יענעם טאָג אַרײַנגעטראָגן אין דער באַנק די לעצטע אײנצאָלונג אױף מײַן „מאָרטגעדזש". עפּעס אַ קלײניקײט, צװאַנציק יאָר אַ „מאָרטגעדזש" אױף מײַן פאַרם. די פּראָ־צענטן װאָס איך האָב אָפּגעצאָלט האָבן דאָך מיך שיעור נישט אױפ־געפרעסן.

פרענק האָט הילכיק געלאַכט:

— יענע נאַכט וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, — האָט ער געזאָגט כמעט פאַרשעמט, — מיין טאַטע איז שוין געווען גאָר גוט פאַרשניאַשקעט ווען ער האָט פלוצים אַ זאָג געטאָן: „ניק, כ'בין דיך מקנא, וואָס דו פאַרמאָגסט אַזאַ גראַטענע טאָכטער". און דו, ניק, ביזט שוין אויך געווען פאַרשניאַשקעט און האָסט אים געענטפערט, אַז ביזט מקנא מיין טאַטן, וואָס ער פאַרמאָגט אַזאַ גראַטענעם זון; געדענקסט, ניק?

ניק האָט האַרציק געלאַכט:

— געוויס, געוויס געדענק איך. דיין טאַטע האָט זיך געבעטן ביי מיר, אַז איך זאָל אים פאַרקויפן מיין בת־יחידה, מיין טעריסאַן, האָב איך אים געענטפערט, — „פאַרקויף מיר דיין זון", געדענקסט, פרענק? מיר האָבן זיך לאַנג געאַמפּערט, ביז מיר האָבן באַשלאָסן חתונה צו מאַכן אייך ביידע, — דיך מיט מיין טעריסאַן. איך האָב געוואָלט אויפוועקן מיין ווייב און מיין טאָכטער און זיי אָפּגעבן מזל־טוב, נאָר ביז וואַנען איך האָב זיך אויפגעהויבן פון טיש און זיך געשטעלט אויף מיינע וואַקלדיקע פיס, איז שוין דיין טאַטע געלעגן אויף דעם דיל און געשמאַק געכראָפּעט, — און אוים מיט דעם שידוך.

טעריסאַ איז בלייך געוואָרן און האָט געביסן אירע ליפּן.

אַ העלפט פון דעם וויין איז שוין געווען אויסגעטרונקען. זיי האָבן געגעסן „העם" און קעז, געטרונקען און זיך דערציילט פאַרשידענע מעשיות, וויצן און האָבן האַרציק געלאַכט.

פלוצים האָט פרענק ערנסט אַ זאָג געטאָן:

— היינט אָוונט ביז איך געקומען נישט גלאַט אויף אַ וויזיט, נאָר צוליב זייער אַ וויכטיקן ענין.

ניק, מיסעס פאַרעלי און טעריסאַ האָבן איינגערינגלט פרענקן מיט דורשטיק־פרעגנדיקע בליקן.

פרענק האָט געמיטלעך אָנגעשטאָפּט זיין ליולקע מיט טאַבאַק, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און פאַררויכערט.

אין דער פלוצימדיקער שטילקייט אין הויז איז די יום־טובדיקע שטימונג פון די פאַרעלים ווי פאַרגליווערט געוואָרן. זיי האָבן מיט אָנגעשטרענגטן נייגער געוואַרט אויף פרענקס דערקלערונג וועגן „דעם זייער וויכטיקן ענין" צוליב וועלכן ער איז געקומען צו זיי.

ענדלעך האָט פרענק פאַרגעזעצט מיט אַן איינגעהאַלטענער און געצווימטער רואיקייט:

— איר קאָנט מיך שוין אַ לאַנגע צייט. איר האָט געקאָנט מיינע עלטערן און מיין גאַנצע פאַמיליע, דאַרף איך דאָך זיך נישט פאָרשטעלן פאַר אייך. און דו, טעריסאַ, קאָנסט מיך פונקט ווי איך קאָן דיך. מיר זענען אַלטע פריינט . . . איז, אויב דו ווילסט, טערי, און אויב איר, ניק און מיסעס פארעלי, זענט מסכים . . . איר פאַרשטייט? . . . איך האָב זיך שוין אַ לאַנגע צייט געקליבן מיט אייך צו ריידן וועגן דעם . . . נאָר אין קורצן, איך וויל דיך פרעגן, טעריסאַ, צי דו ווילסט חתונה האָבן מיט מיר?

טעריסאַ האָט שיעור נישט געחלשט פון אָנגעשטרענגטער און אומגעדולדיקער נייגעריקייט. עס האָט איר אויסגעפעלט לופט צו אָטעמען. אינסטינקטיוו האָט זי געפילט, אַז פרענק וויל איר מאַכן אַ חתונה־פאָרשלאָג, און עס האָט זי פאַרדראָסן וואָס ער רעדט אַזוי לאַנג און אַזוי געמיטלעך און איילט זיך נישט צו זאָגן וואָס זי וויל הערן . . .

ווען פרענק האָט ענדלעך פאַרענדיקט ריידן, האָבן טרערן אַ שטראָם געטאָן פון אירע גרויסע שוואַרצע אויגן און זי האָט כמעט ווי אויסגעשריען:

— ערשט איצט ביזטו געקומען מיט דיין חתונה־פאָרשלאָג צו מיר, גרויסער קאַוואַליער מיינער? האָסט זיך קוים דערמאָנט! און פאַרוואָס האָסטו געוואַרט אַזוי לאַנג?

פרענק איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט געטראַכט, אַז נישט טעריסאַ, און קיינער נישט אויף דער וועלט, וועט ווען עס איז וויסן פאַרוואָס ער האָט געוואַרט אַזוי לאַנג . . . טעריסאַס פראַגן האָבן אַ קראַץ געטאָן זיין וואונד. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז טעריסאַ וויל זיך אָפּזאָגן פון דעם שידוך.

— נו, האָט ער געוואַרט, און דו האָסט געוואַרט, און מיר אַלע האָבן געוואַרט, — האָט ניק בייז זיך צעשריגן, — ווילסט, צי ווילסט נישט, דאָס איז דער עיקר, מיין געראָטענע טאָכטער, און צוליב וואָס איז דאָס געווייזן, איך בעט דיך?

מיסעס פארעלי האָט געציטערט פון שרעק. זי האָט געוואוסט, אַז איר טאָכטער האָט לאַנג געוואַרט אויף פרענק בלענשאַרד, און זי האָט זיך

געשראָקן, אַז אפשר נאָר אַזוי פיל יאָרן וואַרטן איז איר טאָכטער פאַר־ביטערט געוואָרן קעגן אים און וועט אים צוריקווייזן. זי האָט געביסן אירע בלייכע ליפּן און געשוויגן.

— וואָס מיין ענטפער איז, ווילסטו וויסן, טאַטע? און דו, מאַמע, ווילסט דאָך אויך וויסן, און דו פרענק ווייסט, אַז כ׳האָב זיך אָפּגעזאָגט פון די בעסטע שידוכים אין שטאָט, ווייל . . .

זי האָט זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן פון בענקל און איז צוגעגאַנגען צו פרענקן. זי האָט אים אַרומגענומען און אים האַרציק געקושט.

יענע נאַכט זענען ניק פאַרעלי און פרענק בלענשאַרד ווידער געשלאָפן פאַרשניאַשקעט אויף דעם דיל אין ניקס עס־צימער.

אינדערפרי, ביים איבערבייסן, האָט געהערשט אַ געהויבענע שטי־מונג. ניק פאַרעלי האָט זיך געוויצלט. ער האָט געפרעגט פרענקן וויפל נדן ער דאַרף אים געבן.

מיסעס פאַרעלי האָט געציטערט פון שרעק. זי האָט געוואוסט, אַז איר גרעסטענע טאָכטער איז איר גאַנץ פאַרמעגן, און אַז איצט, ווען פרענק נעמט ביי איר צו די טאָכטער, בלייבט זי פאַראָרעמט.

ניק האָט זיך געבייזערט:

— ביזט נישט גערעכט, מיין טייערע אַלטיטשקע! אַבסאָלוט נישט גערעכט! איצט האָבן מיר אַ זון מיט אַ טאָכטער, און גאָר אינגיכן וועלן מיר האָבן אייניקלעך, וועלן מיר ווערן גאָר גרויסע גבירים, פאַר־שטייסט, אַלטיטשקע?

פרענק האָט גאָר אויסגענומען ביי די פאַרעלים, ווען ער האָט זיי גע־זאָגט מיט ערנסטער אויפריכטיקייט, אַז עס איז נישט קיין סוד, אַז ער איז, חלילה, נישט קיין אָרימאַן, אָבער נישט געקוקט אויף זיין היפּשן פאַרמעגן פלעגט ער אָפּט זיך פילן עלנט, און כמעט גלייכגילטיק צו זיין רייכטום, אָבער איצט, מיט טעריסאַן אַלס זיין לעבנס־שותף, הייבט ער אָן פילן, אַז זיין פאַרמעגן איז פּלוצים גרעסער געוואָרן, און אַלץ איז אים געוואָרן טייערער און ליבער. ער האָט איינגעלאָדן טעריסאַן צו גיין מיט אים באַקוקן זיין גרויסן פאַרם, וואָס איז איצט שוין זייער בשות־פותדיק אייגנטום.

די פּראַכטפולע זומערדיקע זון אין בלוי־בלויען הימל האָט זיי באַ־געגנט, ווען זיי זענען אַרויס אין גאַס. אין דעם קליינעם „פאָרדל" זענען

פרענק און טעריסאַ געפֿאָרן איבער די וועגן וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם זאָרגעוודיק־קולטיווירטן פֿינף הונדערט אַקערדיקן פֿאַרם, איבער אַ העלפֿט פֿרוכטבאַרן באָדן און דאָס איבעריקע, זאַפֿטיק גראָז, וואַלד און טייך.

טעריסאַ איז ווי פֿאַרכישופֿט געוואָרן פֿון דער פּראַכטפֿולער פּאַנאָ־ראַמע. דער לאַנגער און ברייטער וועג ציט זיך אַלץ העכער און העכער, ביז ער דערגרייכט דעם באַרג, וואָס פֿלאַכט זיך אויס אויף אַ גרויסן גלייכן שטח, אויף מײַלן ווײַטקייט, ווי ווײַט דאָס אויג קאָן דערגרייכן. אונטן אין טאָל — רייען הײַזקעלעך, — דאָס שטעטל ריווערוויל, און האַרט ביים שטעטל, גלאַנצט דער ריווערוויל טייך, וואָס ציט זיך אויף מײַלן, און נישט ווײַט פֿון דעם טייך — בערג; איין באַרג העכער פֿונעם צווייטן, און צווישן איין באַרג און דעם צווייטן — פֿעלד און וואַלד.

אויף דעם פֿלאַכן באַרג פֿון פֿרענקס פֿאַרם איז דער ווײַנגאָרטן. אין גלייכע רייען שטייען אָפּגעזונדערטע ביימלעך, — אַ וואַלד מיט נידע־ריק שיין־צעוואַקסענע ביימעלעך, אָנגעפּיקעוועט מיט לאַנגע, שווערע סטרוגערס, אָנגעפּאַקטע קײַלעכדיקע און לאַנגע, געלבלעכע, ראָזעווע און רויטע ווײַנטרויבן, וואָס צײַטיקן זיך אויף דער הייסער זון. די לופֿט — פֿאַרשיכּורנדיקער פּאַרפֿיום. די שטילקייט שלעפֿערט אײַן.

און ווײַטער. דער פּרעכטיקער פֿרוכט־גאָרטן. אין גלייכע רייען שטייען אויסגעשטעלט געזונטע, ברייט־צעוואַקסענע עפּל־ביימער און די צווייגן זענען אָנגעלאָדן מיט גרויסע גרינע עפּל, „מעקענטאָש עפּל", „דע־לישעס", „נאָרטערן עפּל", „באַלדווינס" און פֿיל אַנדערע מינים עפּל.

און באַרן־ביימער, פֿלוימען, פּערשקע־ און ווײַנשל־ביימער, — אַלע אָנגעלאָדן מיט פֿרוכט.

אין גאָרטן איז ציכטיק־ריין, קיל, שאָטנדיק און סודותדיק שטיל. שטילער פֿייגל־פּלי, פֿייגל־צוויטשערײַ און פֿייגל־געזאַנג. אַ צעשראָ־קענער האָז שפּרינגט אַ פֿאַרצווייפֿלטער אין גראָז. אַ יונגער הירש גאַ־לאָפּירט זיי פֿאַרבײַ.

געצוימט און אײַנגעהאַלטן אין פֿרענקס קרעפֿטיקע הענט, נידערט דאָס „פֿאָרדל" אַראָפּ פֿון דער באַרגיקער הייך, צוריק אויף דעם גע־שלענגלטן וועג, אויף דעם פֿלאַכן לאַנד. בײַ בײדע זײַטן פֿון דעם וועג, אויף די ברייטע פֿעלדער, הויכע גרינע שטאַנגען, פֿול באַלאָדן מיט גרינע

און רויטלעכע טאָמאַטן און ווייטע שטרעקעס פּאַרזייט מיט קרויט, לעטוס און סעלערי, רעטעכער און רובאַרב, קאַרטאָפל, ציבעלעס, קנאָבל און אַרבעס, — אַלעס וואַקסט דאָ שפּעדיק אין גלייכע געמאָסטענע רייען.

נידעריק, האַרט ביי דער ערד, ציען זיך לאַנגע סטענגעס, באַדעקט מיט גרויסע און ברייטע גרינע בלעטער, און אונטער די בלעטער — גרינע, קליינע, באַבראַדיוועקטע אוגערקעלעך, קאַנטאַלאָפּס, דיוו־מע־לאָנס, אַרבוזן און דיניעס.

און העכער, אויף אַ שטיק באַרגיק לאַנד, הויכע, אין אַ גלייכער שע־רענגע, קוקורוזע־שטאַנגען מיט לאַנגע בלעטער, און אויפן שפּיץ פון יעדן שטאַנג, וויגן זיך קליינע געלע טרעלדעלעך, און נאָענט דערביי, אַ לאַנגער פּאַס מיט זונבלומען, מיט גרויסע קיילעכדיקע טעלער־קעפּ ארומגעזוימט מיט געל־סאַמעטענע בלעטעלעך.

פון דעם באַרג גיסט זיך אַ גאַרגלדיקער וואַסערשטראָם און באַהעפט זיך מיטן טייך, מיט שוימענדיקער הנאה. דער באַרג האָט דערלויבט דעם וואַסערשטראָם אויסקאַרבן אין זיין רוקן אַ שטראָמיקן וועג פאַר זיך.

דעם גרויסן, שווערן און שטילן באַרג, וואָס איז שוין אַ סך, אַ סך יאָרן אַ תושב אויף פּרענקס בלענשאַרדס פאַרם, ווערט היימלעכער ווען ער הערט זיך איין צו דעם שטענדיק־לעבעדיקן, שפּרודלדיקן וואַסער־שטראָם, וואָס איילט זיך און יאָגט זיך שטענדיק מיט זיין מאָנאָטאָנעם טומל צו דעם קרישטאָל־קלאָרן טייך, וואָס איז דעם באַרגס שכן. פון זינט ער איז באַרג געדענקט ער דעם טייך, וואָס חנדלט זיך צו אים, און אין די הייסע טעג קילט ער זיין־ פון דער זון אָנגעהיצטן שווערן באַרגיקן גוף.

נישט ווייט, אויף אַ שטיק פלאַכן פעלד, אַ טשערעדע קי, רויטע קי, ווייסע קי מיט ברוינע לאַטעס אויף זייערע ווייסע פעלן, מיט אָנגעגאָ־סענע הייטערס, פּאַשען זיך אויף דעם גרויסן שטח, נישט ווייט פון טייך.

נישט ווייט פון דער קו־טשערעדע,—הינער, קאַטשקעס, אינדיקעס און גענדז גאַנערן, קוואַקען. זיי קריגן זיך און צעשלאָגן זיך אין זייערע גרוי־סע, מיט געפלאָכטענע דראָטענע ווענט אַרומגעצוימטע היים־שטייגן.

נאָך ווייטער, אַ ריי גרעסערע און קלענערע געביידעס, גוט געבויט,

אויףברייטע שטיינערנע פונדאַמענטן; שפּייכלערס, שטאַלן, גאַראַדזשעס, און אַ גאַר גרויס הויז מיט ברייטע טירן, — דער ווערקשטאַט, וואו מען פאַרריכט די טראַקטאָרס, די טראָקס, אויטאָמאָבילן און אַנדערע פאַרם־געצייג און כלים.

אָפּגערוקט און אָפּגעזונדערט, נישט ווייט פון דעם אַריינפאַר־טויער, שטייט דאָס גרויסע הויז, די היים פון דער בלענשאַרד־פאַמיליע, אַרומגערינגלט מיט הויכע, געזונטע ברייט־צעוואַקסענע דעמב־ און נאַרוועגישע ספּרוס־ביימער און בלומען פון אַלערליי קאָלירן.

טעריסאַ האָט זיך נישט געקאָנט אַנזעטיקן מיט דער שיינקייט פון דעם פּראַכטפולן פאַרם, מיט דער זאָרגעוודיק־איינגעשטעלטער ווירטשאַפט, און מיט דער ריינקייט און ציכטיקייט אין יעדער ווינקל.

— איך האָב גאָרנישט געוואוסט, פרענק, אַז דיין פאַרם איז אַזאַ גן־עדן, — האָט טעריסאַ מיט אויפריכטיקער באַוואונדערונג באַמערקט.

— ניין, טעריסאַ, נישט מיין פאַרם, נאָר אונדזער פאַרם. דאָס אַלץ וואָס דו זעסט האָט פריער מיין זיידע און דערנאָך מיין טאַטע פאַרפלאַנצט און אויפגעבויט. ווען זיי זענען געקומען אַהער איז דאָס שטיק לאַנד געווען איין שטיק ווילדערניש. מיט זייער שווערער עקשנותדיקער און אומדערמידלעכער אַרבעט האָבן זיי פון דער ווילדערניש, אין משך פון פיל יאָרן, אויסגעאַרבעט און אויסגעטאַקט דעם איצטיקן בלענשאַרד־פאַרם. דער פרוכטבאַרער באָדן האָט זיך נישט געעקשנט און נישט געפוילט; יעדעס שטיקל ערד וואָס זיי האָבן אָפּגערייניקט, פאַרפלאַנצט, באַאַרבעט און געהיט, האָט זיי באַלוינט מיט זאַפטיקער שפע.

— טעריסאַ, — האָט פרענק גערעדט מיט געפיל, — איך האָב ליב דעם פאַרם. איך האָב ליב די ווינטערס דאָ. און אין די פרילינג־ און זומער־חדשים, ווער איך ווי די ערד און די ביימער באַנייט, דערפרישט, און מיין האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט פרייד און באַוואונדערונג פון דער אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער שיינקייט אויף דעם פאַרם.

— איצט, טעריסאַ, וועלן מיר געניסן די פרוכט פון מיין זיידנס און מיין טאַטנס האָרעוואַניע. מיר וועלן אָפּהיטן די שיינע און שווער־פאַרהאָרעוועטע בלענשאַרד־ירושה פאַר אונדזערע קינדער און אייניקלעך.

טעריסאַ האָט געשמייכלט. מיט געמישטע געפילן פון פאַרדראָס און זיסן טריאומף האָט זי אים גוטמוטיק געפרעגט:

— פאַרוואָס, פרענק, האָסטו מיך געלאָזט וואַרטן אַזוי לאַנג? האָסט דאָך געוואוסט וועגן מיינע געפילן צו דיר. האָסט דען נישט פאַר־שטאַנען, אַז איך לייד פון דיין גלייכגילטיקייט צו מיר?

פרענק האָט געשוויגן. „פּיליס!" — האָט אַ בליץ געטאָן אין זיין מוח. טעריסאַ האָט נישט געוואוסט, אַז זי האָט אַ קראַץ געטאָן אַ וואונד אין פרענקס האַרץ. זי האָט געגלויבט, אַז זיין שווייגן איז אַ באַווייז אַז ער האָט חרטה אויף זיין אַמאָליקער גלייכגילטיקייט צו איר, און זי האָט מיט הנאה אַ זאָג געטאָן:

— פרענק, איך פאַרגיב דיר. מיין טאַטע איז גערעכט. ער האַלט, אַז די זונשיין פון היינט און די אויסזיכטן פאַר אַ זוניקן מאָרגן, זענען שטאַרקער פון דעם אומעט פון די פאַרוואַלקנטע נעכטנס . . .

— טעריסאַ, — האָט פרענק שטיל געזאָגט, — דיין טאַטע איז זייער אַ קלוגער מענטש.

פרענק און טעריסאַ זענען געווען אַ גליקלעך פּאָר. באַלד נאָכן ערשטן טאָג פון זייער חתונה, האָט טעריסאַ זיך אַריינגעטאייגנט אין איר אַרבעט מיט בריהשער געניטקייט און פלייס. זי האָט געהאָלפן מעלקן די קי, האָט געהאָדעוועט די הינער, די קאַטשקעס, די אינדיקעס און די גענדז און די חזירים. זי האָט יעדן טאָג צונויפגעזאַמלט די אייער. זי האָט געראַמט דאָס הויז, געקאָכט, געבאַקן און אָנגעפּרעגלט צענדליקער סלאַיעס מיט איינגעמאַכטס. און פּונקט ווי פרענק איז זי שטענדיק גע־ווען פאַרטאָן אין אַרבעט, און איז קיינמאָל נישט געווען מיד פון איר אַרבעט.

פרענק האָט אָנגעקוואַלן פון טעריסאַס בריהשקייט און זיך געפרייט מיט זיין גוטן מזל, מיט זיין טעריסאַן. ער האָט זיך באַראָטן מיט איר וועגן פאַרם און וועגן זיינע געשעפט־אָנגעלעגנהייטן, און האָט אָפט באַוואונדערט אירע שכלדיקע מיינונגען און עצות. בלויז איין סוד האָט ער געהאַלטן. ער האָט איר נישט דערציילט וועגן פּיליסן און וועגן איר זון, וואָס האָט זיך געפונען אין בית־יתומים.

מיט צוויי יאָר שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען דער פאָטער פון אַ זון מיט אַ טאָכטער, האָט ער פּלוצים געפרעגט טעריסאַן, צי זי געדענקט פּיליסן.

— געווים גערענק איך פּיליסן. איך בין דאָך אויפגעוואַקסן און גע־גאַנגען אין איין סקול מיט פּיליסן צוזאַמען, — האָט טעריסאַ געענט־פערט. — און וואָס פלוצים האָסטו זיך דערמאָנט אין דיין פּיליסן ? — האָט זי אים געפרעגט אַ פאַרחידושטע.

— טעריסאַ, וואָס ווייסטו וועגן פּיליסן ?

— איך ווייס דאָס וואָס אַ סך אַנדערע אין אונדזער געגנט ווייסן, אַז זי איז אַוועק פון איר היים צוליב אַן אומגליקלעכער ליבע, און מען האָט זיך געשושקעט, אַז זי איז געווען שוואַנגער, — האָט טעריסאַ געזאָגט, ווי זי וואָלט נישט געווען צו שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם ענין.

פרענק האָט איר דערציילט, אַז פּיליס האָט געבוירן אַ יינגעלע, אַז אַ ווייטער קרוב איז געווען דער פאָטער פון דעם קינד, אַז ער איז גע־שטאָרבן נאָך איידער דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, און אַז מיט עט־לעכע יאָר צוריק איז פּיליס געשטאָרבן.

טעריסאַ איז געוואָרן נייגעריק.

— און וואו איז איצט פּיליסעס קינד? — האָט זי געפרעגט מיט אויפריכטיקן נייגער.

פרענק האָט איר דערציילט, אַז נאָך פּיליסעס טויט האָט ער אַריינגע־געבן איר קינד אין אַ יתומים־הויז.

טעריסאַ איז אויפגעקאָכט געוואָרן.

— אין אַ יתומים־הויז ? — האָט זי אויסגעשריגן, — דיין בלוט־און־פלייש ? פרענק בלענשאַרד, האָסט גאָר נישט קיין האַרץ ? פּיליסעס קינד אין אַ יתומים־הויז ? און די גאַנצע צייט וואָס מיר זענען פאַר־הייראַט האָסטו מיר נישט דערציילט וועגן דעם. פאַרוואָס ? פאַרוואָס, פרענק, האָסטו מיר נישט דערציילט וועגן דעם ביז איצט ?

פרענק האָט געשוויגן.

— פרענק, ברענג מיר פּיליסעס קינד ! — האָט טעריסאַ געפאָדערט, — נעם אים אַרויס פון פרעמדע הענט ! זאָל ער אויפוואַקסן ביי אונדז, מיט אונדזערע קינדער צוזאַמען. מיין גאָט, פּיליסעס קינד אין אַ יתומים־הויז ! טעריסאַ האָט געציטערט פון אויפרעגונג און טרערן האָבן געגאָסן פון אירע אויגן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז פרעדי בלענשאַרד, פּיליסעס זון, געוואָרן אַ מיטגליד פון פרענקס און טעריסאַס פאַמיליע.

פרענק און טעריסאַ האָבן ליב געהאַט זייער עלטסטן זון פרעדי, ווי זיי האָבן ליב געהאַט זייערע אייגענע קינדער.

פרעדי האָט גיך געענדיקט די עלעמענטאַרע שולע, און אין האַי־סקול איז ער געווען איינער פון די בעסטע שילער. ער האָט זיך גיך צעוואַקסן, הויך, ברייט־פּלייציק, אַ געזונטער, אַ קרעפּטיקער, מיט אַ ליכטיקן פּנים און שיינענדיקע אויגן, — אַן עכטער בלענשאַרד.

—פרעדי איז אַריינגעראָטן אין מיין טאַטן, — פּלעגט פרענק אָפּט טראַכטן מיט טיפער הנאה, — אַ בלענשאַרד מיט די ביינער!

נישט טעריסאַ און נישט פרעדי האָבן געוואוסט, אַז פראַנץ וויינהאַרץ איז פרעדיס פאָטער.

ריוועראוויל

די אַלטע איינוואוינער פון ריוועראוויל דערקאָנען נישט זייער שטעטל. אין פאַרלויף פון צוויי צענדליק יאָר זענען אַ סך נייע גאַסן אויסגע־וואַקסן, און דאָס שטעטל האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דער לענג און אין דער ברייט. מעין סטריט — די הויפּט ביזנעס־גאַס, וואָס האָט מיט יאָרן צוריק פאַרמאָגט בלויז עטלעכע קליינע קראָמען, איז שוין איצט איבער צען בלאָק לאַנג, און ציט זיך אויס יעדן יאָר אַלץ לענגער.

מעין סטריט איז איצט אָנגעפּיקעוועט מיט גרויסע קראָמען, — מענער־ און פרויען־קליידער קראָמען, שיך־קראָמען, צירונג־קראָמען, אַ ריזיקע פינף־און־צען־סענט־קראָם, און גרויסע דעפּאַרטמענט קראָמען, וואו מען קאָן קויפן פון אַ פּעקל נאָדלען ביז אַ רעפריזשעריי־טאָר.

ריוועראוויל פאַרמאָגט איצט רעסטאָראַנען, סאַלונס, קלויסטערס, אַ יידישע שול, אַ באַנק, אַן עלעמענטאַר־סקול און אַ האַי־סקול, אַ שפּי־טאָל, אַ פייער־דעפּאַרטמענט, עטלעכע קלענערע און גרעסערע פאַבריקן, אַ גרויסע ציגל־ און צעמענט־פאַבריק, אַ גרויס געהילץ־געשעפט און אַ מואווי־טעאַטער.

די נייע גאַסן זענען אויסגעברוקירט. די נייע הייזער ווערן באַלויכטן מיט עלעקטרישער באַלייכטונג. די באַפעלקערונג האָט זיך פאַרצענ־פאַכט. יעדן יאָר וואַקסט די צאָל גבירים וואָס וואוינען אין די שענסטע גאַסן, אין פּראַכטפולע היימען און פאָרן אַרום אין גרויסע, שיינע אוי־טאָמאָבילן.

בלויז די אָרעמע וואוינען נאָך אַלץ אין די אַלטע הייזער מיט גאַז־באַלייכטונג און אָן מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן. „אָבער איין זאַך איז נישט געענדערט,״ — באַרימען זיך די עלטערע איינוואוינער פון רי־ווערוויל, — „די פרידלעכקייט, די רואיקייט און פריינטלעכקייט הערשט נאָך איצט אויך אין ריוועראוויל, ווי מיט יאָרן צוריק״, און זיי זענען שטאָלץ מיט זייער ריוועראוויל.

אָבער פּלוצים איז ריוועראוויל אויפגעציטערט געוואָרן, ווי פון אַן ערד־ציטערניש. עמיצער האָט אָנגעצונדן, צעבלאָזן און צעשפּרייט אַ פייער צווישן דער ריוועראוויל באַפעלקערונג.

קריגערייען און אַפילו געשלעגן אין די גאַסן. שכנים און לאַנג־

יאַריקע פּריינט זענען זיך געוואָרן בלוטיקע שונאים, ביינאַכט איז אַ גע־פּאַר אַרויסצוגיין אין גאַס. ריוועררוויל פאַרשליסט די טירן ביינאַכט; רי־וועררוויל לעבט אין שרעק. ריוועררווילער איינוואוינער זענען פאַר־צווייפלט.

מענטשן פרעגן זיך:

— וואָס האָט פּלוצים פּאַסירט אין דעם פרידלעכן ריוועררוויל? ווער האָט אָנגעצונדן די פייערדיקע שנאה און אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די איינוואוינער? ווער האָט פאַרגיפטעט די לופט אין ריוועררוויל?

די צוגעקומענע נייע באַפעלקערונג פון ריוועררוויל באַשטייט פון גע־מישטע נאַציאָנאַליטעטן: דייטשן, איטאַליענער, אוקראַאינער, פּאָ־ליאַקן, אַ קליינע צאָל יידן און נעגערס.

די גרעסטע צאָל פון דער צוגעקומענער באַפעלקערונג באַשטייט פון אַרבעטער, וואָס וואוינען אין געדונגענע דירות. די געשולטע, בעסער־באַצאָלטע אַרבעטער וואוינען אין באַקוועמע דירות, און אין ריינע, שיינע גאַסן.

די נעגערס זענען נישט קיין געשולטע אַרבעטער. זיי אַרבעטן אַלס פּאַרטערס (טרעגערס), גאַסן־ראַמערס, מיסט־־פירער און אין דער ציגל־און־צעמענט פאַבריק. זייערע פרויען און טעכטער ראַמען די היימען פון דער רייכער ווייסער באַפעלקערונג, וואַשן און פּרעסן זייער וועש. זייע־רע פאַרדינסטן זענען די נידעריקסטע, און זיי וואוינען אין די אַלטע חרובע הייזער, אַרויס דער שטאָט. אין זייערע היימען זענען נישטאָ קיין מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן. אין די נעגערישע היימען נוצט מען ביינאַכט ליכט אָדער קעראָסין־לאָמפּן. דאָ און דאָרט שטייט נאָך אַן אַלט הויז מיט גאַנצע איברים, אָבער די גרעסטע צאָל אַלטע חורבות דאָרט ליידן פון צעלעכערטע דעכער, איינגעהויקערטע ווענט, אויסגע־קרימטע גאַניקעס, און צעבראָכענע טרעפּ. די שמאָלע גאַסן זענען נישט ברוקירט און שטענדיק אָנגעוואָרפן מיט בערגלעך מיסט. אַט דער טייל פון שטאָט איז באַוואוסט אַלס „ניגער־טאָון".

די דייטשישע באַפעלקערונג פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין שטאָט. זי באַשטייט מערסטנס פון געשולטע אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט אַלס מאַשיניסטן, עלעקטריקער, קאַרפּענטערס, פּלאָמ־בערס, אויטאָמאָביל־מעכאַניקער, און אין אַנדערע געשולטע פאַכן. ווען

זייערע קינדער וואַקסן אונטער, און ענדיקן סקול, אַרבעטן די זין מיט זייערע טאַטעס ביי דעמזעלביקן פאַך, און די טעכטער קריגן באַשעפטי־קונג אין די קראָמען אַלס סיילסלעידיס, סטענאָגראַפערס, בוכהאַלטער און קאַסירערס. ביי די דייטשישע פאַמיליעס אַרבעטן צומאָל דריי אָדער אַפילו מער פאַמיליע־מיטגלידער. זיי אַרבעטן און ברענגען אַהיים זייע־רע וועכנטלעכע שכירות. דערפאַר האָבן זיי די מעגלעכקייטן צו קויפן אָדער אַפילו בויען פאַר זיך באַקוועמע דירות מיט אַלע באַקוועמלעכ־קייטן, אין שיינע, ברייטע, אויסגעפלאַסטערטע גאַסן. דער געגנט וואו די דייטשישע באַפעלקערונג וואוינט איז באַוואוסט אין שטאָט אַלס „קליין־דייטשלאַנד".

די גרעסטע פאַבריק אין ריווערוויל איז די „לודוויג פעלהענדלער שיך־פאַבריק". לודוויג פעלהענדלער, דער אייגנטימער פון דער שיך־פאַבריק, איז אַ פולבלוטיקער דייטש. די אַרבעטער אין זיין פאַבריק, מיט קליינע אויסנאַמען, באַשטייען פון עלטערע דייטשישע אימיגראַנטן, און אַ גרויסע צאָל יונגע אַרבעטער פון דייטשישער אָפּשטאַמונג.

לודוויג פעלהענדלער איז געקומען קיין אַמעריקע ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער בחור. זיין אָנקל, וואָס איז געווען איינער פון אַ קליינער גרופּע דייטשן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין ריווערוויל, איז אין זיין אַלטער היים, אין דייטשלאַנד, געווען אַ שוסטער. אין ריווערוויל האָט ער איינער אַליין געאַרבעט אין זיין קליינעם ווערקשטאָט, פאַר־ריכט אַלטע שיך און אַמאָל אויך אויפגענייט אַ נייע פּאָר שיך. וואָס מער די באַפעלקערונג אין ריווערוויל איז געוואַקסן, אַלץ מער אַרבעט האָט ער געקראָגן. ביסלעכווייז איז פון זיין קליינעם ווערקשטאָט גע־וואָרן אַ קליינע פאַבריק, וואָס האָט מיט דער הילף פון עטלעכע גע־שולטע דייטשישע שוסטערס, צוגעשטעלט שיך פאַרן געברויך פון רי־ווערוויל און אומגעגנט. לודוויג איז געקומען צו זיין אָנקל, דעם שיך־פאַבריקאַנט און האָט איבער צען יאָר געאַרבעט אין זיין אָנקלס פאַבריק. ווען זיין אָנקל איז געשטאָרבן, האָט ער חתונה געהאַט מיט זיין אָנקלס איין־און־איינציקער טאָכטער און געירשנט זיין אָנקלס פאַבריק, זיין הויז און מזומן געלט פון עטלעכע טויזנט דאָלער.

לודוויג פעלהענדלער האָט פאַרמאָגט גרויסע אַמביציעס. ער האָט פאַרגרעסערט די פאַבריק, געקויפט נאָך מאַשינען, אָנגעשטעלט מער

אַרבעטער און אַרויסגעשיקט סעילסלייט אין די גרעסערע שטעט צו קריגן באַשטעלונגען. צוליב דעם וואָס ער האָט געצאָלט זיינע אַרבע־טער נידעריקע שכירות, האָט ער געקאָנט קאָנקורירן מיט גרעסערע איינ־געפונדעוועטע שיך־פאַבריקאַנטן און האָט באַקומען גרויסע באַשטעלונ־גען פון אַ סך שיך־קראָמען. ער האָט זיך צו שפּעט געכאַפּט, אַז אַנ־שטאָט פּראָפיטן, האָט ער גאָר געליטן פאַרלוסטן. בלויז אין איין יאָר צייט האָט ער געהאַלטן נישט ווייט פון באַנקראָט. ער האָט נישט גע־האַט גענוג געלט צו צאָלן די דריי־חדשימדיקע איינצאָלונגען פאַר די נייע מאַשינען, פאַר דער לעדער, שכירות צו די אַרבעטער, און אַנדערע געשעפט־אויסגאַבן.

אָבער פּלוצים איז געשען אַ נס, וואָס האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון זיין פאַרצווייפלטער לאַגע. עס איז פּלוצים אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה.

די רוסישע, פראַנצויזישע און ענגלישע רעגירונגען האָבן זיך איצט גענייטיקט אין מיליאָנען פּאָר שיך פאַר זייערע ריזיקע אַרמייען. זייערע שיך־אַרבעטער זענען געווען אויף די שלאַכטפעלדער און זיי האָבן דער־פאַר געמאַכט גרויסע שיך־באַשטעלונגען אין אַמעריקע.

לודוויג פעלהענדלערס מזלדיקער שטערן האָט זיך העל צעשיינט מיט גאָלדענע ליכט־שטראַלן. אַ דאַנק דער ערשטער גרויסער באַשטעלונג אויף מיליטערישע שיך, האָט ער געקראָגן אַ גרויסע הלוואה פון דער באַנק. נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו פאַרענדיקן די ערשטע באַשטע־לונג האָט ער געקראָגן אַ צווייטע גרויסע באַשטעלונג.

ער האָט אַריינגענומען דרייצן און פערצן־יאָריקע קינדער אין זיין פאַבריק זיי צו לערנען דאָס פאַך. זיי האָבן געאַרבעט וואָכן־לאַנג אומ־זיסט און ווען זיי האָבן שוין מער־ווייניקער זיך דערלערנט דאָס פאַך, האָט ער זיי געצאָלט דריי דאָלער אַ וואָך. די עלטערע געשולטע אַרבע־טער האָבן געקראָגן אַ העכערונג פון פינף סענט אַ שעה יעדעס מאָל ווען ער האָט אַריינגעקראָגן אַ נייע באַשטעלונג, און צוליב די געהעכערטע שכירות פאַר די אַרבעטער האָט ער געהעכערט די פּרייזן אויף די שיך אויף צוויי מאָל אַזוי פיל.

לודוויג פעלהענדלער האָט געקוואָלן פון נחת. ער האָט געקויפט נאָך נייע מאַשינען און אָנגעשטעלט מער אַרבעטער. די פּראָפיטן פון דעם

ערשטן יאָר פון זיין מלחמה־פּראָספּעריטי האָבן אים איבערראַשט, און די פּראָפיטן פון דעם צווייטן יאָר מלחמה־פּראָספּעריטי זענען געווען נאָך גרעסער. צוזאַמען מיט זיינע געשוואָלענע פּראָפיטן האָט זיך צע־וואַקסן זיין אַפּעטיט. זיין פאַבריק איז פאַר אים פּלוצים געוואָרן צו קליין. די מורא, אַז ער פאַרפעלט אויסצונוצן אַ זעלטן־גליקלעכע גע־לעגנהייט, האָט אים נישט געלאָזט רוען, און ער האָט אויף גיך אויס־געבויט אַ גרויסע דריי־שטאָקיקע ציגלנע פאַבריק, די שענסטע און גרעסטע פאַבריק אין ריווערוויל. לודוויג פעלהענדלערס „מזל" האָט אים ווידער צוגעשפּילט. פּונקט דעמאָלט ווען זיין נייע פאַבריק איז פאַרטיק געוואָרן, האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג דערקלערט קריג קעגן דייטשלאַנד.

לודוויג פעלהענדלערס פּאַטריאָטישער גייסט האָט זיך צעפלאַקערט. ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע זיינע פעאיקייטן צוצושטעלן די גרויסע שיך־באַשטעלונגען צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג פּינקטלעך אין צייט, אַפילו ווען ער האָט געמוזט קויפן נאָך מאַשינען און אָנשטעלן נאָך אַר־בעטער, און אַפילו ווען זיין פאַבריק האָט געמוזט אַרבעטן צוועלף שטונדן אַ טאָג, זיבן טעג אַ וואָך. ער האָט דערפילט זיין פּאַטריאָטישע פליכט צו זיין לאַנד אין קריטישן מאָמענט און נישט געקאַרגט קיין אויסגאָבן. די רעגירונג האָט געצאָלט וויפל לודוויג האָט געפאָדערט.

די מלחמה־יאָרן זענען ביי לודוויג פעלהענדלער פאַררעכנט געוואָרן ווי די גליקלעכסטע יאָרן פון זיין לעבן: זיין נאָמען איז שוין פאַר־צייכנט געוואָרן אין צעטל פון די נייע מיליאָנערן, און ער האָט גע־קראָגן די גליקלעכע געלעגנהייט צו באַווייזן זיין גרויסן אונטערנע־מונג־גייסט און זיינע געניאַלע פעאיקייטן אויף פיל געשעפט־געביטן.

— איינער אַליין, — האָט ער אָפט געטראַכט מיט גרויסן שטאָלץ און איבערשוימענדיקער הנאה, — אַז שותפים און אַז די הויך־באַצאָל־טע עקספּערטן, מיט זיין אייגענעם שכל האָט ער אינוועסטירט גרויסע סומען געלט אין פאַרשידענע געשעפטן און קיינמאָל נישט געמאַכט קיין טעות. יעדע אינוועסטירונג האָט געבראַכט פּראָפיטן און זיין קאַפּיטאַל איז געוואַקסן.

אָט, למשל, איז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו קויפן די איבער טויזנט אַקער וואַלד ביים עק פון ריווערוויל. אָבער ער, לודוויג, האָט דאָס איינ־

געהאַנדלט האַלב־אומזיסט, און אויפגעבויט הונדערטער פּראַכטפולע הייזער אויף ברייטע גאַסן — כמעט אַ נייע שטאָט און אין מיטן זיין נייער שטאָט האָט ער אויפגעבויט אַ גרויסן, פּראַכטפולן בולוואַר, דעם לודוויג פעלהענדלער בולוואַר. די דאָזיקע אונטערנעמונג האָט ער גע־ניאַל דורכגעפירט, חלילה, נישט צוליב דעם קײלעכדיקן מיליאָן דאָלער פּראָפיט, ווי בייזע צינגער, די נישט־פאַרגינער, ריידן, נאָר צוליב זיין דאַנקבאַרקייט צו זיין ריווערוויל, וואו ער איז הויך אויסגעוואַקסן. ער האָט מנדב געווען הונדערט טויזנט דאָלער אויפצובויען דעם ריווערוויל שפּיטאָל, ער האָט געגעבן טויזנטער דאָלער יעדן יאָר פאַר פאַרשידענע צדקה־אינסטיטוציעס. ריווערוויל שאַצט הויך די באַדייטנדיקע ביי־שטייערונגען פון דעם פילאַנטראָפּ לודוויג פעלהענדלער. זיין נאָמען האָט אַרויסגערופן רעספּעקט.

אין „קליין־דייטשלאַנד", ביי זיינע דייטשישע לאַנדסלייט, ווערט זייער לודוויג פּשוט פאַרגעטערט. יעדן יאָר איז ער מנדב טויזנטער דאָלער צו דער „דייטשיש־אַמעריקאַנער הילפס־געזעלשאַפט" און צו דער „דייטשישער ליי־קאַסע". ער האָט אין „קליין־דייטשלאַנד" אויפ־געבויט אַ פּראַכטפולן קלוב־הויז, וואו יעדן שבת אָוונט ווערן דורכגע־פירט פאַרשידענע אונטערנעמונגען, וואָס פאַרענדיקן זיך מיט טאַנצן ביז שפּעט ביינאַכט. ער האָט אויך אויפגעבויט אַ סקול צו לערנען די דייטשיש־אַמעריקאַנער קינדער די דייטשישע שפּראַך, און שענקט די נייטיקע סומען געלט אויפצוהאַלטן די דייטשישע בייזבאָל און בעסקעט־באָל שפּילער, דעם כאָר און דעם אָרקעסטער.

לודוויג פעלהענדלער פאַרנאַכלעסיקט אויך נישט זיינע אַרבעטער. חוץ דעם וואָס די שכירות פון זיינע אַרבעטער זענען דורך די מלחמה־יאָרן געהעכערט געוואָרן, גיט ער יעדן אַרבעטער אַ מתנה, — אַן אינדיק פאַר „טהענקסגיווינג דעי", אַ פינף־פונטיקן „העם" פאַר קריסטמעס און ערב ניי־יאָר אַ פלאַש קאָניאַק. אַ חוץ דעם קריגן זיינע אַרבעטער מיט זייערע פאַמיליעס שיך ביי אים פאַר ביליקע פּרייזן.

ביי אים איז נישטאָ דער מינדסטער צווייפל, אַז ער, לודוויג פעל־הענדלער, דער געניאַלער געשעפטמאַן, לודוויג דער מיליאָנער, לודוויג דער פילאַנטראָפּ, האָט אויפגעוועקט דאָס אָרימע פאַרשלאָפענע דערפל ריווערוויל, און אַ דאַנק אים האָט ריווערוויל זיך צעוואַקסן, זיך אויסגע־

שפּרייט און איז געוואָרן אַ לעבעדיק, רייך אינדוסטריעל און געשעפט־שטעטל.

לודוויג איז אויך זיכער, אַז אַן דער דייטשישער דיסציפּלינירטער, פּעאיקער און אַרבעטזאַמער באַפעלקערונג, וואָלט ריוועראוויל זיך נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון דער דאָרפישער לעטאַרגיע, פּונקט ווי ער איז זיכער אַז דאָס, וואָס ער האָט דערגרייכט דעם שפּיץ פון דעם העכסטן באַרג, וואוהין בלויז אַדלערס קאָנען דערגרייכן, — איז אַ דאַנק דעם וואָס ער איז אַ דייטש פון דור־דורות און איז געבענטשט מיט דעם דייטשישן גייסט — איניציאַטיוו, אינספּיראַציע און געניאַלע פעאי־קייטן.

באַלד ווי די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, האָט לודוויג פעלהענדלער אָנגעהויבן פּראָדוצירן שיך פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג, — שטאַרקע שיך פאַר אַרבעטער און פאַרמערס, און לייכטע שיינע שיך פאַר פרויען, מענער און קינדער. זיינע פּראָפיטן זענען אַביסל פאַרקלע־נערט געוואָרן, אָבער ער האָט זיך, חלילה, נישט באַקלאָגט. זיין קאַ־פּיטאַל איז אַלץ געוואַקסן.

פון דעם באַזיגטן און פאַראָרעמטן דייטשלאַנד האָבן יעדעס יאָר אַריינגעשטראָמט דייטשישע אימיגראַנטן קיין ריוועראוויל. די ריוועראוויל „דייטשישע הילפס־געזעלשאַפט" און די „לייַ־קאַסע" האָבן זיך געניי־טיקט אין גרויסע סומען געלט צו העלפן די „גרינע". לדוויג פעלהענד־לער האָט מנדב געווען די נייטיקע סומען געלט פאַר ביידע אינסטיטו־ציעס.

— נישט געקאַרגט! — האָט לודוויג פאַרזאָגט קאַרל מאַרקוסן, דעם פּרעזידענט פון דער „הילפס־געזעלשאַפט" און פריץ האַמערשלאַג, דעם פּרעזידענט פון דער לייַ־קאַסע, — וויפל מען וועט דאַרפן וועל איך מנדב זיין, אָבער העלפן זאָלט איר בלויז אונדזערע פּאַטריאָטישע לאַנדס־לייט . . . קיין איין פּעני צו די פאַררעטער, צו די סאָציאַליסטן און קאָ־מוניסטן! . . .

פינאַנציעלע הילף פאַר זיינע פּאַטריאָטישע לאַנדסלייט און פאַר־אַכטונג צו די פאַררעטער, האָט לודוויג באַטראַכט פאַר זיין הייליקער פליכט צו דעם באַזיגטן, פאַראָרעמטן און געשענדעטן דייטשלאַנד, — זיין באַליבט פאָטערלאַנד. אַ פייערדיקע שנאה האָט געגליט אין זיין

האַרץ קעגן די פראַנצויזישע, ענגלישע, אַמעריקאַנער און רוסישע באַר־באַרן, וואָס האָבן ברוטאַל באַזיגט און דערנידעריקט זיין באַליבט פאָ־טערלאַנד.

בלויז פאַר צוויי פון זיינע פריינט האָט ער געוואַגט אויסצוגיסן זיין ביטער האַרץ וועגן דעם טראַגישן אויסגאַנג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, — פאַר קאַרל מאַרקוס און פריץ האַמערשלאַג. זיי האָט ער געטרויעט. ער איז געווען זיכער, אַז זיי זענען דייטשישע פּאַטריאָטן. ביידע זענען געווען אָפיצערן אין דער דייטשישער אַרמיי. ביידע האָבן געקעמפט אויף די שלאַכטפעלדער פאַר זייער פאָטערלאַנד. זיי האָט ער רעספּעקטירט.

קאַרל מאַרקוס, אַ מעכאַנישער אינזשענער און דערפינדער, איז גע־קומען קיין ריווערוויל באַלד נאָך דער מלחמה און געבראַכט מיט זיך צייכענונגען פאַר שיך־מאַשינען, וואָס ער האָט דערפונדן. לודוויג האָט ביי אים אָפּגעקויפט זיינע דערפינדונגען, זיי פּאַטענטירט אויף זיין אייגענעם נאָמען און האָט אָנגעשטעלט קאַרלען אַלס הויפט־מאַשיניסט אין זיין פאַבריק.

קאַרל איז געווען באַליבט ביי די אַרבעטער פאַר זיין פריינטלעכער באַציאונג צו אַלעמען. אין „קליין־דייטשלאַנד" האָט ער מיט זיין פאַמי־ליע, זיין פרוי, צוויי זין און אַ טאָכטער, אַרויסגערופן גרויס רעספּעקט דערמיט וואָס ער איז געווען אַן אָפיצער אין דער דייטשישער אַרמיי, און איז צוויי מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער מלחמה, און אויך דער־פאַר וואָס מען האָט אין אים געזען אַ מענטשן מיט געזונטן פאַרשטאַנד, מיט הויכער בילדונג און אַ פריינטלעכע באַציאונג צו מענטשן, און אָט צוליב דעם איז ער איינשטימיק דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער „דייטשישער־אַמעריקאַנער הילפס־געזעלשאַפט".

פריץ האַמערשלאַג איז אויך געקומען קיין ריווערוויל נאָך דער מלחמה. פריץ איז אויך געווען אַן אָפיצער אין דער דייטשישער אַרמיי, און האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער מלחמה.ביים פאָך איז פריץ גע־ווען אַן אויטאָמאָביל־מעכאַניק. מיט זיינע ערשטע אָפּגעשפּאָרטע עט־לעכע הונדערט דאָלער און מיט דער הילף פון דער ליי־קאַסע, האָט ער געעפנט אַ שאַפּ צו פאַרריכטן אויטאָמאָבילן און טראָקס. זיינע צוויי יונגע זין האָבן געאַרבעט מיט אים אין זיין שאַפּ. מיט דער צייט האָט

ער אָנגעהויבן פּאַרקויפן געניצטע און אויך נייע אויטאָמאָבילן, און איז געוואָרן אַ רייכער געשעפטסמאַן. פּריץ איז דערווײלט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער לײ־קאַסע.

„קליין־דייטשלאַנד" איז געוואַקסן. אַלע נייע דייטשישע אימיגראַנטן האָבן זיך באַזעצט צווישן זייערע לאַנדסלייט אין „קליין־דייטשלאַנד", וואו אַלץ איז געווען אין אויסגעצייכנטער אָרדענונג. די ברוקירטע, ברייטע גאַסן — ציכטיק ריין; די שיינע, באַקוועמע הייזער — ווייס געפאַרבט. יעדעס הויז באַצירט מיט ביימער. זומער האָבן די לאַנקעס געגרינט. פריינטשאַפט האָט געהערשט צווישן שכנים. די יוגנט האָט זיך אויפגעפירט סטאַטעטשנע און מיט רעספּעקט פאַר די עלטערע. אַפילו די מיט ביר־אָנגעגאָסענע שיכורים, וואָס פלעגן שפעט ביינאַכט זיך אַרויסשאַרן פון דעם גרויסן ביר־הויז און מיט וואַקלדיקע טריט זיך געלאָזט גיין אַהיים, פלעגן אויף שטילע טענער זיך אונטערזינגען גוט־מוטיק און שמייכלען, און נישט געוואַגט שטערן די שטרענג־אָפּגעהיטענע אָרדענונג און שטילקייט אין „קליין־דייטשלאַנד". אַפילו די הינט האָבן געוואוסט, אַז זיי מוזן צוימען זייער האַוקען, איבערהויפּט ביינאַכט, ווען „קליין־דייטשלאַנד" שלאָפט. אַפילו אין דעם געמבלינג־הויז און אין דעם זנות־הויז, אין וועלכע די פענצטער זענען שטענדיק געווען פאַר־האַנגען מיט גראָבע און שווערע פאַרהאַנגען, פלעגן די אָפטע סקאַנדאַלן און געשלעגן גיך איינגעשטילט ווערן דורך די אייגנטימער, מיט די שטאַלענע מוסקולן, פאַר וועלכע די „געסט" האָבן געהאַט גרויס רעס־פּעקט.

דער שטורעם

דער פּלוצימדיקער שטורעם האָט אויסגעבראָכן אין „קליין־דייטש־לאַנד" עטלעכע חדשים נאָכדעם ווי היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט אין דייטשלאַנד.

געהויבענע נאַצי־געסט פון ניו־יאָרק, פון וואַשינגטאָן און פון דייטשלאַנד, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קיין ריווערוויל און זענען אין „קליין־דייטשלאַנד" אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס. די נאַצי־געסט האָבן געהאַלטן „ווִיסנשאַפטלעכע" פאָרטראָגן וועגן דעם גרויסן נס, וואָס איז געשען אין דייטשלאַנד און האָבן אַפּעלירט צו די ריווערוויל־דייטשן זיך שטעלן אין דינסט פון זייער פאָטערלאַנד. יעדער גאַסט איז באַערט געוואָרן מיט אַ פּראַכטפולן באַנקעט.

פּעק נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור האָט פאַרפלייצט ריווערוויל.

אין דער סקול, וואו מען האָט געלערנט די קינדער די דייטשישע שפּראַך, האָבן די לערער אָנגעהויבן קנעלן מיט די קינדער די נאַצישע תּורה.

די אַנטי־נאַצים האָבן אויפגעהערט באַזוכן די פאָרטראָגן און די באַנקעטן לכּבוד די געהויבענע נאַצי־געסט. דערנאָך האָבן זיי צוריקגע־צויגן זייערע קינדער פון דער סקול און האָבן שאַרף פּראָטעסטירט קעגן באַנוצן די סקול און דאָס קלוב־הויז פאַר נאַצישע צוועקן. שאַרפע קרי־גערייען האָבן אויסגעבראָכן ביי די פאַרזאַמלונגען.

פּלוצים איז געבוירן געוואָרן דער „יוגנט־בונד" צו פאַרטיידיקן „דאָס פאָטערלאַנד". זיי האָבן אָפּגעהאַלטן זייערע וועכנטלעכע פאַרזאַמלונגען אין קלוב־הויז, זיי האָבן זיך באַגריסט מיט „האֵיל היטלער" און גע־שוואָרן טרייהייט צום „פירער" און צום דריטן רייך.

די איינגעפונדעוועטע „דייטשישע־אַמעריקאַנער הילפס־געזעלשאַפט" און די לייַ־קאַסע האָבן נאָך אַ הייסער דיסקוסיע ביי זייער יערלעכער פאַרזאַמלונג, און נאָך אַן אָפּשטימונג, דערקלערט זייער אָפיציעלע לאָ־יאַליטעט צום „פירער" און פאַרדאַמט דעם פּרעזידענט קאַרל מאַרקוס און אַלע זיינע פריינט, — די אַנטי־נאַצים, אַלס פאַררעטער צום פאָטער־לאַנד, און זיי אויסגעשלאָסן פון די אָרגאַניזאַציעס.

אַ צווייטע הילפס־געזעלשאַפט און אַ צווייטע לייַ־קאַסע ווערן אָרגאַ־

ניזירט פון די אַנטי־נאַציס, אונטער דער פירערשאַפט פון קאַרל מאַרקום. די אַנטי־נאַצי יוגנט פאַראייניקט זיך אין דער "דייטשישער־אַמעריקאַנער פּראָגרעסיווער יוגנט". עס צעפּלאַקערט זיך אַ ביטערער און אַ פינצטערער האַס פון די נאַציס קעגן דעם ייד קאַרל מאַרקס, ווי זיי האָבן גערופן קאַרל מאַרקום.

אָפיציעל זענען פריץ האַמערשלאַג און זיינע צוויי זין די אָנפירער פון די נאַצי־אָרגאַניזאַציעס, אָבער דער אַרכיטעקט, דער קאָפּ, דער פירער פון דער גאַנצער באַוועגונג פון די נאַציס אין "קליין־דייטשלאַנד" איז פראַנץ וויינהאַרץ, דער פרינציפּאַל פון דעם ריווערוויל האַי־סקול.

פראַנץ ווײַנהאַרץ

מאַרטאַ ווײַנהאַרץ מיט אירע צוויי טעכטער לאַראַ און אַנאַ און איר זון פראַנץ זענען אַנטלאָפן פון דײַטשלאַנד קיין אַמעריקע, כדי פּטור צו ווערן פון האַנץ ווײַנהאַרץ, מאַרטאַס מאַן און פאָטער פון אירע דרײַ קינדער.

האַנץ איז געווען אַ מאַשיניסט און אַ גוטער פאַרדינער. ער האָט אָבער געהאַט אַ שוואַכקייט צום ביטערן טראָפּן. וואָס עלטער ער איז געוואָרן אַלץ אָפטער פלעגט ער שיכורן, און האָט צוליב דעם נישט גע־קאָנט אָנהאַלטן קיין באַשעפטיקונג. אָפט פלעגט ער פאַרפאַלן ווערן אויף עטלעכע וואָכן, און ווען ער פלעגט קומען אַהיים אַ שיכורער, פלעגט ער דערלאַנגען קלעפּ מאַרטאַן און אויך די קינדער.

מאַרטאַ האָט געמוזט אַרבעטן אַלס קעכין צו דערנערן אירע קינדער. ווען זיי זענען אונטערגעוואַקסן האָט זי איינמאָל, — ווען האַנץ איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף איינע פון זײַנע שיכור־הוליאַנקעס — אויספאַר־קויפט אַלעס וואָס זי האָט פאַרמאָגט און איז מיט אירע קינדער אַוועק קיין אַמעריקע. זי איז פאַרפאָרן קיין ריווערוויל צו איר ברודער.

מאַרטאַס ברודער האָט געאַרבעט אין פעלהענדלערס שיך־פאַבריק. ער האָט געהאָלפן מאַרטאַס בײדע טעכטער קריגן דזשאָבס אין לודוויג פעלהענדלערס שיך־פאַבריק. מאַרטאַ האָט געקראָגן אַ שטעלע אַלס קעכין בײַ איינעם פון די גבירים אין ריווערוויל. פראַנץ איז געגאַנ־גען אין סקול. כאָטש ער איז שוין געווען אַ דערוואַקסן בחור, איז ער נישט געגאַנגען אַרבעטן צוליב זײַן מום. ער איז געבוירן געוואָרן כמעט אָן פיס־פינגער און ער האָט געגלויבט, אַז זײַן פאָטער, דער אַלקאָהאָלי־קער, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זײַן מום, און האָט דערפאַר געהאַסט זײַן פאָטער. פראַנץ האָט געליטן צוליב זײַן מום. ער האָט נישט גע־קאָנט לויפן און זיך נישט געקאָנט באַטייליקן אין די פאַרשידענע שפּי־לערייען מיט אַנדערע קינדער. ער האָט זיך געשעמט צו גיין שווימען אין טײַך, מען זאָל נישט אויסגעפינען זײַן מום. וואָס עלטער ער איז געוואָרן אַלץ מער האָט ער זיך געפּייניקט איבער זײַן פיזישן חסרון, אַלץ מער האָט ער געהאַסט זײַן פאָטער און זיך איזאָלירט פון פרײַנט. ער האָט פאַרדעכטיקט אַז צוליב זײַן מום און זײַן קרענקלעכער נאַטור.

זענען זיין מאַמע און זיינע שוועסטער אים אַזוי געטריי. זייער ליבע צו אים, האָט ער מיט ביטערקייט געטראַכט, איז רחמנות, און דאָס האָט אים נאָך מער געקרענקט און צערייצט, און ער פלעגט זיי צוריקצאָלן מיט ברוטאַלער פאַראַכטונג; וואָס מער ער האָט זיי ווי געטאָן, אַלץ מער האָט ער הנאה געהאַט . . .

אין סקול האָט ער זיך אויסגעצייכנט. ער האָט זיך געפליסט מיט זיין שטודירן צו זיין דער בעסטער שילער. אַנערקענונג האָט אים באַפרידיקט. זיין באַוואוסטזיין, אַז כאָטש פיזיש איז ער שוואַכער פון זיינע מיטשילער, קען ער אָבער גייסטיק זיין מעכטיקער און גרעסער פון זיי. דאָס האָט אים געוואָרעמט, געטרייסט און געשפייזט זיין עגאָאיסטישע נאַטור. דער רעספּעקט פאַר אים פון די לערער און פון די שילער האָבן אים דערהויבן נאָך מער און צעפלאַקערט זיין אַמביציע און עגאָאיזם.

זיין מאַמע און זיינע שוועסטער האָבן געאַרבעט און אים אויסגעהאַלטן. ער האָט גיך פאַרענדיקט די עלעמענטאַרע שול און האַי־סקול. ער האָט פליסיק שטודירט ווינטער און זומער און האָט דערגרייכט זיין ציל צו ווערן אַ האַי־סקול לערער.

בלויז איינמאָל אין זיין לעבן איז ער געווען צופרידן מיט זיין מום, — ער איז באַפרייט געוואָרן פון מיליטערישער דינסט, ווען אַמעריקע האָט דערקלערט קריג צו דייטשלאַנד.

פראַנץ האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס לערער. ער איז גיך באַשטימט געוואָרן אַלס געהילף־פּרינציפּאַל. ווען דער אַלטער פּרינציפּאַל האָט זיך צוריקגעצויגן פון זיין אַמט צוליב זיין שוואַכן געזונט, איז פראַנץ ווייגהאַרץ באַשטימט געוואָרן אַלס פּרינציפּאַל פון דעם ריווערוויל האַי־סקול.

זיין שנעלע דערהויבונג, די אַנערקענונג פון זיין גרויסקייט און אויסדערוויילטקייט האָט געשפייזט זיין קראַנקן עגאָאיזם, אָבער אויך פאַרשאַרפט זיינע ליידן איבער זיין פיזישן מום. ווען ניט זיין מום,—פלעגט ער אין פאַרצווייפלטע אַנפאַלן פון זעלבסט־פייניקונג טראַכטן מיט גאַליקער ביטערקייט און רחמנות צו זיך, וואָלט ער איבערראַשט אַמעריקע.

איבער זיין מום האָט פראַנץ באַשלאָסן קיינמאָל נישט חתונה צו האָבן. גענוג אַז זיין מאַמע און זיינע שוועסטער ווייסן פון זיין אומגליק . . .

גענוג, אַז זיי קוקן אויף אים מיט רחמנות־בליקן, וואָס דערנידעריקן אים און צערייצן אים אַזוי שרעקלעך, אַז אָפּטמאָל מוז ער זיך איינהאַלטן מיט אַלע כוחות זיך נישט נוקם זיין אין זיי פיזיש . . .

אָבער פּלוצים האָט זיך אונטערגערוקט אַן אויסערגעוויינלעך גליק־לעכער שידוך פאַר אים. וואָכן־לאַנג האָט ער געקעמפּט מיט זיך. דער נסיון איז אָבער געווען צו שטאַרק. נאָר איין וואָרט דאַרף ער זאָגן, „יאָ", וואָס וואָלט געמיינט אַז ער איז מסכים חתונה צו האָבן מיט לוד־וויג פעלהענדלערס בת־יחידה, און זיין אַמביציע נאָך רייכטום, מאַכט און כבוד קאָן פאַרווירקלעכט ווערן . . .

לודוויג פעלהענדלער איז געווען מזלדיק אין זיינע געשעפטן, אָבער אין זיין פאַמיליע־לעבן האָט זיין מזל אים נישט געהאָלפן. זיין בן־יחיד איז געווען אַ שיכור און אַ געמבלער. זיין בת־יחידה עליזאַבעט איז גע־ווען אַ מיאוסע, אַ הויכע, אַ דארע ווי אַ ברעט, מיט אַ לאַנג פּנים, אַ לאַנגער נאָז און אַ ברייט מויל. אירע גרויסע שיינע שוואַרצע אויגן האָבן, ווי אויף צו להכעיס, באַלויכטן איר מיאוס פּנים.

דערצו איז זי געווען אַ צוריקגעצויגענע, אַ שווייגערקע און אַ היים־זיצערקע. זי פלעגט נישט גיין צו קיין אונטערנעמונגען, צו קיין טאַנץ, ווייל עס פלעגט זיך איר אויסווייזן, אַז מען קוקט אויף איר מיט רחמנות. אין סקול האָבן די שילער זי געקרוינט מיטן נאָמען „מאָנאַ ליזאַ" און זי האָט נישט געקאָנט פּטור ווערן פון דעם אָפּלאַכערישן צונאָמען אַפילו ווען זי איז עלטער געוואָרן. לודוויג האָט געמאַכט עטלעכע פאַרזוכן צו קויפן פאַר איר אַ בכבודיקן חתן, אָבער עס איז אים נישט געלונגען. די יונגעלייט וואָס האָבן איינגעשטימט זענען נישט ווערט געווען דעם פרייז, — און די בעסערע זענען נישט געווען קיין בעלנים.

פראַנץ וויינהאַרץ, דער יונגער פעאיקער האַי־סקול פּרינציפּאַל איז שטאַרק געפעלן געוואָרן לודוויגן. ער האָט צוגעזאָגט פראַנצן אַ היפּשן נדן — מזומן . . . אַ פּראַכטפול הויז — איינס פון לודוויגס שענסטע הייזער אין ריווערוויל, וואָס איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט אויף אַ בערגל, אַרומגערינגלט מיט אַ גרויס שטיק לאַנד, מיט שיין־צעוואַקסענע ביימער און בלומען, מיט אַ שיינעם נאַטירלעכן טייך. אַ חוץ דעם האָט ער אים אויך צוגעזאָגט אַ קאָנטראַקט אויף פינף און צוואַנציק יאָר מיט יער־

לעכע שכירות פון צוואַנציק טויזנט דאָלער פאַר זיין אַרבעט אַלס פעל־הענדלערס פאַרטרויאונגס־ און באַראַטונג־מענטש אין זיינע געשעפטן.

פון אַזאַ געשמאַקן שידוך האָט פראַנץ ניט פאַרמאָגט דעם כוח זיך אָפּ־צוזאָגן. ער האָט געטראַכט, אַז לודוויג פעלהענדלער איז שוין נישט קיין יונגערמאַן. ער, לודוויג, האַלט שוין נעענטער ווי ווייטער . . . און פראַנץ איז זיכער, אַז לודוויג וועט נישט איבערלאָזן זיין גרויס פאַר־מעגן צו זיין נאַרישן און אויסגעלאַסענעם זון. פראַנץ פאַרשטייט, אַז טאַקע דערפאַר וויל לודוויג אים, דעם אָרעמען, אָבער פעאיקן און פאַר־אַנטוואָרטלעכן פראַנץ פאַר זיין איידעם. פראַנץ ווייסט ווי אַזוי אַריינ־צונעמען דעם אַלטן לודוויג אין זיינע הענט... פריער אָדער שפּעטער... און לודוויג פעלהענדלערס קעניגרייך וועט באַלאַנגען צו אים, צו פראַנץ וויינהאַרץ . . .

ער האָט חתונה געהאַט מיט מאַנאַ ליזאַן, און לודוויג זיין שווער האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט געגעבן פראַנצן אַלץ וואָס ער האָט אים צו־געזאָגט און נאָך מער . . .

אָבער, בלויז אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה האָט פראַנץ אויפגעבויט אויף זיין לאַנד אַ סטודיאָ, וואָס איז געשטאַנען ווייט אָפּגעזונדערט פון דעם גרויסן פּרעכטיקן הויז. זיין סטודיאָ איז באַשטאַנען פון איין גרויסן גאַסט־־צימער, אַ גרוים שלאָפצימער און אַ גרויסע קיך. ער האָט דער־קלערט לודוויגן, זיין שווער, אַז ער נייטיקט זיך אין אַ באַזונדער הויז, נישט נאָר צוליב זיין אַרבעט אַלס סקול־פּרינצפּאַל, נאָר אויך צוליב דעם וואָס ער דאַרף אויפנעמען „געהויבענע געסט" וועגן וויכטיקע ענינים וואָס מוזן פאַרהאַנדלט ווערן אין באַוואָרנטער אָפּגעזונדערטקייט . . . לודוויג האָט פאַרשטאַנען. ער האָט געוואוסט, אַז פראַנץ איז פאַרבונדן מיט וויכטיקע נאַצי־„פּערזענלעכקייטן" אין וואַשינגטאָן. לודוויג איז געווען איינער פון די עטלעכע געקליבענע פאַרטרויענסווערטע פּערזאָ־נען אין ריווערוויל, וואָס האָבן געוואוסט אַז פראַנץ איז באַשטימט גע־וואָרן פון בערלין אַלס דער הויפּט־פירער פון ריווערוויל און פון די אַרו־מיקע שטעטלעך. לודוויג איז געווען שטאָלץ מיט דעם וואָס זיין איידעם פאַרנעמט אַזאַ הויכע פּאָזיציע און דינט געטריי דעם באַליבטן פאָטער־לאַנד, און ער האָט פאַרשטאַנען אַז פראַנץ נייטיקט זיך אין אַן אָפּגעזונ־דערטן פּלאַץ, אָפּגעזונדערט פון פרעמדע אויגן און אויערן . . .

און אויך „מאַנאַ־ליזאַ" איז געווען צופרידן וואָס איר מאַן האָט זיך אָפּגעזונדערט . . . זי איז נישט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון פראַנצס סטודיאַ־היים, און אויף אירע איינזאַמע שפּאַצירן איבער די געשלענגל־טע סטעזשקעס פון איר גרויסן און שיינעם גאָרטן, צווישן די שיין־צע־וואַקסענעביימער, האָט זי אויסגעמיטן איר מאַנס סטודיאָ. קיינער, קיינער האָט נישט געוואוסט אַז זי האָט זיך אָפּגעזונדערט פון פראַנצן און מיידט אים אויס . . . זי האָט געליטן אין דער שטיל און האָט אַפילו קיין איין וואָרט נישט געלאָזט פאַלן פון איר מויל צו אירע עלטערן וועגן איר לאַגע . . .

— זי האָט זיך נישט געענדערט, — פלעגט לודוויג אָפּט זיך באַ־קלאָגן פאַר זיין ווייב, — זי איז די זעלבע איינזאַמע, צוריקגעצויגענע היים־זיצערקע וואָס טראָגט זיך אַרום מיט אַ ווייטיק און מיט טענות צו גאָט פאַרוואָס ער האָט זי נישט געבענטשט מיט אַ שענער פּנים.

— דו קאָנסט נישט דיין טאָכטער, — פלעגט מיסעס פעלהענדלער זיך בייזערן אויף איר מאַן, — זי איז אַ קלוגע, אַ שטאָלצע און פאַר־מאָגט אַ גאָלדן האַרץ. זי האָט ליב מענטשן. נאָר עפּעס נאָגט זי . . . איך בין איר מאַמע און איך פיל עס . . . איך זע דעם אומעט אין אירע שיינע שוואַרצע אויגן . . . דו ביזט בלינד, לודוויג, און ביזט פאַרנומען מיט דיין יאָגעניש נאָך וואָס מער מיליאָנען, זעסטו נישט . . . איך זאָג דיר, אַז עפּעס נאָגט זי . . .

— וואָס נאָגט זי ? — פלעגט לודוויג זיך צעשרייען, — איך האָב זי פאַרזאָרגט מיט אַ מאַן, וואָס פאַרמאָגט אַלע געבענטשטע מעלות פון אַ שטאַטסמאַן, פון אַ געניאַלן פירער, אַ מאַן וואָס ווערט רעספּעקטירט פון אַלע וואָס קענען אים ; איך האָב זי פאַרזאָרגט מיט אַ פּראַכטפולער היים, און מיט גענוג געלט צו לעבן אין לוקסוס. זי וואָלט דאַרף באַ־דאַרפט טאַנצן אין די גאַסן פאַר פרייד. פאַרפאַלן, אַזוי איז זי געווען מיידלוויז, אַזוי איז זי איצט און זי וועט שוין, ווי עס ווייזט אויס, אויס־לעבן אירע יאָרן אין איינזאַמער פאַרשלאָסנקייט און אַרומגיין מיט אַ זויער פּנים.

— ניין, לודוויג, — האָט מיסעס פעלהענדלער פּראָטעסטירט, — איצט איז נישט ווי זי איז געווען מיידלוויז. איר געלעכטער פלעגט קלינגען איבערן גאַנצן הויז. איצט לאַכט זי מער נישט . . . ס'איז נישטאָ

קיין פרייד אין איר האַרץ . . . אפשר אַ קינד, — האָט מיסעם פעלהענד־לער אַ זאָג געטאָן און אירע אויגן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן.

— נו, ביזט דאָך אַ מאַמע, רעד מיט איר . . . אַ קינד! אַן אייניקל! געווים, דאָס איז די קאָמבינאַציע צו דער קאַסע . . . אַ מיליאָן דאָלער גיב איך איר! דו הערסט וואָס איך זאָג? רעד מיט איר . . . זאָג איר — אַ קיילעכדיקן מיליאָן פאַר אַן אייניקל!

— שוין גערעדט מיט איר, לודוויג.

— נו, וואָס האָט זי געענטפערט?

— זי האָט געענטפערט מיט אַ זיפץ, אַז עס האָט מיר אַ ריס געטאָן ביים האַרץ. פאַרשטייסט, לודוויג?

פראַנץ ווייַנהאַרץ ביי דער אַרבעט

מיט זיין גאַנצן בלינדן, פאַנאַטיש־פּאַטריאָטישן ברען האָט פראַנץ זיך פאַרמאָסטן דורכצופירן איינע פון זיינע הויפּט־אויפגאַבן, — צו גע־ווינען די יוגנט פאַר די „ליכטיקע אידעאַלן" פון דער נאַצישער פילאָ־זאָפישער פּראָגראַם. לויט זיין געוואוינהייט האָט ער צוערשט גוט דורכגעטראַכט און מיט מעטאָדישער פּינקטלעכקייט אויסגעלייגט דעם פּלאַן, אַריינצופירן זיין יונגע אַרמיי, שריט־ביי־שריט, אין דעם טעמפּל, וואו העלדן ווערן אויסגעשמידט צום היסטאָרישן קאַמף און הייליקער אויפגאַבע צו בויען די נייע ליכטיקע נאַצישע וועלט.

ער האָט אויסגעקליבן צען פעאיקסטע האַי־סקול שילער, זינדלעך פון דעם רייכערן קלאַס פאַר „פערזענלעכער אויפמערקזאַמקייט". פרעדי בלענשאַרד איז געווען איינער פון דער גרופּע.

יעדן שבת אָוונט פלעגט די שטאָלצע גרופּע סטודענטן זיך פאַרזאַמ־לען אין פראַנצס סטודיאָ, צו פאַרטיפן און אויסברייטערן זייער באַגריף וועגן די וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען וואָס זענען אויף דעם טאָג־אָרדענונג פון יעדן ציוויליזירטן לאַנד.

צוערשט פלעגט פראַנץ, דער סקול־פּרינציפּאַל, האַלטן די לעקציע, דערנאָך פלעגן פאָרקומען דיסקוסיעס און צולעצט פלעגט דער אָוונט פאַרענדיקט ווערן מיט אַ פריילעכער הוליאַנקע, מיט בראָנפן, ביר און וויין און צובייסן, וואָס איז שוין געווען צוגעגרייט.

נאָך די ערשטע פאַר לעקציעס וועגן די ראַשיקע אַנטוויקלונגען פון דער וויסנשאַפט און אַטעם־פאַרכאַפּנדיקן וואוקס פון די אַלץ נייע אינ־דוסטריעס און אויסגעשפּרייטער קאָמערץ, האָט פראַנץ מיט טיפן ערנסט איינגעשפּאַנט די אויפמערקזאַמקייט פון זיינע שילער צו דער וואַקסנ־דיקער געפאַר פון די אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע שונאים פון דער ציוויליזירטער וועלט, — דער עיקר אין די פאַראייניקטע שטאַטן . . .

— דער יונגער דור, — קנעלט פראַנץ מיט זיינע צוהערער, — איז בערהויפּט די ערנסטע און פעאיקע סטודענטן, וועמענס גורל עס איז שוין באַשטימט צו פאַרנעמען וויכטיקע, פירנדיקע פּאָזיציעס אין די פאַרשידענע צווייגן פון דער וויסנשאַפט, עקאָנאָמישער ווירטשאַפט און

אין דער פּאָליטישער פּירערשאַפט פון אונדזער גרויס, רייך און מעכטיק לאַנד, — מוזן שטענדיק געדענקען דעם גרונט־פּרינציפּ וואָס אונדזערע אַמעריקאַנער פּאַטערס האָבן אויסגעשמידט אין די פייערן פון זייערע גלאָררייכע קאַמפן פאַר אַ פרייער אַמעריקע: מיר מוזן אַלעמאָל געדענקען, אַז „דער פּרייז פון פרייהייט איז אייביקע וואַכזאַמקייט", — באַטאָנט פּראַנץ דראַמאַטיש זיינע ווערטער.

פּראַנץ כאַפּט אָפּ דעם אָטעם און ער רעדט ווייטער מיט אַ רואיקן און זאַכלעכן טאָן:

— אונדזערע הויך־געלערנטע און אָנערקענטע אויטאָריטעטן און אויך גאָט־געבענטשטע ווייט־זעענדיקע שטאַטסמענער וואָרענען אונדז וועגן די דריי הויפּט־געפאַרן, וואָס ווערן ערנסטער מיט יעדן טאָג: די געפאַר פון דער וואַקסנדיקער פּרימיטיווער שוואַרצער באַפעלקערונג. — האָט פּראַנצס שטים איצט געקלונגען מיט גרויס באַזאָרגטקייט. — זיי, די ניגערס אין אונדזער לאַנד, פאַרמערן זיך מיט אומגעהויערער שנעלקייט. ערשט נעכטן, היסטאָריש גערעדט, זענען אין די פאַראייניקטע שטאַטן געווען אַ פּאָר מיליאָן נעגערס. אָבער איצט ציילן זיי שוין נאָענט צו צוואַנציק מיליאָן. ערשט נעכטן, היסטאָריש גערעדט, זענען די נעגערס געווען איינגעפּאַקט בלויז אין די דרום־שטאַטן, אָבער איצט האָבן זיי זיך צעשפּרייט, ווי לויט אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן, איבער אַלע שטאַטן. די שוואַרצע באַפעלקערונג, — האָט פּראַנץ גערעדט מיט פאַרביסענעם האַס, — איז אַ נידעריקע ראַסע. זייער מאָרך איז נישט אַנטוויקלט, און עס איז אוממעגלעך פאַראויסצוזאָגן ווען זיי, די נעגערס, וועלן דערגרייכן די הויכע מדרגה פון דער ווייסער ציוויליזירטער מענטשהייט, און עס זענען פאַראַנען וויסנשאַפטלייט וואָס באַהויפּטן, אַז זיי, די נעגערס, וועלן אַזאַ מדרגה קיינמאָל נישט דערגרייכן. עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, — האָט פּראַנץ באַטאָנט, — אַז די נעגערס זענען פויל, אומוויסנדיק, אומפעאיק, אומהערלעך און פאַרמאָגן נישט דעם מינדסטן באַגריף פון מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און זעלבסט־ווירדע.

— און אָט דערפאַר, — האָט פּראַנץ אונטערגעשטראָכן יעדעס וואָרט, — זענען די ציוויליזירטע, ריינבלוטיקע ווייסע געצוואונגען זיך אָפּצוזונדערן פון די נעגערס. נאָך מער: אין די דרום־שטאַטן זענען די

ווייסע געוועז געצוואונגעז צו אָרגאַניזירן דעם גלאַררייכן קו־קלוקס־קלעז, כדי צו באַשיצן זייערע לעבנס, זייער אייגנטום, זייערע פרויען און טעכטער, און האַלטן דעם פּרימיטיוון נעגער אין צוים.

— אָבער צום באַדויערן, — האָט פראַנץ פאַרענדיקט זיין לעקציע, — וואַקסט און עס פאַרשפּרייט זיך די שוואַרצע געפאַר אין אַלע שטאַטן. אויב מיר זאָלן, חלילה, פאַרנאַכלעסיקן אונדזער פליכט און נישט אָנ־ווענדן אַלע נייטיקע מיטלען צו צוימען דעם שוואַרצן שונא, איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז אונדזער מעכטיק און הויך־ציוויליזירט לאַנד וועט נישט זיין בכוח צו דערפילן דעם חוב צו אונדזערע צוקונפטיקע דורות און צו דער גאַנצער וועלט און צו האַלטן הויך די פאָן פון פרייהייט, פּראָגרעס און געזעץ און אָרדענונג.

פראַנץ האָט געפילט, אַז זיין לעקציע האָט געמאַכט אַ טיפן איינ־דרוק אויף זיינע האַי־סקול שילער. ער האָט דערפילט די זיכערקייט, אַז אים וועט געלינגען גאַר אינגיכן צו פאַרווירקלעכן זיין ציל אויסצו־שמידן יונגע, מוטיקע פאַטריאָטישע אַמעריקאַנישע פירער און קעמפער פאַר דעם נאַציאָנאַלן אידעאַל, און ער האָט דערלויבט זיינע שילער זיך צעהוליען ביי דער צוגעגרייטער סעודה.

צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן זענען די יונגע בחורים היים גע־גאַנגען מיט וואַקלדיקע טריט . . .

שבת אָוונט, אין אַ וואָד אַרום, וואַרטן ווידער די אויסדערוויילטע שי־לער אין דעם גרויסן סטודיאַ־צימער אויף זייער באַליבטן און הויך־געלערנטן האַי־סקול פרינציפּאַל ער זאָל באַרייכערן און פאַרטיפערן זייער וויסן.

פראַנץ וויינהאַרץ פילט, אַז זיינע פריערדיקע לעקציעס האָבן שוין גוט צוגעגרייט זיין יונגע גרופּע פאַר די וויכטיקע ענינים און ער פירט זיינע שילער טיפער אין דעם וואַלד פון אויפקלערונג.

— מיר האָבן אין קורצן שוין אַנאַליזירט, — הייבט פראַנץ אָן זיין איצטיקע לעקציע, — די וואַקסנדיקע געפאַר אין אונדזער לאַנד פון דער פרימיטיווער שוואַרצער ראַסע. היינט אָוונט וועלן מיר באַטראַכטן אַן אַנדער געפאַר, וואָס שטאַמט פון אַ ראַסע וואָס איז כיטרע, פעאיק, נישט־אומוויסנדיק און איז באַוואָפנט מיט אַ סך דערפאַרונג, איניציאַ־

טיוו און אַמביציע, — די געפאַר פון דער יידישער ראַסע, וואָס פאַר־שפּרייט זיך ווי אַ קרעציקע קראַנקהייט.

— יעדעם ציוויליזירט לאַנד, וואָס האָט געמאַכט דעם אומגליקלעכן טעות צו עפענען די טויערן פאַר יידן, מוז פריער אָדער שפּעטער, און וואָס פריער אַלץ בעסער, אָננעמען שטרענגע מיטלען אויסצוברענען די יידישע געפאַר מיט די וואָרצלען.

— די יידן פאַרשטייען דעם כוח פון פאַראייניקונג. אַזוי גיך ווי צען יידן באַזעצן זיך ערגעץ אין אַ שטעטל, בויען זיי אַ שול, און דאָרט אין דער שול אָרגאַניזירן זיי אַ שטרענג־געהיימע ברודערשאַפט. דאָס איז אַזאַ געזעץ ביי זיי, — אַן אַלט־יידישער געזעץ, אַ באַפעל פון זייערע הויפּט־פירער, די ראַבאַים מיט די לאַנגע בערד און פּיאות.

— ערשט נעכטן, היסטאָריש גערעדט, זענען אין די פאַראייניקטע שטאַטן געווען נישט מער ווי עטלעכע טויזנט יידן, אָבער איצט זענען ביי אונדז אין לאַנד פאַראַן מיליאָנען יידן. ווי אין אַ סך אַנדערע לענ־דער פאַרנעמען זיי שליסל־פּאָזיציעס אויך דאָ אין אַמעריקע.

— טויזנטער יידישע לענדלאָרדס פאַרמאָגן אַ ריזיקע צאָל הייזער, טויזנטער יידישע פאַבריקאַנטן זענען איינגעפונדעוועט אין יעדן שטאַט. די גרויסע, רייכע קליידער־אינדוסטריע ווערט קאָנטראָלירט פון יידן; די גרעסטע דעפּאַרטמענט־סטאָרס ווערן קאָנטראָלירט פון יידן, גרויסע טעגלעכע צייטונגען ווערן אַרויסגעגעבן דורך יידן.

— די יידישע באַנקירן זענען פאַרבונדן מיט די ראָטשילדס, — די מעכטיקסטע אינטערנאַציאָנאַלע באַנקירן.

— אומעטום וועט איר זיי געפינען, — טויזנטער יידישע דאָקטוירים. טויזנטער יידישע לערערס, פּראָפעסאָרן, אַדוואָקאַטן, אינזשענירן, האָטעל־אייגנטימער, מעבל־פאַבריקאַנטן, יידן אימפּאָרטירער און עקס־פּאָרטירער.

— דאָס איז אַ ביטערע און עגאָאיסטישע ראַסע, וואָס לעבט פון עקס־פּלואַטאַציע, פּראָפיטן און פּראָצענטן. זיי, די יידן, ווייסן אַז מאַכט, מאַכט און בלויז מאַכט, רעגירט אַ לאַנד און באַהערשט די וועלט; און געלט, קאַפּיטאַל איז מאַכט. דערפאַר איז זייער שטרעבונג — געלט, קאַפּיטאַל און מאַכט, אין יעדן לאַנד וואו זיי געפינען זיך.

— אָבער די אַלע אויסגערעכנטע, ריזיקע מאַטעריעלע דערגרייכונגען

און מאכט־פּאָזיציעס באַפרידיקן נישט די יידן און זייערע פירער. זייער הויפּט־ציל איז: צו באַהערשן די וועלט. דערפאַר האָט זייער גרעס־טער, הויך־געלערנטער, געניאַלער פירער צוגעטראַכט אַ שווינדלערישע פילאָזאָפיע, אַ פאַרברעכערישע, כיטרע סטראַטעגיע פון „צעטייל, צע־שטער און באַהערש". ער, דער יידישער געניאַלער מכשף, האָט גע־שאַפן די רויטע פלאַג, וואָס וועט פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און זעגלט אונטער דער פאָן פון „מאַרקסיזם", „סאָציאַליזם", אָדער „קאָמוניזם". דאָס איז אַן אומבאַשטרייטבאַרער מעכטיקער צעשטערנ־דיקער וואָפן קעגן דער ציוויליזירטער וועלט.

— דער ייד, קאַרל מאַרקס, האָט באַשאַפן די ליגנערישע, שענדלעכע און טייוולשע פילאָזאָפיע, אַז אין יעדן לאַנד עקזיסטירן צוויי באַזונדע־רע פיינטלעכע קלאַסן, וואָס ווערן צעטיילט צוליב זייערע באַזונדערע קעגנזייטיקע אינטערעסן, — אַן אַרבעטער קלאַס און אַ קאַפּיטאַליסטי־שער קלאַס.

— דער ייד קאַרל מאַרקס האָט באַשאַפן דעם רעוואָלוציאָנערן קלאַ־סן־קאַמף, וואָס צעשטערט די אייניקייט פון דער געזעלשאַפט אין יעדן לאַנד, און צעשטערט דאָס פרידלעכע צוזאַמענלעבן פון די פעלקער.

— ער, דער ייד קאַרל מאַרקס, האָט באַשאַפן די פאַרדאַמטע פילאָזאָ־פיע פון דער „אומפאַרמיידלעכער נויטווענדיקייט" פון בלוטיקע רעוואָ־לוציעס, וואָס העצט אויף די פרידלעכע גאָטספאַרכטיקע אַרבעטזאַמע פאַטריאָטישע בירגער צו פאַרטיליקן און אָפּשאַפן דעם אַזוי־גערופענעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און פאַרכאַפן אַלע אָנגעזאַמלטע רייכטימער פון דער וועלט און פאַרניכטן דעם פרידלעכן מאַרש פון שטייגנדיקן פּראָ־גרעס און ציוויליזאַציע.

— אַט די יידישע תורה פון דעם ייד קאַרל מאַרקס איז שוין אין אונ־דזער צייט פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דעם פאַראומגליקטן רוסלאַנד, וואו דער אויפגעהעצטער רעוואָלוציאָנערער המון האָט דערשאָסן דעם צאַר, אויסגעשאָכטן, פאַרניכטעט און אויסגעוואָרצלט די נאָבעלע רו־סישע אַריסטאָקראַטן, פאַרניכטעט טויזנטער קלויסטערס, היסטאָרישע גרויסע קלויסטערס האָבן זיי געשענדט, פאַרוואַנדלט זיי אין מוזעאומס.

— און ווער זענען די פירער פון דער רעוואָלוציע אין יענעם טראַגישן לאַנד? — אַ מאַרקסיסט לענין, וואָס שטאַמט פון אַ געמישטער ראַסע:

מאַנגאַלן און יידן; אַ ייד וואָס רופט זיך לעאָן טראָצקי, וואָס זיין אמתער נאָמען איז לייב בראָנשטיין, דער זון פון אַ ראַבאַי. אָט דאָס, מיינע יונגע פריינט, זענען די טראַגישע רעזולטאַטן פון דעם פאַר־שאָלטענעם מאַרקסיזם־סאָציאַליזם־קאָמוניזם! — די יידישע שווידער־לעכע דערפינדונג . . .

— און ווער איז איצט דער הערשער איבער די מיליאָנען אומגליק־לעכע פאַרשקלאַפטע רוסישע אַרבעטער? — אַ ייד: שלמה לאָזאָווסקי!

— און ווער איז געווען דער הויפּט־פירער פון די רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטן־קאָמוניסטן אין דייטשלאַנד? — אַ יידישקע: רייזל לוק־סעמבורג!

— און ווער איז איצט דער הערשער אין פראַנקרייך? — איציק־לייב בלום, אַ יידישער מאַרקסיסט־סאָציאַליסט!

— און ווער איז דער קאָפּ, דער טעאָרעטישער פירער פון די מאַרק־סיסטן אין ענגלאַנד? — דער ייד שמעון לאַסקי.

— און ווער איז דער אָנפירער פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי? — משה הילקוויט, אַ ייד.

— און ווער זענען די פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ביי אונדז אין די פאַראייניקטע שטאַטן? — משה אָלגין, יאַנקל סטעטשל און וויליאַם זאַנוויל פאָסטער, — יידן.

— און ווער האָט אָרגאַניזירט מיליאָנען אַרבעטער אין דער „אַמערי־קען פעדערייזשאָן אָוו לייבאָר" און בונטעוועט זיי און לערנט זיי די תורה פון קלאַסן־קאַמף? — שמואל גאָמפּערס, אַ ייד.

— אָט־די אינעווייניקסטע שונאים אין יעדן לאַנד, און ביי אונדז, זענען די ערגסטע און באַלדיקע געפאַר פאַר אונדזער ציוויליזאַציע. זיי זאַמלען כוחות און גרייטן זיך. אַפילו ביי די פּרימיטיווע אַמעריקאַנער נעגערס זענען שוין פאַראַן שוואַרצע פירער וואָס זענען פאַרגיפטעט פון דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם, און זיי שפּרייטן דעם גיפט צווישן זייערע אומוויסנדיקע ברידער. איר באַגרייפט די טראַגעדיע?

— אָבער דעם ערגסטן טעות וואָס מיר באַגייען איז וואָס מיר דער־לויבן די גיפטיקע אינעווייניקסטע שונאים צו פונקציאָנירן פריי און אומגעשטערט. פאַר דעם טעות וועלן מיר טייער באַצאָלן, און מיר וועלן טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם טראַגישן גורל וואָס דער־וואַרט אונדז.

— דאָס וואָס האָט פּאַסירט אין רוסלאַנד, קאָן אויך דאָ פּאַסירן, אויב מיר וועלן נישט צוימען די נעגערס, די יידן און די מאַרקסיסטן. איך האָב אַ טיפן גלויבן אין אַמעריקע! איך בין איבערצייגט, אַז די אַמעריקאַנער יוגנט פאַרשטייט, אַז „דער פּרייז פון פרייהייט איז אייביקע וואַכזאַמקייט". דאָס מיינט טאָט! מוטיקער און אומדערשראָקענער, טאָג־טעגלעכער קאַמף צו פּאַראַליזירן אונדזערע שונאים, זיי מאַכן אומשעדלעך, כדי צו ראַטעווען אונדזער גרויס און דעמאָקראַטיש לאַנד פון אומקום.

דער ענטוזיאַסטישער אויסברוך פון הענט־קלאַפּעריי האָט געפרייט און געגלעט פראַנצס האַרץ. ער האָט געוואוסט, אַז זיינע רייד זענען געפאַלן אויף אַ פּרוכטבאַרן באָדן . . . ער איז געווען זיכער, אַז זיין גרופּע יונגע, געזונטע און מוטיקע סטודענטן זענען גרייט . . .

אין יענער נאַכט איז פרעדי שפּעט אהיים געקומען שיכור פון דער הוליאַנקע, וואָס מ'האָט געפּראַוועט נאָך פראַנצס לעקציע אין דער סטודיאָ. ער איז געפאַלן אויף די טרעפּ און זיך נישט געקאָנט אויפהייבן. די הינט האָבן זיך צעבילט. פרענק איז אַרויסגעלאָפן פון הויז אויסצוגעפינען פאַרוואָס די הינט זענען אַזוי צעררייצט און האָט געפונען דעם שיכורן פרעדי אויף די טרעפּ. ער האָט אים אַריינגעטראָגן אין הויז אריין.

אַ גאַנצע נאַכט איז פרעדי געווען קראַנק. פרענק און טעריסאַ האָבן געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן אויף זיין קאָפּ. אין זיין שיכורן צושטאַנד האָט פרעדי אַרויסגעפּלאַפּלט וועגן דעם גרויסן באַנקעט אין פראַנץ וויינהאַרצס סטודיאָ.

— פראַנץ וויינהאַרץ איז אַ־קעי . . . טאַפּס! אַבסאָלוט טאַפּס! — האָט פרעדי געפּלאַפּלט.

— אַ טאָוסט צום גרויסן, ג־גע־ניאַלן פירער פראַנץ וויינהאַרץ!

פרענק איז פאַרציטערט געוואָרן דערהערנדיק דעם נאָמען „וויינהאַרץ", וואָס פרעדי האָט דערמאָנט אין זיינע שיכורע פּלאַפּלערייען. ער איז אַרויס פון פרעדיס שלאָפצימער אַ צערודערטער און אַן אויפגערעגטער. זיין קערפּער האָט געציטערט פון זיין אויפגעוואַכטן האַס קעגן פראַנץ וויינהאַרץ . . .

אויף דער וואַך קעגן אינעווייניקסטע שונאים

דאָס פרידלעכע שטעטל ריווערוויל איז מיטאַמאָל אויפגעטרייסלט געוואָרן פון בלוטיקע אָנפאַלן אויף נעגערס.

דער נעגער דזשים וואַשינגטאָן איז געווען דער ערשטער קרבן. דזשים איז געבוירן געוואָרן און איז אויסגעוואַקסן אין ריווערוויל. אין סקול איז ער נישט געגאַנגען. לייענען און שרייבן האָט ער נישט געקאָנט. פון קינדווייז אָן האָט ער געמוזט פאַרדינען זיין ברויט. ער האָט גע־אַרבעט אַלס אַרויסהעלפער ביי אַ קאַרפּענטער, ביי אַ פּלאָמבער, ביי אַן עלעקטריקער און ביי שטיינהאַקעריי.

ווען אַמעריקע האָט אין 1917 דערקלערט קריג קעגן דייטשלאַנד, האָט דזשים פרייוויליק זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי. ער איז שווער פאַר־וואונדעט געוואָרן אין די אַרגאָן־וועלדער. ווען ער איז אַהיימגעקומען קיין ריווערוויל, איז ער געלעגן אין שפּיטאָל אַ לאַנגע צייט, און ווען ער איז ענדלעך געזונט געוואָרן, האָט ער געקראָגן די שטעלע אַלס גע־הילף־דזשעניטאָר אין שפּיטאָל. זיינע שכירות זענען געווען זייער קליינע. נאָך צען יאָר אַרבעט אין שפּיטאָל, האָט דזשים שוין פאַרדינט גוט, — פופציק סענט אַ שעה מיט מאָלצייטן.

ער האָט חתונה געהאַט מיט דער נעגער־מיידל לוסי, וואָס האָט גע־רייניקט די צימערן אין שפּיטאָל און האָט פאַרדינט צוואַנציק סענט אַ שעה. דורך די יאָרן זענען דזשים און לוסי געוואָרן די שטאָלצע עלטערן פון פיר קינדער. זייער וואוינונג וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן מיט אַ קיך, איז געוואָרן צו־ענג פאַר דער פאַמיליע פון זעקס נפשות. זייער טרוים איז געווען, — אַ היים מיט מער צימערן, און זיי האָבן יעדע וואָך געשפּאָרט קליינע סומען געלט צו פאַרווירקלעכן זייער טרוים.

ענדלעך איז זיי געלונגען צו דערגרייכן זייער ציל. פאַר דעם געלט, וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט נאָך לאַנגע יאָרן האָרעוואַניע, האָבן זיי גע־קויפט אַ הויז, וואָס איז געשטאַנען ביים סאַמע סוף פון אַ גאַס, וואו די אָרעמסטע שיכטן פון דער ווייסער באַפעלקערונג האָבן געוואוינט.

דאָס הויז איז נישט געווען באַוואוינט אַ לאַנגע צייט און איז געווען אָפּגעלאָזן און צעלעכערט פון אַלע זייטן. דזשים האָט געוואוסט, אַז דאָס הויז איז נישט ווערט אַזוי פיל ווי ער האָט דערפאַר באַצאָלט. ער

האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז נעגערס באַצאָלן העכערע פּרייזן ווי די ווייסע, — און ער האָט באַצאָלט . . .

חדשים לאַנג האָבן דזשים און זיין פרוי, אין זייערע פרייע שטונדן, געאַרבעט אויף דער חורבה. זיי האָבן פאַרלאַטעט די לעכער פון דאַך, פון די ווענט, און אין די דילן. דזשים האָט אַריינגעשטעלט נייע פענצטער און נייע טירן, פאַרריכט די וואַסער־רערן, אויפגעבויט אַ נייעם גאַנעק, מיט נייע טרעפ, און אָפּגעפאַרבט דאָס איבערגעבויטע הויז פון אינעווייניק און פון דרויסן. דזשים און לוסי האָבן הנאה געהאַט פון זייער אַרבעט און זיך געפרייט מיט זייער נחלה. „איצט״,—האָט דזשים געטראַכט, — „וועט עס איז אים געלונגען אויפצושטעלן כּמעט אַ נייע הויז פון יענער חורבה, וועט אים נישט אָנקומען שווער צו פאַרסטראַכירן זיין היים קעגן פייער״. אָבער נאָך איידער ער האָט נאָך פאַרסטראַכירט זיין הויז, און איידער ער האָט באַוויזן זיך אַריינציען אין זיין נייער שיינער היים, האָט דאָס הויז אָפּגעברענט ביז צום לעצטן ברעטל.

דזשים, און אַלע אין ריווערוויל האָבן פאַרשטאַנען, אַז די אונטערצינדער האָבן נישט געוואָלט, אַז אַ נעגער־פאַמיליע זאָל וואוינען אין אַ ווייסער געגנט . . . אָבער ווער זענען זיי, די אונטערצינדער? ווי קומט עס אַז אין ריווערוויל זאָל פאַסירן אַזאַ פאַרברעכן?

און נאָך איידער מ׳האָט נאָך פאַרגעסן די געשיכטע פון דער שריפה איז אונטערגעקומען אַ פרישע טרויעריקע געשיכטע.

דער נעגער העברי דזשעפערסאָן האָט געאַרבעט אַ סך יאָרן אַלס טראַק־דרייווער ביים יידישן ברוכוואַרג־ (דזשאַנק) אויפקויפער. העברי, אַ שטילער, פריינטלעכער און אַרבעטזאַמער מענטש, טוט ער זיין אַרבעט בשלימות. ער לאָדט אָן די סחורה אויפן טראָק, ברענגט דעם טראָק מיט דעם ברוכוואַרג אין דעם גרויסן דזשאַנק־יאַרד, לאָדט אויס און סאָרטירט אויס די סחורה אין באַזונדערע הויפנס. אַזוי יעדן טאָג, פון זיבן אין דער פרי ביז זיבן אין אָוונט. ער אַרבעט בלויז פינף טעג אַ וואָך, ווייל שבת איז דאָס געשעפט געשלאָסן ביים יידישן ברוכוואַרג־סוחר, און זונטיק אַרבעט ניט העברי. פרייטיק, ערב שבת, פאַרשליסט דער יידישער סוחר זיין געשעפט פינף אַזייגער.

יעדן פרייטיק, נאָך דער אַרבעט, קריגט העברי זיינע שכירות — פינף און צוואַנציק דאָלער פאַר זיינע פינף טעג אַרבעט. דאַמאָלסט נעמט

הענרי זיין וועגעלע, וואָס ער האָט אויפגעבויט פון צוויי אַלטע קינדער־וועגעלעך, און לאָזט זיך אַוועק אין זיינע באַקאַנטע קראָמען, וואו ער קויפט איין ברויט און פוטער און פלייש, זאַלץ און קאַרטאָפל, ציבעלעס, קאַווע, צוקער און אַנדערע פּראָדוקטן פאַר זיך און פאַר דער פרוי, מיט וועמען ער וואוינט אַלס מאַן־און־ווייב.

ווען ער ווערט פאַרטיק מיטן איינקויפן די נייטיקע עסנוואַרג־פּראָדוקטן, קויפט ער אַ גאַלאָן וויין, און אויף זיין לאַנגן וועג אַהיים, אין „ניגער־טאָון", זופּט ער פון גאַלאָן דעם וויניקן, שמעקנדיקן טרויבנזאַפט. ער שטופּט זיין אַנגעלאָדן וועגעלע מיט זיין פאַרדינטן רייכטום, כאַפּט אַ זופּ פון דעם גאַלאָן און זינגט זיך אונטער הארציקע ניגונים מיט זיין קרעפטיקן באַריטאָן. זיין קלאָרע קלינגענדיקע שטים צעהעלט זיך באַזונדערס ווען ער זינגט זיין באַליבט ליד:

„אָלד מען ריווער, הי דזשאַסט קיפּס ראָלינג אַלאָנג,

הי דאָנט פּלענט קאָטן, הי דאָנט פּלענט טייטערס . . . "

אַ סך איינוואוינער אין ריווערוויל קאָנען הענרין. ווען זיי באַגעגענען אים אויפן וועג באַגריסן זיי אים פריינטלעך: — „האַי, הענרי! האַי קאַרוסאָ!" הענרי קען זיינע פריינטלעכע באַגריסער און ער ענטפערט זיי גוטמוטיק: — „האַי, באָס!"

די פרוי, מערי, מיט וועלכער דזשעפערסאָן וואוינט שוין עטלעכע יאָר, איז אַ ווייסע. קיינער ווייסט נישט פון וואַנען מערי איז געקומען קיין ריווערוויל. זי ווייסט אויך נישט. מערי וועגט איבער צוויי הונדערט פונט, און איז טויב ווי די וואַנט. איינמאָל אין אַן אָוונט האָט הענרי זי געזען זיצן אויף אַ קעסטל אין דזשאַנק־יאַרד. עס האָט גערעגנט און מערי איז געווען דורכגעווייקט. ווען זי האָט אים דערזען, האָט זי אים געבעטן, ער זאָל איר געבן עפּעס עסן. אויף אַלע זיינע פראַגעס האָט זי אים געענטפערט, אַז זי איז הונגעריק. הענרי האָט גערופן זיין באָס.

— הענרי, זי איז טויב ווי אַ שטיק האָלץ, — האָט דער באָס געזאָגט, — זי איז אויסגעווייקט און איז הונגעריק. וואוינסט דאָך אַליין. נעם דעם טראָק און ברענגען זי אַהיים צו דיר אין דיין הויז. גיב איר עסן און זאָל זי זיך אויסרוען. דערנאָך וועסטו זי פרעגן פראַגן. העלף איר, הענרי. ס'איז אַ רחמנות אויף איר . . . העלף איר . . . וועסט פאַרדינען אַ גרויסע מצוה . . .

שוין עטלעכע יאָר ווי הענרי וואוינט מיט מעריז און ער פאַרזיכערט זיינע פריינט, אַז גאָט אַליין האָט אים צוגעשיקט זיין טייערע מערי.

מערי האָט ליב דעם געזונטן און גוטמוטיקן הענרי. זי קאָכט און באַקט, וואַשט און פּרעסט זייער וועש, און אין הויז איז זויבער־ריין. יעדן אָוונט וואַרט זי אין דרויסן אויף איר הענרי, ווען ער קומט אַהיים פון דער אַרבעט, און באַגעגנט אים מיט אַ ברייטן שמייכל.

הענרי שמועסט מיט מעריז שעהן־לאַנג. אַן אָנשטרענגונג און אַן שוועריקייטן. זי קוקט אויף זיינע ליפּן און לייענט יעדעם וואָרט וואָס ער זאָגט. אָפט ווען הענרי דערציילט מעריז אַ וויץ, שיסט מערי ארויס אין אַ הילכיקן געלעכטער, און הענרי איז גליקלעך וואָס מערי האָט ריכטיק געלייענט זיינע ליפּן און אָפּגעשאַצט דעם וויץ. איר הילכיקער געלעכטער פילט אים אָן מיט פרייד.

בלויז איינמאָל האָט הענרי זיך געוואָלט איבערצייגן, צי מערי לייענט טאַקע באמת זיינע ליפּן. ער האָט איר דערציילט אַ געשמאַקן וויץ, און ווען מערי האָט זיך הילכיק צעלאַכט, האָט ער זי געבעטן, אַז זי זאָל אים איבערדערציילן דעם וויץ.

מערי האָט זיך צעבייזערט:

— וואָס מיינסטו, הענרי, איך בין בלינד און איך זע נישט וואָס דו רעדסט צו מיר? — האָט זי אויסגעשריגן, אוןביידע האָבן זיך האַרציק צעלאַכט.

זייערע נעגערשע שכנים רעדן אָפט צווישן זיך, אַז אין גאַנץ „ניגער־טאַון" איז נישטאָ קיין איין פּאָרפאָלק וואָס לעבט גליקלעכער און צופרידענער ווי הענרי דזשעפערסאָן מיט זיין פעטער ווייסער מערי.

אומזיסט האָט מערי געוואָרט יענעם פרייטיק אויף איר הענרין. זי האָט נישט געוואוסט, אַז הענרי האָט נישט געקאָנט קומען אַהיים, ווייל ער איז שוין גאָר געלעגן אין שפּיטאָל. זיין נאָז איז געווען צעבראָכן, זיינע ליפּן זענען געווען צעשפּאָלטן און דער דאָקטאָר האָט געאַרבעט איבער אַ שעה צו פאַרנייען זיינע קאָפּ־וואונדן און די מעסערשניט אויף זיין קערפּער. הענרי איז געווען דער ערשטער נעגער־קרבן פון פראַנץ וויינהאַרצס פּאַטריאָטישער גרופּע וואָס האָט באַשיצט דעם כבוד פון דער ווייסער מענטשהייט . . .

דער נעגער וועסלי דזשעקסאָן און זיין זעכצן יאָריקער זון וויליאַם

האָבן בשותפות געאַרבעט אין זייער אייגענער געשעפט־אונטערנעמונג. יעדן פרימאָרגן פלעגן זיי זיך אַרויסלאָזן פון זייער היים, מיט קעסלען אָנגעפּאַקט מיט שמאַטעס — קיין ריווערוויל. פאַר צוואַנציק סענט פלעגן זיי ריין אַפּוואַשן און אָפּווישן אַפילו דעם שמוציקסטן אויטאָ־מאָביל.

זיי האָבן אָפּגעוואַשן דעם אויטאָמאָביל וואָס האָט באַלאַנגט צו אַדאָלף בירפּאַס, דער אייגנטימער פון אַ קראָם פון גענוצטע מעבל. ווען זיי זענען פאַרטיק געוואָרן מיט זייער אַרבעט, האָט דער הער בירפּאַס זיי באַפוילן אויסצורייניקן זיין אויטאָמאָביל אויך פון אינעווייניק.

— נאָך צען סענט, באָס, — האָט דער יונגער וויליאַם מיט אַ שמייכל געזאָגט דעם הער בירפּאַס.

אַדאָלף בירפּאַס, וואָס איז זעלטן געווען ניכטער, איז אויך דעמאָלט געווען שיכור, און ער האָט אַ ברום געטאָן:

— רייניק אויס אינעווייניק!

— נאָך צען סענט, באָס, — איז וויליאַם באַשטאַנען אויף זיין פּרייז.

— רייניק אויס, זאָג איך דיר, דו לויזיקער ניגער! — האָט דער שיכורער בירפּאַס ווילד אַ רעווע געטאָן, און אָנגעכאַפּט דאָס יינגל ביים גאָרגל.

וויליאַם האָט אַ פאַרצווייפלטער געוואָלט באַפרייען זיין גאָרגל פון בירפּאַסעס חיהשער לאַפּע, וואָס האָט אים געוואָרגן, און האָט אין דעם געראַנגל צעקראַצט בירפּאַסעס האַנט.

עטלעכע ווייסע מענטשן וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט ווען זיי האָבן דערהערט בירפּאַסעס ברום, „רייניק אויס, זאָג איך דיר", און האָבן געזען וואָס עס איז פאָרגעקומען, האָבן אַרויסגעראַטעוועט דאָס נעגערישע יינגל פון דעם צעיושעטן שיכורן בירפּאַס. אַ ווייסע פרוי האָט זיך צע־שריגן, אַז מען דאַרף דעם בירפּאַס פאַרשפּאַרן אין אַ משוגעים־הויז, און בירפּאַס האָט געטרעוועט, אַז זי איז אַ „ניגער־לאַווער".

ווען דער טומל האָט זיך איינגעשטילט, זענען די פאַרזאַמלטע זיך צעגאַנגען.ביידע נעגערס, דער טאַטע מיט זיין זון, זענען אַוועקגעגאַנגען זוכן צו פאַרדינען זייער ברויט, גלייך ווי ס'וואָלט גאָרנישט פּאַסירט.

אָבער — לאַרי בירפּאַס, דער זון פון דעם שיכור אַדאָלף בירפּאַס, איז געווען איינער פון פראַנץ וויינהאַרצעס יונגע אַמעריקאַנער „שטור־

רעם־טרופּערס״. אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען שויןביידע נעגערס, וועסט־לי דזשעקסאָן מיט זיין זעכצן־יאָריקן זון וויליאַם, געבראַכט געוואָרן אין שפּיטאָל מערדערלעך צעשלאָגן, ווי אַ שווערער לאַסטוואָגן וואָלט זיי איבערגעפאָרן.

כמעט יעדע נאַכט איז אַ נעגער צעשלאָגן געוואָרן. יעדע וואָך זענען געבראַכט געוואָרן אין שפּיטאָל צעממיתטע און פאַרבלוטיקטע נעגערס. אַ פּחד איז באַפאַלן די שוואַרצע באַפעלקערונג. קיין נעגער האָט נישט געוואַגט זיך ווייזן אין אָוונט אין די ווייסע געגנטן פון ריווערוויל. אין ״ניגער־טאַון״ זענען די טירן פאַרשלאָסן געוואָרן און די לאָדנס פאַר־מאַכט געוואָרן אַזוי גיך ווי עס איז פינצטער געוואָרן. אין זייערע היי־מען זענען צעשראָקענע און פאַרביטערטע נעגערס געזעסן ביז שפּעט ביינאַכט, באַוואָפנט מיט שטעקנס, בלייערנע רערן, האַמערס און העק, גרייט צו פאַרטיידיקן זייערע פרויען און קינדער קעגן די באַנדיטן, נעגער־האַסער און נעגער־מערדער.

אין ״ניגער־טאַון״ האָט געהערשט אַ מרה־שחורה. דאָס פריילעכע געזאַנג וואָס פלעגט זיך טראָגן פון די היימען איז פּלוצים אָפּגעשטאָרבן, דאָס הילכיקע געלעכטער איז פאַרגליווערט געוואָרן. פון זון־אונטערגאַנג ביז זון־אויפגאַנג זענען די גאַסן פון ״ניגער־טאַון״ געוואָרן טויטע גאַסן, אַ מדבר; קיין נעגער האָט נישט געוואַגט אַרויסגיין פון הויז, ביז עס איז גוט ליכטיק געוואָרן.

פראַנץ וויינהאַרץ מיט זיינע תּלמידים האָבן מיט שטאָלץ פאַרצייכנט זייער ערשטן גרויסן זיג; אין אַ קורצער צייט איז זיי געלונגען אָנצו־וואַרפן אַ פּחד אויף די שוואַרצע, זיי פאַריאָגן פון די גאַסן ביינאַכט פון דעם ווייסן ריווערוויל און זיי פאַרפּאַקן אין זייערע ״ניגער־טאַון״ לעבער.

איצטער, האָט פראַנץ געזאָגט, איז צייט זיך אַ נעם טאָן צו דעם שטאַרקערן און ביטערערן און חוצפּהדיקן שונא, — די גאָט־פאַרדאַמטע יידן.

די יידישע האַי־סקול שילער האָבן פּלוצים דערפילט ווי עס פלייצט אויף זיי אַ הייסע כוואַליע פון האַס. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דעם ריווערוויל האַי־סקול, האָבן די יידישע שילער געהערט די זידל־ווערטער: — ייד פאַררעטער, יודאַס, יעזוס־מערדער, ייד קאָמוניסט,

באַלשעוויק, לענדלאַרד, און אַנדערע זידלערייען.

פלוצים האָבן די די שילער פון דייטשישער אַפּשטאַמונג זיך אָפּגע־קערט פון די יידישע שילער מיט דעמאָנסטראַטיווער פאַראַכטונג. די דייטשישע שילער האָבן פאַרבאָטן די יידישע שילער זיך צו באַטייליקן צוזאַמען אין די אַטלעטישע שפּילן און פאַרמעסטן. דייטשישע שילער האָבן אין סקול געביטן זייערע פּלעצער און נישט געוואָלט זיצן בשכנות מיט יידישע שילער.

די קליינע צאָל יידישע שילער האָבן אָפּגעענטפערט זייערע זידלער מיט אויסרופן: „אַנטיסעמיט, נאַצי־היטלער!" די קריגערייען האָבן גע־פירט צו בלוטיקע געשלעגן.

יידישע עלטערן זענען געקומען צום פּרינציפּאַל און האָבן זיך באַ־קלאָגט. פראַנץ וויינהאַרץ האָט זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט מאַכן אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג.

די יידישע עלטערן האָבן אים געוואָרנט, אַז אויב די סקאַנדאַליעזע אומרוען וועלן נישט אָפּגעשטעלט ווערן, וועלן זיי אַרויסנעמען זייערע קינדער פון דער ריווערוויל האַי־סקול און זיי שיקן לערנען אין אַנדערע שטאָטישע סקולס, וואו זייערע קינדער וועלן נישט באַלעסטיקט ווערן. פראַנץ האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות נישט אַרויסצואווייזן זיין טיפע פרייד.

אַזוי גיך ווי די יידישע עלטערן האָבן פאַרלאָזט זיין קאַבינעט, האָט פראַנץ וויינהאַרץ זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ קאָנפידענציאַ־נעלן באַריכט וועגן זיינע דערפאָלגרייכע טעטיקייטן און ווייט־גייענ־דיקע דערגרייכונגען. ווען ער האָט פאַרענדיקט דעם באַריכט, האָט ער אַליין אַוועקגעטראָגן דעם ווערטפולן דאָקומענט אין הויפּט פּאָסט־אָפּיס און אים אַוועקגעשיקט קיין וואַשינגטאָן, צו דער ביוראָ פון די דייטשישע דיפּלאָמאַטישע ענינים, — פאַר דער פּערזענלעכער אויפמערקזאַמקייט פון דעם הויפּט־אַטאַשע פון דער ביוראָ, — דער הויפּט נאַצי־פירער אין אַמעריקע.

מאָריס לעווין האָט געוואוינט אין ריווערוויל צען יאָר. אין אַ זייַ־טיקער גאַס, נישט ווייט פון מעין סטריט, האָט מאָריס לעווין פאַרמאָגט אַ קראָם פון געניצטע מענערישע קליידער. צוויי, דריי מאָל אַ יאָר פלעגט

ער פאָרן קיין ניו־יאָרק איינקויפן געניצטע, אָבער נאָך נישט אָפּגעטראָגענע, גאַרניטורס און ווינטערדיקע מאַנטלען. זיין איינגעהאַנדלטע סחורה פלעגט ער אָוועקשיקן אין אַ פאַבריק, וואו מען האָט מיט כעמישע שטאָפן געריייניקט און דערנאָך אויסגעפּרעסט די מלבושים.

אין זיין ריוועראָויל קראָם האָט ער פאַרקויפט די קליידער. זיינע קונים זענען באַשטאַנען מערסטנס פון נעגערס, און אויך פון די אָרעמע שיכטן פון די ווייסע אַרבעטער און אָרעמע פאַרמערס.

לעווין האָט נישט באַריסן זיינע קונים. זיין סחורה פלעגט ער קויפן שפּאָט־ביליק, און אַפילו ווען ער האָט פאַרקויפט די מלבושים פאַר קליינע פרייזן, פלעגט זיין פּראָפיט דאָך באַטרעפן גאַנץ היפּשלעך. דער עיקר — זיינע קונים זענען שטענדיק געווען צופרידן. זיי האָבן זיך געפילט פריינטלעך־היימיש מיט דעם עלטערן יידישן קרעמער, מאָריס לעווין, מיט דעם שפּיצעכיקן בערדל, שטענדיק מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ און שטענדיק מיט אַ פריינטלעכן שמייכל. איין קונה האָט געבראַכט אַ צווייטן, — און לעווינס געשעפט איז געוואַקסן.

איין פרימאָרגן ווען לעווין איז געקומען עפענען זיין קראָם, האָט ער דערשמעקט זיין אומגליק. עמיצער האָט ביינאַכט אויפגעריסן דעם לאָדן, אויפגעבראָכן דאָס פענצטער און באַגאָסן די סחורה אין זיין קראָם מיט אַ שטאַרקער כעמישער שטינקענדיקער פליסיקייט. אַלץ איז געווען רואינירט. ער האָט נאָך געמוזט באַצאָלן אַ טראָק־פירמע אַ הויכן פּרייז אַרויסצופירן די „שמעקעדיקע" סחורה ווייט פון שטעטל און זי פאַרברענען.

מאָריס לעווין איז פאַראָרעמט געוואָרן. זיין גאַנץ אָפּגעשפּאָרט פאַרמעגן איז פאַרברענט געוואָרן. ער האָט געמוזט פאַרלאָזן ריוועראָויל.

פּראַנץ מיט זיינע תלמידים האָבן אָנגעקוואָלן. זיי האָבן קונציק „אַרויסגעשטונקען" פון ריוועראָויל דאָס קאָמוניסטישע יידל מיטן בערדל און מיטן דער יאַרמולקע . . .

טראַגיש, ביז גאָר טראַגיש האָט באַגעגנט דעם טויט דער צווייטער יידישער קרבן פון די יונגע נאַצי־באַנדיטן.

אַברהם־משה, אַ קרעפּטיקער ייד אין די פופציקער, פון מיטלוואוקס, מיט אַ שיינער באָרד און פּיאות, איז געווען דער בעל־תפילה און אויך דער שמש פון דער קליינער שול, וואָס די קליינע ריוועראָויל יידישע

קהילה האָט אויפגעבויט. אים, אברהם־משהן, האָבן יידן פון ריוועריוויל געבראַכט פון ניו־יאָרק. זיי האָבן פאַר אים און פאַר זיין ווייב געדונגען אַ קליינע, אָבער באַקוועמע דירה פונקט קעגנאיבער דער שול. זיי האָבן אים איבערגעגעבן די פאַרוואַלטונג פון דער שול און אים געצאָלט אַ בכבודיקן געהאַלט.

ביי אברהם־משהן איז די שול, — זיין שול, — געווען אַ שטיק פון זיין לעבן. ער האָט אַליין געוואַשן דעם דיל, אַרומגעווישט די בענקלעך, די ספרים, געפוצט די מעשענע לייכטער, און יעדן טאָג געזעסן אין שול אַ פּאָר שעה פאַרטיפט אין אַ ספר.

איין פאַרטאָג, ווען אברהם־משה איז געקומען עפענען די שול פאַר דעם מנין צו שחרית, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אַ קאַל־טער שוויים האָט אַרויסגעזעצט אויף זיין פנים, און ער האָט דערפילט אַז זיינע פיס ברעכן זיך אונטער. אויפן גרויסן פאָדערשטן פענצטער פון דער שול איז געווען אויסגעפאַרבט אַ גרויסע שוואַרצע סוואַסטיקאַ. ער האָט גיך אָפּגעקראַצט דעם טמאדיקן שרץ, אָפּגעוואַשן דאָס פענצטער און געגעבן אַ נדר צו היטן יעדע נאַכט די שול און נישט דערלאָזן באַנ־דיטן מטמא זיין זיין שול.

און נאַכט נאָך נאַכט, ביז עס איז ליכטיק געוואָרן, פלעגט אברהם־משה זיצן ביים טיש, האַרט צוגערוקט צום פענצטער, קוקן אין אַ ספר, און אָפט אַריבערגעקוקט צו זיין שול קעגנאיבער דער גאַס.

די ערשטע עטלעכע נעכט איז אים נישט אָנגעקומען שווער צו זיין אויף דער וואַך, נאָר נאָך עטלעכע שלאָפלאָזע נעכט, האָט ער אָנגעהויבן אונטערצודרימלען אין די שפּעטע ביינאַכטיקע שעהן.

אַז אָפּגעשוואַכטער און אַז אויסגעמאַטערטער פון צופיל שלאָפלאָזע נעכט, האָט אברהם־משה נשט געקאָנט גובר זיין דעם מעכטיקן באַגער צו שלאָפן. ער האָט איינגעדרעמלט אויף עטלעכע מינוט, זיך אויפגע־כאַפּט, געוואַשן די אויגן מיט קאַלט וואַסער. ער האָט באַלד ווידער איינ־געדרעמלט, זיך ווידער אויפגעכאַפּט, און — ענדלעך האָט דער שלאָף אים באַזיגט. זיין מידער קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין ברוסט, דערנאָך אויף דעם אָפענעם ספר, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, און אַ געשמאַקער זיסער שלאָף האָט אים איינגעשלונגען.

דער פלוצימדיקער טומל אין גאַס האָט אים אויפגעריסן פון שלאָף.

ער האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער און דערזעט — די שול איז אין פלאַמען.

ווי אַ ווילדע חיה איז ער אַרויסגעלאָפן פון הויז, אַריבערגעלאָפן די גאַס צו דער ברענענדיקער שול. די פייערלעשער האָבן אים פאַרצוימט דעם וועג. מיט אַלע זיינע כוחות האָט ער געקעמפט מיט די פייער־לעשער, זיי אָפגעשטופט און זיך אַריינגעריסן אין די פלאַמען, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט די שול.

אברהם־משה איז געלאָפן אין פייער אַריין אַרויסצוראַטעווען די ספר־תורה פון דער ברענענדיקער שול. עס איז אים געלונגען. ער האָט אַרויס־געראַטעוועט די ספר־תורה און איז דערנאָך געשטאָרבן אין אַמבולאַנס אויפן וועג צום שפּיטאָל. ער איז שטאַרק צעברענט געוואָרן פון די פלאַ־מען און דערשטיקט געוואָרן פונעם רויך.

ריווערוויל האָט געשטוינט: ווער האָט אונטערגעצונדן די יידישע שול? און פאַרוואָס?

— ווער האָט פאַרשטונקען מאַרים לעווינס קראָם און אים פאַרטריבן פון ריווערוויל?

— ווער, און פאַרוואָס באַפאַלט און צעשלאָגט נעגערס?

— ווער זענען די באַנדיטן וואָס באַגייען די פאַרברעכנס?

ריווערוויל האָט געשווידערט. ריווערוויל איז געוואָרן אומרואיק. קיי־נעם, קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, און קיינער וואָלט נישט געגלויבט, אַז הינטער אַט די אַלע פאַרברעכנס שטייט דער פון אַלעמען רעספּעק־טירטער פּרינציפּאַל פון זייער האַי־סקול, פראַנץ וויינהאַרץ, מיט זיין געהיימער באַנדע יונגע נאַצים.

ריווערוויל האָט געטרערט מיט דרך־ארץ וועגן דעם העלדישן יידישן ראַבאַי אברהם־משה וואָס איז געשפּרונגען אין די פלאַמען צו ראַטעווען גאָטס הייליקע תורה.

ריווערווילער יידן זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון שטומען צער. אין די יידישע היימען אין ריווערוויל האָט זיך באַזעצט מורא און מרה־שחורה. די ריווערווילער יידן האָבן פלוצים דערפילט זייער טרויעריקע הילפלאָזיקייט, פונקט ווי דער אַלטער ריווערווילער שעריף מיט זיינע עטלעכע אַלטע פאָליסלייט האָבן געפילט זייער מאַכטלאָזיקייט.

ביי די נאַצים אין „קליין־דייטשלאַנד” האָט זיך צעוואַקסן זייער חיה־

שער אפּעטיט.

יידישע פאַמיליעס, געיאָגט פון מורא, האָבן פּלאַנירט צו פאַרלאָזן ריוועראוויל.

אין „קליין־דייטשלאַנד“ האָבן די נאַציס פּלאַנירט צו ענדערן דעם נאָמען פון „קליין־דייטשלאַנד“, און שפּעטער פון ריוועראוויל, אויף — היטלערוויל . . .

אין פראַנצס סטודיאָ האָבן זיינע תּלמידים און די הויפּט־פירער פון דער נאַצישער אַרבעטער־יוגנט, וואָס זענען איינגעלאַדן געוואָרן צו דער גרויסער הוליאַנקע, — געשיכורט און פאַרהילכט דאָס גרויסע צימער מיט זייער הירזשענדיקן געלעכטער.

— די יידישע סינאַגאָגא איז קאַפּוט, יאָ, יאָ קאַפּוט !—

— די יידישע תורה איז, נעבעך, עוואַקואירט געוואָרן !

— וואו וועט די יידישע תורה איצט וואוינען ?

— אַד יאָ, אין מאַרים לעווינס שטינק־קראַם !

— האָסט נישט געזען ווי די יידישע סינאַגאָגע האָט געפלאַקערט ? אַ שאָד ! האָסט פאַרפעלט אַ פּראַכטפול בילד.

— ביים יידן אברהם־משה זענען זיינע באָרד און פאות, נעבעך, אָפּ־געסמאַליעט געוואָרן.

— האָסט געזען ווי דער ראַבאַי אברהם־משה האָט זיך פייערדיק אַראָפּגעקייקלט פון די טרעפּ מיט זיין תורה ?

— דעם ראַבאַי איז, נעבעך, געווען היים ! היים ! זייער היים ! האַיל היטלער !

ווען די שיכורע קולות האָבן זיך אַביסל איינגעשטילט האָט פראַנץ וויינהאַרץ געהאַלטן אַ קורצע רעדע.

— דער ראַבאַי אברהם־משה, — האָט פראַנץ גערדרשנט, — איז גע־לאָפן אין פייער אַריין ראַטעווען די תורה, ווייל אין זייער תורה זענען פאַרשריבן געהיימע אינסטרוקציעס צו די יידן ווי אַזוי אַריינצוכאַפּן די מאַכט אין יעדן לאַנד וואו זיי באַזעצן זיך, און ווי אַזוי צו באַזיגן און פאַרשקלאַפן די נישט־יידישע ציוויליזירטע וועלט.

— אין זייערע סינאַגאָגעס פאַרזאַמלען זיך די ביטרע יידן נישט נאָר מתפּלל זיין צו זייער גאָט, נאָר, דער עיקר, זיך צו באַקענען מיט די גע־היימע אינסטרוקציעס, וואָס זענען פאַרשריבן אין זייער תורה, וואָס

ווערן פאַרשטאַנען בלויז פון זייערע ראַבאַים.

— איך וועל נישט זיין איבערראַשט ווען עס זאָל אויפגעדעקט ווערן, אַז דער ראַבאַי אברהם־משה איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט מאָסקווע.

— איך וועל אייך פאַרטרויען אַ סוד, מיינע יונגע פריינט און קאַמעראַדן, — האָט פראַנץ פאַרגעזעצט מיט אַ ציניש שמייכעלע, — מיר געפעלט דער יידישער העלד אברהם־משה. איך האָב זייער שטאַרק הנאה פון אַלע יידישע העלדן — ווען זיי זענען טויט! . . . וואָס מער יידישע העלדן וועלן אַוועקגעשיקט ווערן אויף יענער וועלט, אַלץ ליכטיקער וועט זיין ביי אונדז אויף דער וועלט!

גלעזלעך זענען אויפגעהויבן געוואָרן אין דער הייך און ווילדע געשרייען האָבן אָנגעפילט די סטודיאָ:

— אַ טאָוסט צו אונדזער באַליבטן פירער פראַנץ וויינהאַרץ!

דער סטרייק

ריווערוויל האָט נישט געוואוסט, אַז נאָך אַ שטורעם זאַמלט זיינע כוחות. ריווערוויל האָט נישט געוואוסט, אַז אין דעם אַזוי־גערופענעם נאָרמאַלן איינשטעל פון דעם איבנאַויפיקן פרידלעכן פּראָצעס פון אַר־בעט־קראַפט, פּראָדוציר־כוחות און האַנדל, און אונטער דעם צודעק פון „געזעץ און אָרדענונג", — זאַמלט זיך אויפרייס־שטאָף, וואָס ווערט אָפּט צעצונדן בלויז פון איין פונק און רייסט אויף מיט אַ מעכטיקער קראַפט וואָס צעטרייסלט דעם גאַנצן בנין, און אַמאָל אויך דעם סאַמע פונדאַמענט פון דעם בנין, פון דעם אַנגענומענעם, געזעצלעכן, פונק־ציאָנירנדיקן געזעלשאַפטלעכן לעבנס־גאַנג.

פּלוצים האָט זיך די נייעס פאַרשפּרייט, — אַ סטרייק אין ריווער־וויל . . . אַ סטרייק אין לודוויג פעלהענדלערס שיך־פאַבריק ! ריווער־ווילער אַרבעטער סטרייקן ? פאַרוואָס ? ווער האָט אויפגעהעצט די אַרבעטער קעגן מיסטער פעלהענדלער ? וואָס האָט פּאַסירט אין זיין פאַבריק ?

אין 1930 האָט פּלוצים אַ דונער אַ קראַך געטאָן איבער פעלהענדלערס קאָפּ. פּלוצים — מען קויפט נישט קיין שיך ! לודוויג פעלהענדלער האָט אָנגעבאָטן זיינע ערשט־קלאַסיקע שיך אויף נידעריקע פּרייזן, און אויף לאַנגע אָפּצאָל־טערמינען, — און עס זענען נישט געווען קיין קונים.

פעלהענדלער ווייסט, אַז אין לאַנד האָט אויסגעבראָכן אַ שאַרפער עקאָנאָמישער קריזיס, אַז פאַבריקן האָבן זיך פאַרמאַכט און מיליאָנען זענען אַרבעטלאָז, אָבער ער קאָן נישט פאַרשטיין וואָס דאָס האָט צו טאָן מיט שיך . . . — גאַנץ אַמעריקע גייט דאָך נישט אָרום באָרוועס, — ליאַרעמט לודוויג . . . און אַפילו ווען מיליאָנען אַרבעטער זענען אַרבעט־לאָז, איז דאָך אַמעריקע נאָך אַלץ אַמעריקע . . . לודוויג איז געווען זי־כער, אַז מאָרגן, איבערמאָרגן . . . זיינע געשעפטן שרעקן זיך נישט פאַר עפּעס אַן עקאָנאָמישן קריזיס . . . זיין פאַבריק וועט דער קריזיס נישט פאַרמאַכן . . .

ווען אַלע שטאָקן פון זיין פאַבריק זענען פאַרלייגט געוואָרן מיט שיך און קיינע באַשטעלונגען זענען נישט אַריינגעקומען, איז לודוויג פאַר־צווייפלט געוואָרן. ער האָט אָפּגעלייגט זיינע אַרבעטער און פאַרמאַכט

זיין פאַבריק. און פּלוצים אַ טויטע, פאַרגליווערטע שטילקייט אין און אַרום זיין פאַבריק . . . די הוזשעריי פון די מאַשינען איז אָפּגעשטאָרבן. די עכאָס פון העמערלעך־קלאַפּעריי, פון הונדערטער מענטשלעכע שטי־מען, טעלעפאָן־געקלינגעריי, דאָס זשומען פון די מעכטיקע מאָטאָרן פון די ליפטס — אַלץ איז פאַרשטומט געוואָרן. טויט. און זיין גרויסע, שיינע פאַבריק מיט די פאַרהאַקטע טירן און די גרויסע, מיט שוואַרצע פאַרהאַנגען פאַרשטעלטע פענצטער זעט איצט אויס ווי אַ ריזיקע מצבה און וואַרפט אַן אַ מרה־שחורה אויף פאַרבייגייער, — און דער עיקר, אויפן באַלעבאָס, אויף לודוויג פעלהענדלער ; און עס נאָגט אים אַ ווייטיק, — זיין כישוף־גאַנדז האָט פּלוצים אויפגעהערט לייגן די גאָלדענע אייער . . .

עס האָט געדויערט כמעט צוויי יאָר ביז ער האָט אויספאַרקויפט די אָנגעזאַמלטע שיך און ער איז שיעור נישט קראַנק געוואָרן פון ערגער־ניש וואָס ער האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט אַ שענדלעך־מאָגערן פּראָפיט, און אַמאָל אינגאַנצן אָן פּראָפיט.

אָבער לודוויג פעלהענדלער איז אַ געשעפטמאַן מיט איניציאַטיוו. אים, לודוויגן, דאַרף קיינער נישט לערנען קיין שכל. לודוויג האָט אַ פּאַרטיקע און זיכערע רפואה פאַר זיין מכה. ער האָט אַ זיכערן מיטל וואָס וועט שאַפן די מעגלעכקייט צו פאַרקויפן שיך פאַר נידעריקע פּרייזן און דאָך מאַכן פּראָפיטן. ער, לודוויג, ווייסט ווי אַזוי אויפצואוועקן זיין גאַנדז וואָס לייגט די גאָלדענע אייער.

לודוויג רופט צונויף זיינע פאַרלייט פון די פאַבריק־דעפּאַרטמענטס און זאָגט זיי :

— פּראַקטישע פאַבריקאַנטן האַלטן זייערע פאַבריקן געשלאָסן און וואַרטן אויף בעסערע צייטן. אָבער איך בין גרייט צו ריזיקירן, ווייל איך קאָן נישט פאַרטראָגן די ליידן פון מיינע אַרבעטער. איך ווייס, אַז אַ סך פון מיינע אַרבעטער זענען שוין פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ און זיי ליידן דחקות און נויט. איך בין גרייט צו עפענען מיין פאַבריק, כדי מיינע אַרבעטער זאָלן אָנהייבן פאַרדינען אויף ברויט. איך גלויב, אַז אויב איך וועל אָנבאָטן מיינע שיך אויף זייער נידעריקע פּרייזן וועלן זיך געפינען קונים. קיין פּראָפיט זוך איך נישט היינטיקע צייטן. בלויז איין זאַך אינטערעסירט מיך, אַז מיינע אַרבעטער זאָלן אָנהייבן פאַרדינען

— מיר ווע‌לן מוזן קאַנקורירן, — זייער שטאַרק קאַנקורירן אויף דעם איצטיקן באַשרענקטן מאַרק. אויב די אַרבעטער זענען איינשטימיק צו קאַאָפּערירן מיט מיר און אַרונטערלאָזן פון זייערע פּראָספּעריטי־שכירות, קאָנען מיר באַלד עפענען די פאַבריק. אויב עס וועט מיך קאָסטן וויי‌ניקער צו פאַבריצירן אַ פּאָר שיך, און איך וועל פאַרקויפן אָן פּראָפיט, וועלן מיר אַנכאַפּן דעם אָקס ביי די הערנער. מיר וועלן אויס־קאַנקורירן די שטאַרקסטע קאַנקורענטן . . .

— רעדט מיט די אַרבעטער, — האָט לודוויג פאַרענדיקט זיין רעדע.

— דערקלערט זיי מיין פּלאַן. אויב זיי שטימען איין — עפן איך די פאַבריק און מיר הייבן אָן אַרבעטן.

די אַרבעטער האָבן איינגעשטימט. אַ ברירה האָבן זיי געהאַט? צוויי יאָר אַרבעטלאָזיקייט, צוויי יאָר זאָרג און נויט האָט די שטאָלצע אַרבע־טער פאַרמאַטערט און דערשלאָגן. זיי האָבן געוואַרט אויף דעם גליק־לעכן טאָג, ווען זיי וועלן קומען אַהיים מידע פון דער אַרבעט, אַנשטאָט אויסגעשעפּטע פון זאָרג און נויט. זיי האָבן געוואַרט אויף דעם גליק־לעכן „פּעי־דעי". זיי האָבן אָן דעם מינדסטן פּראָטעסט איינגעשטימט צו אַרבעטן אויף רעדוצירטע שכירות, און לודוויג האָט אַ שניט געטאָן פופצן פּראָצענט פון זייערע שכירות.

די ריוועררוויל פעלהענדלערס שיך־פאַבריק, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען פאַרגליווערט און פאַרייזאַמט, האָט ווידער אויפגעלעבט. די מאַשינען זענען זיך באַניים צעלאָפן מיט זשומענדיקער פרייד. די עלק־טרישע לעמפּלעך האָבן ווידער געשיינט פון די פענצטער. האַמערס האָבן געטאַנצט איבער לעדער מיט טויבער קלאַפּעריי. דאָס געזאַנג פון אַרבעט האָט זיך צעזונגען און צעקלונגען איבער דער אויפגעלעבטער פאַבריק און זיך אַרויסגעגאָסן דורך די טירן און פענצטער אין גאַס אַריין.

אָבער אין דריי חדשים אַרום איז פעלהענדלערס פאַבריק ווידער פאַר־מאַכט געוואָרן. נישטאָ קיין קונים. דער קריזיס שניידט שאַרפער און טיפער.

אין 1934 עפנט לודוויג פעלהענדלער ווידער זיין פאַבריק און די שכירות פון די אַרבעטער ווערן ווידער געשניטן. זיי אַרבעטן בלויז דריי טעג אַ וואָך, און נאָך איידער דאָס יאָר ענדיקט זיך, ווערט די פאַבריק ווידער פאַרמאַכט. נישטאָ קיין אַרבעט. נישטאָ מער קיין אײַנ־

דיק־מתנה פון דעם באָס אויף „טהענקסגיווינג־דעי", נישטאָ קיין „העם" פאַר קריסטמעס און נישטאָ קיין פלאַש קאָניאַק ערב ניי־יאָר.

אין 1935 ווידער דאָס אייגענע: לודוויג עפנט זיין פאַבריק און רע־דוצירט ווידער די שכירות פון זיינע אַרבעטער. די פּאַרלייט רעדן שוין אַפילו נישט מיט די אַרבעטער און פרעגן זיי שוין אַפילו נישט צי זיי שטימען איין צו אַרבעטן פאַר רעדוצירטע שכירות. נאָך זייער ערשטער וואָך אַרבעט, געפינען די אַרבעטער אין זייערע שכירות־קאָנווערטלעך אַ צעטעלע, וואָס זאָגט זיי אָן די בשורה, אַז:

„צום באַדויערן איז דער ביטערער עקאָנאָמישער קריזיס
אין לאַנד נאָך נישט פאַראיבער, און צוליב די שלעכטע
געשעפטן איז מיסטער פעלהענדלער געצוואונגען צו רע־
דוצירן אייערע שכירות".

די אַרבעטער זענען אומצופרידן און מ'בורטשעט בייז: — יעדן יאָר אַ שניט . . . געשניטענע שכירות און דערצו אַרבעט מען בלויז עטלעכע חדשים אַ יאָר און זייערע פאַמיליעס ליידן דחקות און נויט.

אין 1936 האָט אויסגעבראָכן דער שטורעם. דאָס געדולד פון די אַר־בעטער האָט געפּלאַצט. עפּעס ווי אַ געהיימע קראַפט האָט צעפלאַקערט דעם צאָרן פון די שטילע און אונטערטעניקע אַרבעטער, אַזוי גיך ווי זיי האָבן איבערגעלייענט די צעטעלעך אין זייערע „פּעי־ענוועלאָפּס" וועגן נאָך אַ שניט אויף זייערע שכירות. אַפילו די עלטערע, די מער־געדולדיקע, די פאַרביסענע שוויגערס, געצוימט פון הילפלאָזיקייט צו־ליב זייער עלטער, האָבן שוין מער נישט געקאָנט שווייגן.

— שוין ווידער אַ שניט, — האָבן אַרבעטער גערעדט צווישן זיך, — נאָך אַ יאָר אָדער צוויי וועלן מיר שוין אַרבעטן ביי אים אומזיסט! און אפשר וועלן מיר אים נאָך מוזן צוצאָלן צו אַרבעטן אין זיין פאַבריק?

— ער שניידט און מיר שווייגן. ער פרעגט אונדז אַפילו נישט צי מיר שטימען איין צו אַרבעטן פאַר די הונגער־שכירות; ווי לאַנג וועלן מיר שווייגן?

צוערשט האָבן אַרבעטער פּראָטעסטירט אין דער שטיל. דערנאָך האָבן זיי זיך שוין געבייזערט אויף הויכע טענער, און דערנאָך האָבן קללות אַ האָגל געטאָן אויף לודוויג פעלהענדלער. נישטאָ מער קיין געדולדיקע שוויגערס. אַלע, אָן אויסנאַם, האָבן געצאָרנט.

די פּאַרלייט זענען געשטאַנען דערשטוינטע און צעשראָקענע און נישט געוואָגט עפענען זייערע מיילער.

די אַרבעטער זענען אַרויס פון דער פאַבריק דערצאָרנטע. זיי האָבן זיך נישט געאײַלט צו גיין אַהיים. זיי האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אויף דעם גרויסן ליידיקן פּלאַץ לעבן דער פאַבריק און האָבן אויסגעצאָרנט זייערע קריוודעס קעגן זייער באַס. די פּאַרלייט האָבן געקוקט דורך די פענצטער און געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

קאַרל מאַרקוס איז געווען דער לעצטער צו פאַרלאָזן די פאַבריק. די אַרבעטער האָבן אים אַרומגערינגלט.

— קאַרל, דו מוזט אונדז העלפן, — האָבן זיי אַפּעלירט צו אים. — פאַר דיר האָט ער רעספּעקט. יעדן יאָר שניידט ער אונדזערע שכירות! ביז ביין האָט ער שוין געשניטן! הונגער־שכירות צאָלט ער אונדז! וואו איז יושר? רעד צו אים, קאַרל. זאָג אים, אַז ער טאָר אונדז נישט באַהאַנדלען ווי קנעכט.

קאַרל האָט זיי אײַנגעשטילט.

— איר רעדט אַלע מיטאַמאָל. איינער שרייט העכער פון דעם צווייטן. די גאַס איז נישט קיין פּלאַץ זיך צונויפצורעדן.

— גערעכט, קאַרל, אין גאַס קאָן מען נישט רעדן.

די אַרבעטער זענען אַוועק אין דעם גרויסן אַנטי־נאַציזם קלוב־הויז. דאָרט האָבן זיי דערוויילט קאַרלען אַלס פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג.

ווען דער עולם האָט זיך אײַנגעשטילט, האָט קאַרל דערציילט די אַרבעטער, אַז לויט זיין אינפאָרמאַציע, איז די לאַגע אין שיך־געשעפטן פיל בעסער ווי מיט צוויי, דריי יאָר צוריק, און עס איז נישטאָ קיין שום באַרעכטיקונג פאַר אַ שניט אין שכירות היינטיקס יאָר. ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער וועט רעדן מיט מיסטער פעלהענדלער און אים דערציילן, אַז די אַרבעטער זענען שטאַרק אומצופרידן, אָבער ער איז נישט זיכער, צי אים וועט געלינגען צו איבערצייגן דעם באַס צו העכערן די שכירות פון די אַרבעטער.

אַז עלטערער אַרבעטער האָט געבעטן קאַרלען ער זאָל ווירקן אויף לודוויגן צוריקצוציען דעם שניט היינטיקס יאָר.

פּראָטעסטן האָבן געדונערט אין זאַל. — נישט גענוג! נישט גענוג! האָבן אַרבעטער געשטורעמט. — מיר קאָנען נישט לעבן אויף די איצ־

טיקע הונגער־שכירות! מיר פאָדערן העכערע שכירות! אַ רעיז! אַ רעיז! — האָט געדונערט אין זאַל. — צען פּראָצענט אַ רעיז! פופצן פּראָצענט! נײַן, נישט ווייניקער פון צוואַנציק פּראָצענט, ס'איז אונדזער געלט!

קאַרל האָט זיי איינגעשטילט.

— איר ווילט, אַז איך זאָל רעדן מיט אונדזער באָס און אים לאָזן וויסן, אַז איר פאָדערט אַ רעיז אויף אייערע שכירות? איך וועל עס טאָן מיט פאַרגעניגן, ווײַל איך גלויב, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס און געשניטן צופיל. נו, וואָס וועט איר אָבער טאָן אויב מיסטער פעלהענדלער וועט צוריקווייזן אייער פאָדערונג?

אין זאַל איז שטיל געוואָרן.

פון אַ ווייטן ווינקל פון זאַל האָט אַ דונער געטאָן אַ פעסטע און אַנטשלאָסענע שטים:

— וועלן מיר סטרייקן!

אַ פונק האָט צעצונדן אַ פייער. אַ ווינט האָט צעבלאָזן דאָס פייער און איינגעהילט די פאַרזאַמלטע אין פלאַמען.

— סטרייקן! מיר וועלן סטרייקן! זאָג אים, קאַרל, מיר וועלן סטרייקן! —האָבן די אַרבעטער געשריגן.

קאַרל מאַרקוס איז געזעסן אויפן אויסגעבעטן ברייטן פאַרזיצער־שטול און גוטמוטיק געשמייכלט. בלויז איין זאַך האָט אים פאַרדראָסן, וואָס לודוויג פעלהענדלער איז איצט נישטאָ אין זאַל.

קאַרל איז געווען אַן אָפטער אַרייַנגייער אין לודוויגס הויז. ער פלעגט פאַרברענגען עטלעכע אָוונטן אַ וואָך מיט לודוויגן און דערקלערן אים זיינע צייכענונגען פאַר די מאַשינען. לודוויג האָט רעספּעקטירט קאַרלען און אים פאַררעכנט אַלס איינעם פון די ערלעכסטע, געלערנטע און שכלדיקע מענטשן, וואָס ליידט אָבער, נעבעך, פון נאַאיוון און פאַנאַטישן אידעאַליזם. אין זייערע לאַנגע דיסקוסיעס וועגן אַלגעמיינע סאָציאַלע פּראָבלעמען, פלעגט לודוויג קנעלן מיט קאַרלען און אַפּעלירן צו אים ער זאָל אויפהערן שוועבן ערגעץ אין די הימלען און אָנערקענען די ווירקלעכקייט; אַז די מיליאָנען אַרבעטער פאַרמאָגן נישט גענוג געזונטן שכל, פאַרמאָגן נישט קיין איניציאַטיוו, קיין מוט, קיין אַמביציע, קיין הויכע שטרעבונגען און קיין אונטערנעמונג־גייסט.

— דאָס איינציקע וואָס די אַרבעטער באַזיצן, — פלעגט לודוויג אַריינרעדן אין קאַרלען, — איז אַרבעט־קראַפט, וואָס מוז שטענדיק קאָנטראָלירט און גערי‏כטעט ווערן פון אַן אויפזעער, פון אַ פאָרמאַן, וואָס שטייט בלויז אויף איין שטאַפּל העכער פון די אַרבעטער. בלויז האָפענונגלאָזע און געשטראָפטע מיט־בלינדקייט עקשנים ווי דו, קאַרל, —פלעגט זיך לודוויג בייזערן,—ווילן ניט און קאָנען ניט אָנערקענען דעם אמת, אַז אַלע וויסנשאַפטלעכע, טעכנישע און אינדוסטריעלע אַנטוויק־לונגען, אונדזער גאַנצער פּראָגרעס וואָלט געווען אוממעגלעך אָן די גאָט־געבענטשטע, געניאַלע קאַפּיטאַנען פון אינדוסטריע און קאָמערץ, און אָן די גרויסע און געוואַגטע אונטערנעמער, די קאַפּיטאַליסטן; און יעדער איז אונדזער געזעלשאַפט געפינט זיך אויף זיין פאַרדינטן פּלאַץ. עס איז שוין צייט, קאַרל, אַז זאָלסט אָנערקענען דעם אמת, אַז די אַרבעטער פאַרשטייען זייער גוט אַט דעם אמת. דערפאַר ווידערשפעניקן זיי נישט קעגן זייערע באַסעס און זענען צו זיי אונטערטעניק.

זיצט איצט קאַרל אין פאַרזיצער־שטול, ער שמייכלט גוטמוטיק און עס פאַרדריסט אים וואָס לודוויג געפינט זיך נישט אין זאַל. אָט דאָ, איצט, וואָלט לודוויג אויסגעפונען, אַז אַרבעטער זענען נישט, ווי ער, לודוויג, גלויבט, מוטלאָזע אונטערטעניקע קנעכט, און אַז . . .

— ברודער פאָרזיצער, איך שלאָג פאָר מיר זאָלן פאָדערן צוואַנציק פּראָצענט אַ רעיז, — האָט איינער פון די פאַרזאַמלטע געשריגן, — און איך שלאָג אויך פאָר אָפּשטימען מיין פאָרשלאָג.

קאַרל האָט איבערגעריסן זיינע געדאַנקען וועגן זיינע דיסקוסיעס מיט לודוויגן און איז צוגעטראָטן מיט זיין געוויינטלעכן ערנסט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט צום ענין וועגן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער.

— איידער איך וועל אויפנעמען פאָרשלאָגן צום שטימען, וויל איך אייך זאָגן מיין מיינונג, — האָט קאַרל רואיק גערעדט. — איר זאָגט, אַז איר וועט סטרייקן אויב דער באָס וועט אייך נישט געבן קיין העכע־רונג אויף אייערע שכירות וואָס ער האָט געשניטן ביזן ביין. איר טענהט, אַז איר זענט נישט קיין אונטערטעניקע קנעכט און איר פאָ־דערט אָנשטענדיקע שכירות פאַר אייער שווערער אַרבעט. דאָס איז אַלץ געוויס גערעכט. אָבער קיין סטרייק ווילן מיר דאָך נישט. מיר וועלן זיין געצוואונגען צו סטרייקן בלויז דעמאָלט ווען דער באָס וועט

באשטיין אויף זיין רעכט צו שניידן אייערע שכירות אויך היינטיקס יאָר און וועט זיך אָפּזאָגן אייך צו געבן אַ העכערונג. ריכטיק?

— ריכטיק! ריכטיק! — האָבן די פאַרזאַמלטע געענטפערט.

— נו, איך בין זייער גוט באַקאַנט מיט מיסטער לודוויג פעלהענדלער. ביי מיר איז נישטאָ דער מינדסטער צווייפל, אַז אַזוי גיך ווי איך וועל אויסלייגן פאַר אים אייערע טענות און קריוודעס און אייערע פאָדערונגען, וועט ער באַלד ווערן ווילד פון אויפרעגונג און — — —

— זאָל ער ווערן אויפגערעגט, קאַרל, — האָבן אַרבעטער געשריגן,

— אים אַרט דאָך נישט אונדזער נויט, און אונדז אַרט עס ווייניק וואָס ער וועט זיך, נעבעך, אויפרעגן.

— איך בעט דיך, קאַרל, זאָג מיר, — האָט אַן עלטערער אַרבעטער זיך געווענדט צו קאַרלען, — פאַרוואָס זאָל ער זיך אויפרעגן? ער האָט זיך גענומען דאָס רעכט צו שניידן און נאָכאַמאָל שניידן אונדזערע שכירות און מיר, די אַרבעטער, האָבן גאָר קיין רעכט נישט צו פאָדערן פאַר אונדזער אַרבעט אַ העכערונג פון עטלעכע לויזיקע פענים? ווער, איך בעט דיך, האָט באַשטימט, אַז אַרבעטער זענען רעכטלאָזע באַשעפענישן?

— געוויס, געוויס, — האָט קאַרל געענטפערט, — האָבן אַרבעטער אַ רעכט צו פאָדערן ביי זייער באַס העכערע שכירות, — אָבער פאַרגעסט נישט, אַז ער פאַרמאָגט די פאַבריק, די מאַשינען, די לעדער, און אַ סך געלט און — — —

— אָבער מיר מאַכן דאָך די שיך, — האָבן די אַרבעטער געשריגן, — אָן אונדז קאָן ער מיט זיין פאַבריק נית מאַכן קיין שיך, און ער ווייסט עס.

— ריכטיק, ריכטיק, — האָט קאַרל געענטפערט, — איר זענט מעכטיקער פון אים. אָן אַרבעטער איז ער אוים פאַבריקאַנט, אָבער איר ווילט דאָך נישט קיין סטרייק! זאָג איך אייך, אַז אַזוי גיך ווי איך וועל לאָזן וויסן, אַז איר פאָדערט אַ העכערונג פון צוואַנציק פּראָצענט, וועט ער ווילד ווערן ווי אַ צעררייצטער אָקס און וועט מאַכן געוואַלדן, אַז מיר ווילן אים רואינירן און מיך איינפּאַד אַרויסיאָגן פון זיין אָפיס, און דער רעזולטאַט וועט זיין, אַז מיר וועלן מוזן סטרייקן. דערפאַר איז מיין מיינונג, אַז אונדזערע פאָדערונגען מוזן זיין באַשיידענע. ערשטנס, דאַרפן מיר פאָדערן, אַז ער זאָל היינטיקס יאָר נישט שניידן די שכירות. צווייטנס, זאָל ער אייך געבן אַ העכערונג פון פינף פּראָצענט. אויב

אָבער ער וועט אונדז צווינגען צו סטרייקן, וועלן מיר פֿאָדערן אַ העכע־רונג פֿון צען פּראָצענט.

די אַרבעטער האָבן אָנגענומען קאַרלס רעקאָמענדאַציע.

נאָך דער אָפּשטימונג האָט קאַרל דערציילט די אַרבעטער, אַז ביל קנעכט האָט רעזיגנירט אַלס פֿאָרמאַן און איז צוריק געוואָרן אַן אַרבע־טער, ווייל ער האָט נישט געוואָלט, אַז מיסטער פֿעלהענדלער זאָל שניידן די שכירות פֿון די אַרבעטער. איך האָב געהערט, — האָט קאַרל דער־ציילט, — ווי פֿעלהענדלער האָט זיך צעקאָכט און געשריגן צו בילן:

— „האָסט פֿאַרגעסן, אַז איך בין דאָ באָס? איך באַשליס ווי אַזוי צו ,פּראָטעקטן׳ מיינע ביזנעס, און איך פֿרעג ביי קיינעם נישט קיין עצות".

— ביל, — האָט קאַרל אים אַ רוף געטאָן, — וועסט אפשר זאָגן עט־לעכע ווערטער צו די אַרבעטער?

ביל קנעכט, אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער, קרעפּטיקער מאַן, מיט אַ גרויסן קאָפּ באַדעקט מיט געדיכטע קורצע האָר, מיט אַ רויטלעך פּנים, וואָס האָט אויסגעזען אַ סך יינגער פֿון זיינע יאָרן, איז וואַרעם באַ־גריסט געוואָרן פֿון די אַרבעטער.

בילס קרעפּטיקע שטים האָט געהילכט איבערן זאַל.

— אונדזער פֿריינט, קאַרל, איז זייער אַ קלוגער מענטש. אַלע ווייסן דאָס, נאָר ער לעבט אין אַ וועלט פֿון שיינע חלומות. אָט, למשל, דוכט זיך אים אויס, אַז אויב איר וועט פֿאָדערן ביים באָס אַ באַשיידענעם רעיז, וועט איר אויסמיידן אַ סטרייק. חלומות! איר וועט אַפּעלירן צו מיסטער לודוויג פֿעלהענדלערס יושר און גערעכטיקייט? דאָס איז אַרויסגעוואָרפֿענע מי. ער פֿאַרשטייט גאָרנישט אַזאַ שפּראַך. זיין באַ־גריף וועגן יושר און גערעכטיקייט איז פּונקט ווי דער באַגריף פֿון אַ בער וועגן ברילִיאַנטן. זיין באַציאונג צו אַרבעטער איז ווי די באַציאונג פֿון אַ שפּין צו פֿליגן...

— איך זאָג אייך, — האָט ביל באַטאָנט זיינע ווערטער, — אַז אָן אַ קאַמף וועט איר גאָרנישט געווינען ביי לודוויג פֿעלהענדלער. נאָך עפּעס, מיינע פֿריינט, איר ווילט עפּעס אויפטאָן פֿאַר זיך און פֿאַר אייע־רע פֿאַמיליעס? איר ווילט מאַכן אַ סוף צו מיסטער פֿעלהענדלערס פּלאַן צו שניידן אייערע שכירות יעדן יאָר? איר ווילט פֿאַרבעסערן אייערע אַרבעט־און לעבנס־באַדינגונגען? מוזט איר באַווייזן אייער באָס, אַז איר

זענט פאַרייניקט און אַז איר פאַרמאָגט אַ פאַרייניקטע מאַכט, און איר קאָנט באַנוצן אייער מאַכט צו יעדער צייט ווען איר מוזט זיך פאַרטיידיקן קעגן זיין דורשטיקן אַפּעטיט אַנצוזאַמלען וואָס מער רייכטום פון אייער שווערער האַרעוואַניע: אָרגאַניזירט אַ יוניאָן!

אין זאַל האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן.

און ביי דער פאַרזאַמלונג איז געבוירן געוואָרן די „ריווערוויל שיך־אַרבעטער יוניאָן".

קאַרל מאַרקוס איז דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט; ביל קנעכט — וויים־פּרעזידענט און סאָפי רייך — סעקרעטאַר־טרעזשורער.

אַלע דריי יוניאָן־באַאַמטע זענען באַפולמעכטיקט געוואָרן צו פאַרהאַנדלען מיט פעלהענדלערן וועגן די פאָדערונגען פון דער יוניאָן.

פון דער פאַרזאַמלונג זענען די אַרבעטער געגאַנגען אַהיים אין אַ געהויבענער שטימונג. די פאַרזאַמלונג אַליין, וואו זיי האָבן פריי און אָן מורא אַרויסגעשריגן זייערע פּראָטעסטן קעגן זייער באָס, איז ביי זיי פאַררעכנט געוואָרן ווי אַ וויכטיקע דערגרייכונג: מאָרגן . . . מאָרגן וועט זייער באָס הערן זייער שטים; מאָרגן וועלן זייערע פאָרשטייער אינפאָרמירן זייער באָס, אַז זיינע אַרבעטער פאָדערן . . .

פריער ווי אַלעמאָל זענען זיי געקומען צו דער אַרבעט. און אַנדערש ווי אין אַלע פרימאָרגנס האָבן זיי אויסגעזען. עפּעס אַן אינערלעכע פרייד האָט אַרויסגעשיינט פון זייערע פּנימער. הילכיקער, פרײַנטלעכער און פרייִלעכער האָבן זיי זיך באַגריסט. עפּעס אַ געפיל פון שטאָלץ האָט זיי געוואַרעמט. פּלוצים האָבן זיי אויסגעפונען, אַז זייער אַמאָליקער שטאָלץ מיט זייער מייסטערשאַפט פון פאַך, וואָס האָט פאַרלוירן זיין גלאַנץ און ווערט דורך די ביטערע יאָרן פון אַרבעטלאָזיקייט, און דערנאָך פון זייער מאַכטלאָזער אונטערגעוואָרפנקייט צו דער אומבאַגרענעצטער הערשאַפט פון זייער באָס איבער זיי, אַז אָט דער שטאָלץ איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרן נאָך מיט מער חשיבות און גלאַנץ. איצט האָבן זיי דערפילט, אַז זיי זענען מייסטער פון פאַך. מיט אַ מעכטיקער דעה איבער זיך און זייער אַרבעט־קראַפט, און זיי פאָדערן זייער רעכט, זייער אָנערקענונג און אָנשטענדיקע באַלוינונג.

שטיל, שטילער ווי אין אַלע אַנדערע טעג, אַז די געוויינטלעכע באַמערקונגען און גערעדעריי, זענען זיי געווען פאַרטיפט אין זייער אַר־

בעט, באַהערשט פון אַ מאָדנער אָנגעשטרענגטער נערוועזיטעט. זייערע געניטע הענט האָבן פלינק אויסגעפּילט זייערע אויפגאַבן, נאָר זייערע מוחות זענען געווען איבערפולט מיט אַנדערע געדאַנקען, — באַלד, באַלד . . .

צוועלף אַזייגער. אַ לאַנגער אויסגעצויגענער, שניידנדיקער פייף זאָגט אָן די מיטיק־שעה. מאָמענטאַל ווערט די אַרבעט אין דער פאַבריק אָפּגעשטעלט ווי דורך אַ כישוף. די הוזשערייען פון די מאַשינען שטאַרבן אָפּ, מיט זייערע לעצטע גוססדיקע כוחות פון שטיל און שטילער פּייפעריי.

איצט . . . אויגן, הונדערטער פינקלדיקע פּאָר אויגן באַגלייטן קאַרל מאַרקוס, ביל און סאָפּי רייד, וואָס לאָזן זיך גיין אין דער ריכטונג פון דעם באַלעבאָס׳ קאַבינעט.

— גוד לאַק ! . . . גוד לאַק ! — מורמלען אַרבעטער.

אַזוי גיך ווי קאַרל האָט אויסגעלייגט די פאָדערונגען פון די אַרבעטער, איז לודוויג פעלהענדלער אויפגעשפּרונגען פון זיין שטול, ווי געביסן פון אַ שלאַנג. זיינע קליינע, גרינע אויגן האָבן געברענט פון כעס און פאַראַכטונג. אויף זיין שטערן האָבן אַרויסגעזעצט טראָפּנס שווייס און זיין קייל־עכדיק אָנגעבלאָזן פעט פּנים איז געוואָרן צונטער־רויט. ער האָט מיט ווילדן כעס אַ וואָרף געטאָן זיין ברענענדיקן ציגאַר אויף דעם פאַראַכטפולן פערסישן טעפּיך, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויפן דיל און אויסגעשריגן :

— מיין ענטפער וועל איך אייך צושטעלן אין אָוונט נאָך דער אַרבעט.

— ער איז אַרויסגעלאָפן פון זיין קאַבינעט.

לודוויג איז געלאָפן צו זיין בעל־יועץ, צו זיין באַליבטן איידעם, דער אָנערקענטער פירער צווישן פירער, פראַנץ וויינהאַרץ, דער באַרימטער פעאיקער האַי־סקול פּרינציפּאַל.

פראַנץ האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט זיין שווערס צאָרנדיקע אָנקלאָגע קעגן די דריי פאַרברעכער, וואָס האָבן אויפגעהעצט זיינע אַרבעטער קעגן אים, און אַ וואַרעמע פרייד האָט אַרומגעכאַפּט פראַנצן. ענדלעך, ענדלעך, — האָט ער געטראַכט, — איז אים באַשערט אויפצונעמען אַ פאַרמעסט מיט דעם פאַרשאָלטענעם מאַרקסיסטישן קלאַסן־קאַמף.

— די ערשטע זאַך, לודוויג, — באַרואיק זיך, — האָט פראַנץ מיט

פראַסטיקער קאַלטקייט געפּאַדערט פון זיין שווער, — רואיק! שטענ־
דיק רואיק, אַז דעם מינדסטן אויסדרוק פון אויפגערעגטקייט, — האָט
ער געקנעלט מיט זיין שווער, — דיין אויפרעגונג וועלן דיינע שונאים
אויסטייטשן אַלס מורא און שוואַכקייט. געדענק, לודוויג, וואָס איך
זאָג דיר: ערנסטע סיטואַציעס מוז מען שטענדיק באַגעגענען מיט
זעלבסט־באַהערשונג, און מיט קאַלטבלוטיקער רואיקייט.

לודוויג האָט געשוויגן און זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט וואָס האָט
זיך אַזוי שיין און געלאַסן אַרויסגעקייקלט פון זיין באַליבטן איידעמס
מויל.

— אמת, דיין גרויסער דערפינדער און הויפּט־מאַשיניסט, — האָט
פּראַנץ פאָרגעזעצט, — דער קאַרל מאַרקס פון ריוועררוויל, איז אַ כיט־
רער יידליק. אָבער ער איז דער פירער פון אַ צעהיצטן און אומוויסנדיקן
המון, וואָס קאָן טומלען און וואַרפן שטיינער. מיר וועלן אים אָבער
צעשמעטערן. ער, דער רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיסט, האָט, ווי עס
ווייזט אויס, נישט אויסגערעכנט, אַז לודוויג פעלהענדלערס אומבאַזיג־
באַרע פעסטונג קאָן ער נישט איינברעכן מיט זיין אומוויסנדיקן המון.

לודוויג האָט זיך דערפילט דערמוטיקט און דערהויבן פון זיין איי־
דעמס אָנערקענונג פון זיין, לודוויגס, „אומבאַזיגבאַרער פעסטונג" וואָס
ער, לודוויג, האָט אויפגעבויט.

— און איצט, לודוויג, אָט וואָס: אויף דער אָפענסיווע! שטענדיק
אויף דער אָפענסיווע! קיינמאָל נישט אויף דער דעפענסיווע! די ערש־
טע שלאַכט, דער ערשטער קלאַפּ דעם שונא באַשטימט דעם דערפאָלג־
רייכן אויסגאַנג פון דעם פאַרמעסט; נישט געזאָרגט, לודוויג.

— קום, לודוויג, אַריין אין דעם „בלויען־הימל"־רעסטאָראַן. איך וועל
דיך טראַקטירן מיט אַ טרונק בראָנפן און מיט אַ געשמאַקן מיטיק. נאָכן
עסן וועלן מיר באַטראַכטן דעם ענטפער, וואָס דו דאַרפסט געבן די דריי
מייזלער, וואָס זענען געזאַלבט געוואָרן פון דיינע אַרבעטער אַלס זייע־
רע משיחים.

אין אָוונט, ווען לודוויג האָט געעפנט די טיר פון זיין קאַבינעט זענען
שוין די דריי יוניאָן־פאָרשטייער געזעסן און געוואַרט אויף אים. ווען
ער האָט זיי דערזען איז ער אויפגעקאָכט געוואָרן. נאָר ער האָט גיך גע־
צוימט זיין כעס. אין זיינע אויערן האָבן געקלונגען פראַנצס וואָרענונג:

— „אויפרעגונג וועט פון זיי אויסגעטייטשט ווערן אַלס אויסדרוק פון מורא און שוואַכקייט".

ער האָט זיך אַריינגערוקט אין זיין ווייך־געבעטן שטול לעבן זיין שיינעם שרייבטיש און מיט זיין פעטן ווייזפינגער געטייטלט צוערשט אויף קאַרלען און געזאָגט:

— דו, קאַרל, — און דערנאָך האָט זיין פינגער געטייטלט אויף ביל קנעכט, — און דו, ביל, — און צולעצט האָט זיין פינגער געשטאָכן אויף סאָפין, — און דו, סאָפי, — איר דריי האָט אויפגעהעצט מיינע אַרבעטער און זיי אָרגאַניזירט אין אַ יוניאָן, — און אייער יוניאָן שטעלט מיר פאָדערונגען. היינט פאָדערט איר אַ העכערונג אויף די שכירות, מאָרגן וועט אייער יוניאָן מיר זאָגן וועמען איך זאָל אָנשטעלן אַלס פאָרמאַן; דערנאָך וועט אייער יוניאָן מיר דיקטירן וויפל פּראָפיט איך זאָל מאַכן אויף מיינע שיך, וויפל איך זאָל פאַרלעבן און וויפל איך זאָל צאָלן מיין זון פאַר זיינע וועכנטלעכע אויסגאַבן: אַ רעגעלע יוניאָן!

— מיך האָט איר גאָרנישט געפרעגט, צי איך וויל אַ יוניאָן אין מיין פאַבריק. איך בין, הייסט עס, שוין נישט דער באָס דאָ . . . איר זענט דער באָס . . . די אַרבעטער זענען שוין נישט מער מיינע אַרבעטער; זיי זענען שוין אייערע אַרבעטער. זיי באַלאַנגען שוין צו אייך.

— אויב אַזוי, — איז זיין פּנים צעקרימט געוואָרן פון פאַרשטיקטן כעס, — וועסטו און דו, ביל, און דו סאָפי, — וועט איר זיין אַזוי גוט און געבן אייערע יוניאָן־מעמבערס דזשאָבס און זיי צאָלן שכירות. זיי זענען דאָך שוין אייערע אַרבעטער, וועט איר זיך זאָרגן פאַר זיי. זאָגט אייערע אַרבעטער, אַז מאָרגן קאָנען זיי זיצן אין דער היים. זאָגט זיי, אַז לודוויג פעלהענדלער פאַרמאַכט זיין פאַבריק!

מער האָט שוין לודוויג נישט געקאָנט צוימען זיין ווילדן כעס און ער האָט זיך צעשריגן מיט אַ רציחהדיק קול, — זאָגט זיי, אַז איך בין נאָך אַלץ באָס אין מיין פאַבריק, און מיין פאַבריק איז פאַרמאַכט! געשלאָסן! און גייט צום טייוול מיט אייערע יוניאָן! אין מיין פאַבריק דערלויב איך נישט קיין יוניאָנס! איך האָב פיינט יוניאָנס! — און ער איז אַרויסגעלאָפן פון זיין קאַבינעט אַן אָנגעצונדענער פון כעס.

ריוועריוויל האָט געקאָכט. אין די היימען, אין די רעסטאָראַנען און אויף די גאַסן איז דער הויפּט־געשפּרעך געווען וועגן דעם סטרייק ביי

לודוויג פעלהענדלער. געשעפטסלייט, אַרבעטער, הויז־פרויען און אפילו שול־קינדער זענען געקומען „זען" דעם סטרייק. פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין אוונט האָט לודוויגס אומעטיקע און לעבנלאָזע פאַבריק מיט טויטע פענצטער־אויגן אַראָפּגעקוקט אויף די הונדערטער סטרייקערס און די גרויסע צאָל נייגעריקע וואָס זענען געקומען „זען" דעם סטרייק.

די איבער פיר הונדערט סטרייקער, מענער און פרויען, זענען געשטאַנען לעבן די אייזערנע, הויכע, שפּיציקע שטאַכעטן, וואָס האָבן אַרומגעצוימט דאָס גרויסע שטיק לאַנד און די גרויסע פאַבריק, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן פון דעם פּוסטן לאַנד. דער אייזערנער ברייטער טויער איז געווען פאַרשלאָסן.

די נייגעריקע פרעמדע זענען געשטאַנען אָפּגערוקט פון די סטרייקערס און שטיל גערעדט צווישן זיך. אָפט פלעגן נייגעריקע זיך באַגריסן מיט סטרייקערס, מיט וועמען זיי זענען געווען באַקאַנט אָדער באַפריינדעט. אָפט פלעגן יונגע נייגעריקע אַ וואָרף טאָן וויצן און אויסרופן:

— וואו איז מיסטער פעלהענדלער? ער סטרייקט נישט?

— העי, סטרייקערס! אויב דער סטרייק וועט געדויערן לאַנג וועלן פעלהענדלער מיט זיין זון טראָגן צעריסענע שיך . . .

— סטרייקערס! לודוויג שטימט איין אייך צו געבן אַ רעיז — נאָכן טויט!

— פעלהענדלער זאָגט, אַז דער סטרייק איז אומגעזעצלעך, ווייל איר סטרייקט אָן זיין דערלויבעניש.

אָנגעזעענע בירגער פון ריווערוויל, דער ריכטער אַדאָלף ריכטערמאַן, ראָבערט ווילסאָן, דער פאַרוואַלטער פון דעם גרעסטן דעפּאַרטמענט סטאָר, גוסטאַוו וויקפעלד, ערשטער וויים־פּרעזידענט פון דער באַנק, און אַנדערע, זענען געקומען צו לודוויג פעלהענדלער און מיט אים איינגעטענהט, ער זאָל שליכטן דעם סטרייק. זיי האָבן אים דערציילט, אַז די גרעסטע טייל פון די ריווערוויל איינוואוינער האַלטן, אַז די סטרייקערס זענען גערעכט און גלויבן, אַז ער, פעלהענדלער, האָט איבערגעכאַפּט די מאָס מיט די אָפּטע און גרויסע שכירות־רעדוקציעס.

פעלהענדלער איז געבליבן פאַרעקשנט.

— אַזוי גאָר, — האָט ער זיך געקאָכט, — ריווערווילער איינוואוינער זענען אויך קעגן מיר? שווערע טויזנטער דאָלאַרן האָב איך אוועקגע־

געבן צו בויען זייער נייעם שפּיטאָל, טויזנטער דאָלאַרן צאָל איך יערלעך פאַר זייער יתומים־הויז, פאַר זייער היים פאַר אַלטע היימלאָזע מענטשן, פאַר אָרעמע קראַנקע, און איצט, ווען איך קעמף קעגן רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערער קעגן צעשטערער פון געזעץ און אָרדענונג, זענען חשובע איינוואוינער פון ריווערוויל געוואָרן מיינע שונאים און זיך פאַראייניקט מיט דעם אומפאַראַנטוואָרטלעכן המון, מיט אַ באַנדע אומווויסנדיקע סטרייקערס. אַזוי דאַנקען זיי מיר אָפּ, די איינוואוינער פון ריווערוויל פאַר מיינע טויזנטער דאָלאַרן, וואָס איך האָב זיי אונטערגעטראָגן פאַר זייערע אינסטיטוציעס?

— ניין, ניין! איך עפן נישט מיין פאַבריק! מיינע אַרבעטער האָבן מיך פאַרראַטן . . . פאַר לויזיקע פינף פּראָצענט פון זייערע שכירות האָבן זיי מיך פאַרראַטן, די יודאַסעס; וואָס קווייטשען זיי, אַז זייערע שכירות זענען געשניטן? מיליאָנען דאָלאַרן האָב איך פאַרלאָרן אין די לעצטע עטלעכע יאָר צוליב דעם עקאָנאָמישן קריזיס. קעגן וועמען זאָל איך סטרייקן? זאָלן זיי סטרייקן! זאָלן זיי פּיקעטן! זיי וועלן קומען צו מיר זיך בעטן איך זאָל זיי געבן אַרבעט. מיר וועלן נאָך זען ווער עס איז באַס; איך צי זייער יוניאָן.

פראַנץ וויינהאַרט, דער פּרינציפּאָל פון דער האַי־סקול, האָט דערמוטיקט זיין שווער אין זיין קאַמף קעגן דער יוניאָן.

— לודוויג, דו מוזט צעברעכן דעם פאַרדאַמטן סטרייק! צוליב פּראַקטישע און מאָראַלישע אורזאַכן מוזטו צעשמעטערן די פאַרשווערונג קעגן דיר, — האָט פראַנץ געקנעלט מיט זיין שווער. — אויב דו דערלויבסט די לומפּן צו געווינען, ביזטו פאַרלאָרן. די גאַנצע שטאָט וועט לאַכן פון דיר . . . די פאַרשווערער וועלן דיך רואינירן. יעדע וואָך וועלן זיי פאָדערן פון דיר העכערע שכירות. זיי, די פאַרשווערער, וועלן ווערן די באַסעס פון דיין פאַבריק. דו וועסט ווערן ביי זיי אַ שיק־יינגל . . . לודוויג, מוזט צעברעכן זייער סטרייק און זיי באַווייזן, אַז דו ביזט באַס אין דיין פאַבריק.

דער פירער און וועגווייזער פראַנץ ווײַנהאַרץ

פראַנץ ווייִנהאַרץ האָט פון זיינע נאַצי־פּאַטריאָטן אין דער ריווערוויל געשעפט־וועלט זיך דערוואוסט, אַז אַ גרויסע צאָל איינוואוינער האַלטן מיט די סטרייקערס. ער האָט דערפאַר באַשלאָסן צו מאָביליזירן זיינע נאַצי־כוחות אין דעם פאַרמעסט קעגן דעם פאַרשאָלטענעם קלאַסנקאַמף אין ריווערוויל.

צוליב דעם האָט ער איינגעלאַדן צו זיין שבתדיקער לעקציע, אַ חוץ זיין לאָיאַלער גרופּע האַי־סקול שילער, אויך די פירער פון דער נאַצישער יוגנט פון „קליין־דייטשלאַנד". ער האָט זיך באַמיט צו דערקלערן זיין פי־לאָזאָפישן אַנאַליז וועגן דער באַדייטונג פון דעם סטרייק אין איינפאַכע ווערטער, וואָס יעדער פון די פאַרזאַמלטע זאָל פאַרשטיין.

— צום באַדויערן, — האָט פראַנץ אָנגעהויבן זיין לעקציע, — פאַר־מאָגן נישט די ריווערווילער איינוואוינער דעם מינדסטן באַגריף וועגן די אורזאַכן, צילן און באַדייטונג פון דעם סטרייק. דאָס איז נישט זייער שולד. זיי, פּונקט ווי אַ גרויסע צאָל ערלעכע, אָבער נאַאיווע אַמעריקאַנער בירגער, זענען קרבנות פון דער פאַרפירערישער און פאַרפּויל.טער פּראָ־פּאַגאַנדע פון אַ גאַנצער פּראָגראַם וואָס איז אויסגעפּלאַנירט געוואָרן פון די יידישע געניאַלע פאַרשווערער.

— פיל ריווערווילער איינוואוינער זענען אונטער דעם איינדרוק, אַז דער סטרייק קעגן לודוויג פעלהענדלער, ווי אַלע אַנדערע סטרייקס אין לאַנד, ווערן אָנגעפירט מיט דעם אויסשליסלעכן צוועק אויסצוקעמפן בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען פאַר די אַרבעטער. דאָס איז אָבער אַ ליגן! אַ גרויסער ליגן!

— אַפילו סקול־יינגלעך קאָנען דאָס פאַרשטיין, ווייל פיל סטרייקס דויערן חדשים־לאַנג און די שכירות, וואָס די סטרייקערס פאַרלירן באַ־טרעפן אָפט פיל, פיל, פיל מער ווי זייערע רעלאַטיוו־קליינע העכערונגען ברענגען זיי אַריין אין משך פון יאָרן אַרבעט. חוץ דעם בלייבן דאָך פיל סטרייקערס שטעקן אין חובות, וואָס זאַמלען זיך אָן אין משך פון סטרייק ווען זיי האָבן גאָרנישט פאַרדינט, וואָס זיי מוזן באַצאָלן נאָכן סטרייק. און, עס הערשט אַ מעכטיקער עקאָנאָמישער געזעץ, אַז העכערע שכירות פאַר מיליאָנען אַרבעטער ברענגען אומפאַרמיידלעכע העכערונגען אויף די

פרייזן אויף אַלע נייטיקע לעבנס־מיטלען און די אַרבעטער וואָס האָבן זיך ערשט נעכטן געפּרייט מיט זייער גרויסן זיג, באַצאָלן זייער טייער פאַר יעדן דאָלער וואָס זיי האָבן אַרויסגעריסן פון זייערע באַסעס דורך זייערע סטרייקס. עס איז קלאָר, אַז עס איז אַ ליגן, אַ הימל־שרייענדיקע פעלשונג, אַז דער ציל פון סטרייקס איז צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון די אַרבעטער מיט זייערע פאַמיליעס.

— דער ריינער אמת איז, אַז דער סטרייק איז דער קלאַסנקאַמף וואָס איז אויסגעקלערט געוואָרן פון דעם יידישן גאון קאַרל מאַרקס, דער גרעס־טער יידישער ראַבאַי, און ווערט באַנוצט פון די מאַרקסיסטן אונטער דעם פאַלשן שלייער פון עקאָנאָמישע פאָדערונגען, אַלס אַ טייוולשער קאַמף־מעטאָד צו צעשטערן וויכטיקע גרונט־פּרינציפּן, ווינקלשטיינער אויף וועלכע אונדזער דעמאָקראַטישער סיסטעם איז געבויט.

אין דער גרויסער סטודיאָ האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. די נאַצי־יוגנט־פירער זענען געזעסן באַוועגלאָז און געשלונגען מיט טיפן אינטערעס זייער לערערס צעגלידערונג פון די אמתע צילן פון סטרייקס, צו צעשטערן די רעכט און פרייהייטן פון דער דעמאָקראַטישער אַמע־ריקע. פראַנץ האָט נישט פאַרפעלט צו באַמערקן די ווירקונג פון זיינע רייד אויף זיינע פאַטריאָטישע תלמידים און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער האָט שוין דערגרייכט דעם נייטיקן מאָמענט צו פאַרייניקן זיין טעאָרע־טישן אַנאַליז מיט די באַלדיקע, נייטיקע פּראַקטישע אויפגאַבן.

— און איצט, — האָט פראַנץ ווייטער גערעדט אין אַ פייערלעכן טאָן, — לאָמיר באַטראַכטן אונדזער הויפּט־פּראָבלעם, די סאַמע ערנסטע גע־פאַר, וואָס פאַרוואָלקנט אונדזער הימל, פאַרשטעלט אונדזער ליכטיקע זון און פאַרזייט די זוימען פון פאַרניכטנדיקן אורקאַגאַן.

— אין מיינע פריערדיקע שמועסן האָב איך אייך אויפמערקזאַם גע־מאַכט וועגן דער געפערלעכער סטראַטעגיע פון די יוניאָניסטן, סאָציאַ־ליסטן, קאָמוניסטן און אַנדערע מאַרקסיסטן, — די באַוואוסטע מילי־טערישע טאַקטיק פון „צעטייל און באַהערש!“

— און היינט, בלויז עטלעכע וואָכן נאָך יענעם שמועס, שטייען מיר דירעקט פאַר דער פאַקטישער באַשטעטיקונג די ריכטיקייט פון מיין וואָרענונג וועגן דער ברוטאַלער טאַקטיק וואָס ווערט גענוצט פון אונדזערע שונאים, וואָס האָט שוין דערגרייכט אויך אונדזער ריוועראוויל.

— עס איז אַ טרויעריקער פאַקט, אַז די יוניאָן־פירער מיט זייערע סטרייקערס האָבן אין משך פון בלויז עטלעכע געציילטע טעג צעשפּאָלטן ריווערוויל און צעטיילט די איינוואוינער אין צוויי קריגערישע לאַגערן.

— לודוויג פעלהענדלער, זיינע פּאַרלייט, סעילסלייט און אָנגעשטעלטע פון דעם פאַרוואַלטונג־דעפּאַרטמענט, אַלע דערפאָלגרייכע געשעפטלייט, די דירעקטאָרן פון דער באַנק, די בויער פון ריווערוויל, און אַלע פּאַראַנטוואָרטלעכע, פּאַטריאָטישע איינוואוינער, וואָס זענען געבענטשט מיט קלאָרן, געזונטן פאַרשטאַנד, זענען פאַרייניקט קעגן די „מאָב־רול"־סטרייקערס.

— און אין צווייטן לאַגער געפינען זיך איינוואוינער וואָס שטיצן די סטרייקערס. פאַרוואָס? ווייל ..זיי פאַרמאָגן נישט דעם מינדסטן באַגריף וועגן דעם אמת, אַז די ביטערע מאַרקסיסטן פּראָוואָצירן סטרייקס צו צעטיילן די באַפעלקערונג און אַפילו פאַמיליעס, כדי צו דערגרייכן זייערע קאַטאַסטראָפאַלע צילן: צו פאַרגוואַלדיקן דאָס הייליקע רעכט פון דעם יחיד, פון דעם באַס, צו פאַרניכטן די דעמאָקראַטישע סיסטעם פון „געזעץ און אָרדענונג" און אַריינכאַפּן די מאַכט אין זייערע הענט.

— אָט קעגן דער רויטער פאַרשווערונג קעגן דעם „מאָב־רול", קעגן דער פאַרפלוכטער פּלאָג פון דעם מאַרקסיזם, מיט זיין פאַרשאָלטענער דערפינדונג פון דעם קלאַסנקאַמף, וואָס מוז, לויט דעם יידישן נביא קאַרל מאַרקס, סוף־כל־סוף דערפירן צו זייער געפּלאַנירטער און אָרגאַניזירטער בלוטיקער רעוואָלוציע, קעגן אָט דער פאַרשווערונג פירט דער גרויסער פאַבריקאַנט און פילאַנטראָפּ, לודוויג פעלהענדלער, דעם קאַמף און איר מעגט זיין זיכער, — האָט פראַנץ פאַרענדיקט מיט באַרימערישקייט, — אַז מיסטער פעלהענדלער, מיט דער הילף פון זיין איידעם פראַנץ וויינהאַרץ, וועט צעשמעטערן אַלע פּלענער פון די פאַרשווערער, מיט די פירער פון דער פאַרשווערונג צוזאַמען.

אין אַ לאַנגער ריי זענען געשטאַנען די יונגע „לאַיאַלע" נאַצים צו דריקן די האַנט פון זייער לערער, זייער וועגווייזער און פירער.

יענע נאַכט איז פרעדי בלענשאַרד ווידער געקומען אַהיים טויט־שיכור און האָט ווידער געפּלאַפּלט וועגן דעם גרויסן פירער, פראַנץ וויינהאַרץ. פרענק איז געשטאַנען און צוגעקוקט ווי זיין פאַרזאָרגטע טעריסאַ לייגט נאַסע האַנטעכער אויף פרעדיס קאָפּ. ער איז אַרויס פון פרעדיס שלאָף־

צימער, זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם ווינשטול אין גרויסן פֿאָדערצימער, פֿאַרוויכערט זיין ליולקע און געמורמלט: — „פֿראַנץ ווייַנהאַרץ, מיר וועלן זיך נאָך מיט דיר באַגעגענען". זיין אַלטע וואונד האָט זיך פֿריש צעווייטיקט. פּיליסעס שיין, חנעוודיק פּנים איז אויפגעשוואומען פֿאַר זיינע אויגן און איז גיך פֿאַרשוואונדן אין געדיכטן רויך פֿון זיין ליולקע. פרענקס גרויסע ברוינע אויגן זענען פּלוצים פייכט געוואָרן . . .

דער געניאַלער פּלאַן

לודוויג פּעלהענדלער האָט נישט אַריינגעשטעלט קיין פוס אין זיין פאַבריק אין דער ערשטער וואָך פון סטרייק. ער האָט פאַרבראַכט זיינע טעג און אָוונטן אין זיין רייכער פּראַכטפולער היים. ער פלעגט יעדן טאָג שפּאַצירן מיט זיין גרויסן דענישן הונט איבער די ריינע שיין־באַאַרבעטע סטעזשקעס אין זיין היפּשן וועלדל און זיך באַקאַנט מיט די שיינע צעוואַקסענע עלם, מעיפּל, ספּרוס און העמלאַק ביימער. ער פלעגט באַוואונדערן די הויכע ברייט־צעוואַקסענע קאַשטאַן און די מעכטיקע דעמב־ביימער, וואָס האָבן זיך טיף איינגעוואָרצלט אין דער ערד און צעשפּרייט זייערע גראָבע וואָרצלען איבער לאַנגע שטרעקעס, וואָס האָבן דאָ און דאָרט אַרויסגעשטאַרטשעט פון דער ערד.

דערנאָך פלעגט ער אַרויסגיין פון דעם שטילן קילן וועלדל און באַטראַכטן זיין פּרעכטיקן פּרוכט־גאָרטן, די גלייכע ריי עפּל־ביימער און גלייך־געוואַקסענע, שיין־באַקרוינטע ווייַנשל־ און פלוימען־ביימער, און די שיינע ביימעלעך מיט די אויסגעטאַקטע, אָנגעלאָדענע שטענגעלעך ווייסע און רויטע ווייַנטרויבן.

נעענטער צו זיין הויז פלעגט ער שפּאַצירן צווישן דער ריי ביימעלעך מיט רויזן: די שעראָן רויזן־ביימעלעך און די אַזיליע־ביימעלעך, באַצירט מיט זייערע רויטע, געלע, ראָזעווע און ווייסע רויזן. און דערנאָך פלעגט ער הנאה האָבן פון די לאַנגע רייען דזשיראַניום, קאַרניישאַן און זיניאַ און אַנדערע רויזן, מיט זייערע שניי־ווייסע, רויטע, ראָזעווע, געלע, פּיאָ־לעטעווע בלומען — אַ רעגנבויגן פון קאָלירן.

ער פלעגט אויך שווימען אין גרויסן טייך, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט זיין לאַנד, אַרומפּאָרן אויפן קלענערן שיפל און געכאַפּט פיש, בעס און פּאַיק און וואַל־האַד פּאַיק און פּיקערל און טיף באַדויערט, וואָס די איכטיאָלאָגיסטן אַנטוויקלען נישט קיין פיש מיט גרעבערע און שטאַר־קערע הויט, פון וועלכע מ'וואָלט געקאָנט פאַבריצירן פיינע שיך, — שיך פון דעליקאַטע פיש־הויט מיט זילבערנע ליסקעס . . .

אין די אָוונטן פלעגט ער שפּילן קאָרטן מיט זיינע פריינט, דער ריכ־טער אַדאָלף ריכטערמאַן און גוסטאַוו וויקפילד, דער אייגנטימער פון דער גרויסער צירונג־קראָם. ער פלעגט ברענען פון פאַרדרוס ווען ער

פלעגט פארלירן און פלעגט הירזשען מיט פריילעכן געלעכטער ווען ער פלעגט געווינען.

אבער זיין געצוואונגענע וואקאציע האט אים נישט פארשאפט קיין פארגעניגן. א וויי־טיקדיקער פארדרוס האט אים אן אויפהער גענאגט, וואס דווקא היינטיקס יאר, ווען עס קומען אריין באשטעלונגען כמעט יעדן טאג, האבן זיינע פאררעטערישע ארבעטער אים דערקלערט א סטרייק, צוליב א שניט אין זייערע שכירות פון לויזיקע פינף פראצענט. יעדן טאג איז זיין פארדרוס געוואקסן און אים געפייניקט.

ער האט געברענט פון אומגעדולד אויסצוגעפינען וועגן דעם פלאן, וואס זיין איידעם און בעל־יועץ גרייט צו צו דערלאנגען א טויט־קלאפ דעם סטרייק, ווי פראנץ האט אים פארזיכערט. יעדן טאג פלעגט ער טעלעפאנירן פראנצן און אים געפרעגט צי דער פלאן איז שוין פארטיק. און פראנץ פלעגט אים ענטפערן בלויז איין ווארט:

— געדולד, לודוויג!

— וואס פאר א פלאן קאן דאס זיין? — האט לודוויג געטראכט טאג און נאכט, — אונטערקויפן דעם הויפט־פירער פון דעם סטרייק קארל מארקוס? אוממעגלעך! קארל איז א משוגענער אידעאליסט און משוגע ערלעך... אזא פלאן, — האט ער געטראכט, — וואלט געארבעט אויס־געצייכנט, נאר ער איז נישט דורכפירבאר. די באנק פארמאגט נישט גענוג געלט צו קויפן דעם משוגענעם קארל...

— און אפשר ארבעט גאר זיין איידעם אויף א פלאן צו ברענגען א גאנצע ארמיי נאצי שיך־ארבעטער פון ניו־יארק... פראנץ קאן דאס באַ־ווייזן, ווייל זיינע פריינט, די גרויסע פירער פון די ניו־יארקער נאצים, וועלן איבערטראגן בערג צו העלפן פראנצן. אבער אזא פלאן טויג נישט. ערשטנס, איז אזא אונטערנעמונג פארבונדן מיט ריזיקע אויסגאבן, און צווייטנס, האט ער פיינט די ניו־יארקער פארטאטשטע מלאכה. זיינע ארבעטער זענען קינסטלער... יעדע פאר שיך ווערן אויסגעטאקט פון זיינע באלמעלאכעס ריין־גלאט ווי די שפיגלען. דערפאר טאקע איז ער, פעלהענדלער, אזא תקיף ביי זיינע קונים.

לודוויג האט געברענט פון נייגער צו דערוויסן זיך וועגן דעם פלאן, וואס זיין איידעם פראנץ ווינהארץ ארבעט אויס צו צעשמעטערן דעם סטרייק, און ענדלעך האט ער זיך דערוואוסט.

זיי זענען דעמאָלט געזעסן אין לודוויגס ביבליאָטעק־צימער לעבן דעם שיינעם, גלאַנציקן מאַהאַגאָני שרייבטיש. פראַנץ האָט גערעדט איבער אַ שעה וועגן זיין פּלאַן, און לודוויג איז געזעסן ווי פאַרכישופט, זיך איינגעהערט צו זיין איידעמס רייד מיט ברענענדיקן אינטערעס און נישט געוואַגט אים איבערשלאָגן מיט אַ וואָרט, אָדער מיט אַ פראַגע.

— איצט פאַרשטייסטו שוין, לודוויג, פאַרוואָס עס האָט געדויערט אַזוי לאַנג? — האָט פראַנץ זיך ווי פאַרענטפערט. — עס האָט זיך גע־פאָדערט פאַרזיכטיקייט, קאָנספּיראַטיווע פאַרזיכטיקייט. דיינע פאַר־לייט האָבן דאָך געמוזט באַזוכן יעדן לאַגער נאַצי־אַרבעטער, וואָס אַר־בעט איצט ביי דיר אין דער פאַבריק, און באַזוכן די איבערגעבליבענע מענטשן, וואָס האָבן מיט יאָרן צוריק געאַרבעט אין דיין פאַבריק און זיי אויפקלערן . . . און מ'האָט אויך געמוזט וואַרטן אויף אונזערע ניו־יאָרקער פריינט, וואָס זענען היינט געקומען.

— אָבער אַלץ, אַלץ, לודוויג, איז אָרגאַניזירט און צוגעגרייט ביז דעם קלענסטן דעטאַל. אַלץ איז פאַרזאָרגט. וועסט זען, לודוויג, עס וועט אַרבעטן פּינקטלעך ווי אַ זייגער. יעדער אויף זיין פּלאַץ גרייט צו דער־פילן זיין אויפגאַבע אַז וואַקלעניש. דיין ראָל, לודוויג, וועסטו דורכפירן אין צען מינוט, קורץ און שאַרף. געלאַסן, רואיק, מיט ווירדע, ווי עס פּאַסט פאַר דיר, פאַרשטייסט? נישט, חלילה, זיך בעטן ביי זיי, ביי די באַנדיטן, נאָר אַז אָנבאָט וואָס שטראַמט אַרויס פון דיין גרויסקייט און גוטהאַרציקייט. אין קורצן, לודוויג, איך פאַרלאָז זיך אויף דיר . . . ביזט אַ קלוגער מענטש. דו ווייסט ווי אַזוי צו האַנדלען מיט פאַרשידענע מענטשן, אונטער פאַרשידענע אומשטענדן, און איך בין זיכער, אַז דיין ראָל וועסטו דורכפירן ריכטיק.

ווען פראַנץ האָט פאַרענדיקט זיין לאַנגן באַריכט וועגן זיין אויסגע־אַרבעטן, אַלץ פאַרטיק־צוגעגרייטן ביזן לעצטן דעטאַל פּלאַן, האָט מיס־טער פעלהענדלער זיך טיפער אַריינגערוקט אין זיין בענקל, האָט אָפּגע־כאַפּט דעם אָטעם, ווי ער וואָלט געלאָפן אַ לאַנגע שטרעקע, האָט גיך פאַררויכערט אַ ציגאַר און האָט געבלאָזן דעם רויך מיט ווילדער הנאה. ער האָט דערפילט דערפרישט, דערמוטיקט און עפּעס אַ מאָדנע גרינגקייט אין זיין שווערן קערפּער, ווי ער וואָלט יינגער געוואָרן. זיינע גרינע אויגן האָבן געשיינט און זיין פעט־קיילעכדיק פּנים האָט זיך גערויטלט.

— אט דאס הייסט א דזשאב! — האט ער מיט ענטוזיאזם אויסגע־רופן. — דאס איז א בריליאנטענע, ווי רופסטו דאס, פראנק, סטרא־טעגישע קאנטער־אטאקע. דאס איז אמת־געניאלע טאקטיק פון דיין פלאן וואס דו רופסט, „צעטייל און באהערש". פראנק, דו ביזט א גרויסער גענעראל, א צווייטער נאפאלעאן. פראנק, ווען די סטרייק־קאמעדיע וועט זיך ענדיקן, וועל איך דיך אריינזעצן אין יונייטעד סטייטס סענאט, אפילו וועל כ'וועל דארפן ספענדן א מיליאן דאלער. יא, יא, פראנק, א סענאטאר וועסטו ביי מיר זיין, אפילו ווען דאס וועט מיך קאסטן א מיליאן דאלער. און איצט, פראנק, קום אריין אין באר־צימער און לאמיר טרינקען פאר דעם דערפאלג פון דיין קאנטער־אטאקע.

לויט פראנצס אינסטרוקציעס, האט פעלהענדלער אין א טאג ארום דורכגעפירט זיין אויפגאבע.

פלוצים איז ער אויסגעוואקסן אויף די הויכע און ברייטע טרעפ פון דער פאבריק און פון דער הייך אראפגעקוקט אויף די סטרייקערס. זיי האבן אים דערזען און א שושקעריי האט זיך ווי א שטיל ווינטעלע צע־בלאזן:

— זע נאר וואס פאר א ליבן גאסט מיר האבן היינט!

— כאפ א קוק אויף די טרעפ, דו זעסט אים?

לודוויג האט באפוילן דעם אלטן וועכטער אויפצועפענען דעם טויער און אנזאגן די סטרייקערס, אז דער באס וויל רעדן מיט קארל מארקוס, ביל קנעכט און סאפי רייך.

אין א פאר מינוט ארום זענען זיי געשטאנען אויף די טרעפ. זיי האבן אים העפלעך באגריסט.

לודוויג האט נישט געענטפערט אויף זייער באגריסונג.

— נו, — האט ער צו זיי געזאגט, — איר ווילט סטרייקן, אדער איר דענקט, אז עס איז שוין צייט צו ענדיקן די נארישע שפיל?

ער האט נישט געווארט אויף זייער ענטפער און פארגעזעצט זיין איינ־געשטודירטע רעדע, — אויב איר זענט שכלדיקע מענטשן, האב איך פאר אייך א פראקטישע פראפאזיציע: „קיינע זיגער און קיינע באזיגטע!" איך וויל נישט באזיגן מיינע ארבעטער. איך וועל נישט האבן קיין גרויסן פארגעניגן פון אזא זיג. איז אט וואס: איר זענט אומצופרידן מיט דעם פינף פראצענטיקן שניט. איר דענקט, אז כ'האב געשניטן צוליב וואויל־

טאג? ביזנעס! . . . קריזיס! . . . כ'האב געמוזט! שלאג איך אייך פאר א יושרדיקן אויסגלייך, א פראקטישן ביזנעס קאמפּראמיס.

— רופט א מיטינג פון די סטרייקערס. זאגט זיי ווארט־פאר־ווארט וואס איך האב אייך געזאגט און טעלעפאנירט מיר דעם באשלוס.

קארל מארקוס האט געוואלט עפעס ענטפערן, נאר אזוי גיך ווי ער האט ארויסגערעדט, „מיסטער פעלהענדלער”, האט פעלהענדלער זיך אויסגעקערט מיטן רוקן צו די דריי יוניאן־פארשטייער און איז פארשוואונדן אין דער ברייטער טיר פון דער פאבריק.

קארל, ביל און סאפי האבן ארויסמארשירט פונעם טויער. דער אלטער וועכטער האט פארמאכט און פארשלאסן דעם טויער.

פון מויל־צו־מויל האט זיך צעטראגן דער רוף:

— א מיטינג שוין! איצט! א מיטינג! א מיטינג!

נייגעריקע, אנגעשטרענגטע, איבערפילט מיט האפענונגען זענען די סטרייקערס געזעסן אויף זייערע בענקלעך אין דעם האלב־קיילעכדיקן זאל און אומגעדולדיק געווארט אויף דעם באריכט פון דער קאנפערענץ מיט זייער באס.

ענדלעך איז קארל ארויף אויף דער פלאטפארם און איבערגעגעבן ווארט־אין־ווארט וואס פעלהענדלער האט געזאגט אים, בילן און סאפין, און וועגן דעם אנבאט וואס דער באס האט געמאכט צו שליכטן דעם סטרייק.

דער זאל האט געהילכט פון די הארציקע געלעכטערס פון די סטרייקערס.

קארל האט דערמאנט די סטרייקערס, אז פעלהענדלער האט פארלאנגט מ'זאל אים טעלעפאנירן צי די סטרייקערס נעמען אן זיין אנבאט.

שטענגל, דער „קארגער”, א הויכער, דינער בלאנדער מאן מיט א לאנג מאגער פנים און מיט טיף־ארייגעזעצטע גרויסע בלויע אויגן, האט געבעטן דאס ווארט.

— איר האט מיך געקרוינט, — האט שטענגל געזאגט, — מיטן צונאמען „קארגער”, ווייל איך בין, זאגט איר, קארג אויף א ווארט. נו, איך האב פיינט צו פלאפלען . . . אבער ווען עס טוט וויי, מוז מען רעדן, נייזן, מען מוז שרייען . . . שוין באלד צוואנציק יאר, אז איך ארבעט ביי מיסטער פעלהענדלער. ער און איר ווייסט, אז איך בין א גוטער ארבע־

טער און איך טו מיין ארבעט מיט אַ סך קאָמפּעטענץ. אָבער מיינע פאַר־דינסטן קלעקן מיר נישט צו שפּייזן מיינע פיר קינדער. מיין ווייב מוז אויך אַרבעטן, כדי מיר זאָלן קאָנען לעבן ווי מענטשן. איצט, ווען איך סטרייק, איז אונדז שווער, זייער, זייער שווער. מיר ווערן פאַרבאָדן אין חובות. אָבער, מיין גאָט, ווי לאַנג? — האָט שטענגלס שטים גע־דונערט. — איך פרעג, ווי לאַנג? ווי לאַנג וועלן מיר אַרבעטן פאַר הונגער־שכירות, כדי ער זאָל קאָנען אָנזאַמלען וואָס מער מיליאָנען? עס מוז דאָך אַמאָל נעמען אַ סוף! קאַרל, זאָג אים, אַז שטענגל דער „קאַרגער" שפּייט אויף זיין יושרדיקן אָנבאָט! מיט זיין גאָט־פאַרדאַמטן יושר קאָן איך נישט שפּייזן מיינע קינדער. איך שפּיי אויף זיין יושר. איך פאָדער אַ רעיז!

אַז אויסגעשעפּטער פון אויפרעגונג און פון זיין לאַנגער רעדע, האָט שטענגל זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין בענקל. עפּעס אַ מאָדנער געפיל האָט אים באַהערשט. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז עפּעס אויסערגע־וויינלעכס האָט ער אָפּגעטאָן און אַז עפּעס אַ שווערע משא, וואָס האָט אים געדריקט אַ לאַנגע צייט, איז פלוצים פאַרשוואונדן; אַז פון זיין אויסשרייען אָפּן זיין ווייטיק, וואָס האָט אים געמאַטערט אַ לאַנגע צייט, איז זיין ווייטיק פאַרשוואונדן.

אין זאַל איז געווען שטיל. שטענגלס רעדע האָט ביי פיל פון די סטרייקערס אַרויסגערופן אַ טיפן באַדויער אויף שטענגלען און אויף זיין שווערער לאַגע. אָבער פלוצים האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז זייער אייגענע לאַגע איז דאָך נישט פיל בעסער, ביי אייניקע אַפילו נאָך ערגער. אַ שטי־לער, שאַרפער צאָרן האָט אַ ברען געטאָן יעדן באַזונדער. שטענגלס פּראָ־טעסט־געשריי: „מיין גאָט, ווי לאַנג?" „ווי לאַנג וועט ער אונדז צאָלן הונגער־שכירות?" האָט געקלונגען און געשריגן אין זייערע אויערן און אַ ביטערער פּראָטעסט, געמישט מיט ווייטיק, האָט זיי אַרומגעכאַפּט. פרויען האָבן מיט זייערע טיכלעך געווישט די אויגן.

קאַרל איז געזעסן ווי פאַרגליווערט אין דעם פאָרזיצערס שטול, געקוקט אויף די פאַרזאַמלטע און נישט געוואַגט צו שטערן די שטילקייט אין זאַל.

ביל קנעכטס שטים האָט ווי אויפגעוועקט דעם עולם ביים מיטינג.

— קאַרל, — האָט ער אַ ברום געטאָן, — איך שלאָג פאָר צוריקצו־

ווייזן פעלהענדלערס אַנבאָט!

— אונטערשטיצט! אונטערשטיצט! — האָבן סטרייקערס אַנגע־פילט דעם זאַל מיט זייערע אויסרופן.

פּלוצים האָט איבערן זאַל זיך צעטראָגן אַ רעווע . . . מאַרק בולאַי, וועמען די אַרבעטער האָבן גערופן „בוהאַי", אַ נידעריקער, ברייט־פּליי־ציקער, שווער־לייביקער מיטליאָריקער מאַן, מיט אַ גרויסן קיילעכדיקן קאָפּ באַדעקט מיט געדיכטע בלאָנדע האָר, מיט אַ פעט־רויט פּנים, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעגרינט קליינע שטעכיקע אייגעלעך, האָט גע־רעוועט:

— אַ געהיימע אָפּשטימונג! איך פאָדער אַ געהיימע אָפּשטימונג!

קאַרל האָט געוואוסט, אַז דער „בוהאַי" איז אַ הייסער היטלער־פּאַ־טריאָט, און דאָס איז נישט קיין סוד פאַר די אַרבעטער. קאַרל האָט פאַר־שטאַנען, אַז דער „בוהאַי" פירט דורך „אינסטרוקציעס" און אַז דער „בוהאַי" מיט זיינע אַרויסהעלפער, היטלער־פּאַטריאָטן, וועלן אפשר אויך פּרובירן צו שטערן דעם מיטינג, לויט „אינסטרוקציעס". ער האָט, דעריבער, גיך און אַנטשלאָסן איינגעשטילט די סטרייקערס, וואָס האָבן הויך און בייז פּראָטעסטירט קעגן אַ געהיימער אָפּשטימונג.

— נו, גוט, מאַרק, — האָט קאַרל געזאָגט, — מיר וועלן דורכפירן אַ געהיימע אָפּשטימונג ווי דו פאָדערסט, און איך באַשטים דיך אַלס איינעם פון דער קאָמיטע צו ציילן די שטימען.

די סטרייקערס האָבן פאַרשטאַנען . . .

עס זענען אַנגעשניטן געוואָרן צעטעלעך, וואָס זענען צעטיילט גע־וואָרן צווישן די סטרייקערס, וואָס זענען דערנאָך צונויפגעזאַמלט גע־וואָרן און אָפּגעציילט געוואָרן.

פערציק סטרייקערס האָבן געשטימט אַנצונעמען פעלהענדלערס אַנ־באָט. דריי הונדערט און ניינצק האָבן געשטימט צוריקצואווייזן.

קאַרל איז געווען צופרידן, וואָס דער מיטינג איז דורכגעפירט געוואָרן אויף אַ פרידלעכן אופן. ער איז אָבער אויך געווען אומרואיק. ער האָט פאַרדעכטיקט, אַז די סטרייקערס וואָס זענען פאַרבונדן מיט די נאַציס אין „קליין־דייטשלאַנד", וועלן לאַנג נישט בלייבן שטיל . . . דער „בו־האַי", דער פאַרביסענער נאַצי, האָט שוין געעפנט דאָס מויל . . . דאָס איז אַן אָנזאָג, — האָט קאַרל געטראַכט, — און די פערציק שטימען פאַר

לודוויגס אַנבאַט זענען פּערציק נאַצים. מ׳האָט זיי אָפּגעציילט . . . קאַרל איז זיכער, אַז זיי האָבן דורכגעפירט „אינסטרוקציעס״ . . . קאַרל האָט פאַרשטאַנען, אַז פראַנץ וויינהאַרץ האָט שוין צוגעגרייט אַן אַטאַקע . . . אָבער ער האָט נישט געוואוסט ווען און ווי אַזוי די אַטאַקע וועט קומען.

די אַנגעאָוילטע נאַצי־מאַשין האָט געאַרבעט גיך, גרינטלעך און פּינקטלעך. שפּעט אין אָוונט איז דאָס גרויסע וואַרטצימער אין פעל־הענדלערס פאַבריק געווען אָנגעפּאַקט מיט געהויבענע געסט. אין צימער איז געווען ליכטיק, אָבער די פענצטער זענען געווען פאַרהאַנגען מיט דיקן שוואַרצן טוך, וואָס האָט נישט דורכגעלאָזט קיין שיין.

כמעט הונדערט פאַרשוינע האָבן אָנגעפּאַקט דעם שיינעם צימער. פערציק פון די געסט זענען געווען סטרייקערס, די וואָס האָבן געשטימט דורך די צעטעלעך אַנצונעמען פעלהענדלערס אָנבאָט. פינף און פערציק לאָיאַלע נאַצים, וואָס האָבן אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, געאַרבעט ביי פעל־הענדלערן, און די אַנדערע — פרעמדע . . .

פריץ שטאָובזינגער האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע.

— אַלע וואָס זענען דאָ פאַרזאַמלט, — האָט פריץ געזאָגט, — זענען פריינט, אייגענע פון קריסטלעכן גלויבן, זין פון אַ גרויס און מעכטיק פאָלק און לאָיאַל צו אונדזער באַליבט פאָטערלאַנד . . .

— איר ווייסט דעם צוועק פון אונדזער צוזאַמענקום. איר ווייסט, אַז דער ייד קאַרל מאַרקס האָט, אויפן באַפעל פון מאָסקווע, אָרגאַניזירט אַ יוניאָן און געהופן דעם סטרייק קעגן מיסטער פעלהענדלער, דעם גרויסן דייטשישן פאַטריאָט און פילאַנטראָפּ.

— מיר זענען נישט קיין קאָמוניסטישע מאָסקווער קנעכט. מיר זענען דייטשן, געבוירן דייטשן און וועלן שטאַרבן דייטשן.

— אויף מיין כבוד איז אויסגעפאַלן דורכצופירן היינט אָוונט עטלעכע זייער וויכטיקע אינסטרוקציעס:

— ערשטנס, אַז „די אינדעפּענדענט יוניאָן פון ריוועררוויל שיך־אַר־בעטער״ ווערט דאָ איצט אָפיציעל אָרגאַניזירט.

— צווייטנס, איך פאַרפליכטע זיך צו דינען געטריי אַלס פּרעזידענט פון אונדזער יוניאָן.

— דריטנס, איך באַשטים אַדאָלף פּיכטערמאַן אַלס סעקרעטאַר־טרע־זשורער.

— פערטנס, מיר נעמען אָן מיסטער פעלהענדלערס אָנבאָט און דער־קלערן דעם סטרייק אָפיציעל געשליכטעט.

— זענען פאַראַן פראַגעס? ניין? גוט.

— איז עמיצער קעגן די אויטאָריזירטע אינסטרוקציעס?

— ניין? גוט. איינשטימיק. אויסגעצייכנט!

— און איצט, מיינע פריינט, וועלן מיר פאַרענדיקן אונדזער מיטינג אין גייסט פון אונדזער ברודערשאַפט.

פריץ האָט אַ קוועטש געטאָן אַ קנעפּל אין דער וואַנט. צוויי ברייטע טירן האָבן שטיל זיך צערוקט.

פנימער האָבן זיך צעשיינט. אויגן האָבן זיך צעפינקלט. ליפּן האָבן זיך צעשמייכלט. הערצער האָבן זיך צעפרייט.

אין שכינותדיקן גרויסן, ליכטיקן צימער זענען געשטאַנען לאַנגע טישן פאַרשפּרייט מיט ווייסע טישטעכער. אויף די טישן — פלעשער בראָנפן, עמערס אָנגעפּאַקט מיט פלעשלעך ביר, אַרומגערינגלט מיט שטיקער אייז, הויפנס קנאָבל־וואורשט, לעבער־וואורשט, שיסלען אָנגע־פילט מיט פעטע, לאַנגע שטיקער קאָרנד־ביף, העם, צונג, ווייס אָנגע־שניטענע רייפטלעך געבראָטענע אינדיק און געראַיכערטע פיש און אַלער־ליי קעזן, בערג מיט אָנגעשניטענע רייפטלעך פּאָמפּערניק, ווייס ברויט און זעמל.

קיינער האָט נישט געפרעגט ווער עס האָט מנדב געווען די פלעשער בראָנפן און די פלעשער ביר, און די בערג מיט געשמאַקטע מאכלים. מ'האָט שוין פאַרשטאַנען . . .

קיינער האָט גאָרנישט געזאָגט. קיינער האָט גאָרנישט געטראַכט. אַלע זייערע געדאַנקען און אַלע זייערע חלומות זענען געווען קאָנצענ־טרירט אויף די פלעשער משקה און אויף די בערג מאכלים אויף די טישן. קינבאַקן זענען געלאָפן אין גאַלאָפּ־באַוועגונגען. גאָרגלען האָבן געגאָרגלט דעם קאַלטן־שוימענדיקן ביר. אויסגעליידיקטע ביר־פלעשלעך זענען גיך אָפּגערייניקט געוואָרן פון די טישן, און אָנגעפילטע פלעשלעך זענען גיך אַריינגעזעצט געוואָרן אין עמערס, אָנגעפילט מיט אייז און אייז־וואַסער. קיינער איז נישט מיד געוואָרן. קיינער איז נישט אָפּ־

געשטאַנען . . .

פּלוצים איז די סעודה אָפּגעשטעלט געוואָרן ווי דורך אַ כישוף. קעפּ האָבן זיך אויפגעהויבן און מיט פאַרגליווערטע בליקן געקוקט צום ווינקל, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן אַ היסטעריש, קוויטשענדיק כאַרכלענדיקע שטים. ווערטער זענען גרילצנדיק געפאַלן פון אַ פּאַנאָגראַף־רעקאָרד, ווי פאַלנדיקע גלעזער וואָס ווערן צעטראַסקעט אויף שטיינער:

— דאָס מעכטיקע, נאָבעלע דויטשלאַנד, — האָט די שטים געגרילצט און געקוויטשעט, — ווייסט ניכט פון צוריקטריט, און מאַרשירט אימער פאָרויס, פאָרויס צום זיגרייכן פאַרמעסט . . .

זיי האָבן דערקענט די שטים און זענען אויפגעשפּרונגען פון זייערע בענקלעך, אויסגעצויגן זייערע רעכטע אָרעמס צום כאַרכלענדיקן גרילצנדיקן פּאַנאָגראַף און אין איין קול אויסגעשריגן:

— האַיל היטלער!

און ווען דער פּאַנאָגראַף־רעקאָרד איז „אויסגעגאַנגען" מיט אַ גרילצנדיקן, כאַרכלענדיקן און קריצנדיקן וואָיען, האָבן זיי אויפגעהויבן זייערע מיט ביר־אָנגעפילטע גלעזער אין דער הייך און באַזויפטע, פאַרשיכורטע אַרויסגעהייזעריקט:

— צום פירער! צו דעם פאָטערלאַנד! צום מאָרגנדיקן פאַרמעסט! צו לודוויג פעלהענדלער! האַיל היטלער!

גענגסטער־אָנפאַלן

דער פרימאָרגן־נאָך דער ביינאַכטיקער סעודה אין פעלהענדלערס פאַ־בריק, איז אויפגעגאַנגען אין ריווערוויל מיט אַ העלער ליכטיקייט און וואַרעמקייט — אַן אָנזאָג אויף אַ פּראַכטפול־שיינעם טאָג. אין בלויען הימל האָבן דאָ און דאָרט זיך געררוקט שטיל און פּאַמעלעך שניי־ווייסע ווייכע שטיקער כמאַרעס, ווי גרויסע ווייסע פוכקע לאַטעס. די לויטערע זון האָט העל געשיינט און פאַרגעניגנדיק געוואַרעמט. אַ קיל ווינטל האָט שטיל געבלאָזן און געגלעט און געבראַכט היפּנס ריינע לופט, ווי אָנגעזאַפּט מיט פּאַרפיום־ריחות פון די גרויסע פּרוכט־סעדער, וואָס האָבן אַרומגעגאַרטלט דאָס שטעטל. פייגעלעך האָבן פריילעך אַרומגע־טאַנצט אויף די צווייגן פון די מעכטיקע דעמב־ביימער, בעריאָזעס און גראַציעזע סאָסנע־ביימער, וואָס האָבן באַצירט די גאַסן און אָנגעפּילט די לופט מיט צוויטשעריי.

מחנות טויבן, ווייסע און טונקל־ברוינע און טונקל־בלויע, מיט בלוי־פּיאָלעטעווע גלאַנציקע העלדזלעך, האָבן מיט געמאָסטענע גראַציעזע טריטעלעך שפּאַצירט אויף די מיט־געדיכטן, סאַמעטענעם גרינעם גראָז־באַדעקטע לאָנקעס אַרום די הייזער. בורטשענדיק און וואַרטשענדיק האָבן זיי געשטאָכן די ערד צווישן דעם גראָז מיט זייערע שפּיצעכיקע נאָדל־מיילער און אויפגעקליבן זייער שפּייז.

פעטע ראָבינס מיט רויטלעכע ברוסטן האָבן זיך אויסגעמישט מיט די טויבן און פליייסיק קאָנקורירט מיט זיי אַריינצוכאַפּן וואָס מער שפּייז. פּלוצים האָבן זיי אַלע, די טויבן און די ראָבינס, זיך אַ הייב געטאָן אין אַ ווילדן פלי־געיעג, האַסטיק און גבורהדיק געפּאַטשט די לופט מיט זייע־רע פליגלען, זיך באַזעצט אויף דעכער און אויף ביימער און מיט צעשראָ־קענע, נערוועזע בליקן אַראָפּגעקוקט אויף זייער פאַרלאָזטער ערדישער חיונה־פאַבריק . . .

ריווערוויל האָט שוין אויפגעוואַכט פון דעם ביינאַכטיקן שטילן, טיפן שלאָף. איינציקווייז און אין פאַרלעך זענען יונגע און מיטליאַריקע מע־נער און פרויען געגאַנגען צו זייערע געשעפטן, צו זייער טאָג־טעגלעכער אַרבעט אין די קראָמען, אָפיסעס און פאַבריקן. דאָ און דאָרט האָט אַ מאָטאָר פון אַן אויטאָמאָביל זיך צעפּילדערט מיט אַ רעוועדיקן געיאָ־

מער, איז גיך פֿאַרשטומט געוואָרן און איז איבערגעגאַנגען אין אַ שטילן, מעכאַנישן מאַנאָטאָנעם זשומען.

אַ גרויסער ברוינער הונט מיט אַ וואָלפֿישן פּיסק און וואָלפֿישע ציין האָט זיך מוראדיק צעבילט און מיט רציחהשער ווילדקייט זיך געיאָגט נאָך אַ ווייסער־מיט שוואַרצע גרויסע פֿלעקן קאַץ, וואָס איז מיט פֿאַר־צווייפֿלטער שנעלקייט אַנטלאָפֿן פֿון איר שונא און איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן ערגעץ צווישן די הייזער. פֿאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און מיט נייגעריקע בליקן נאָכגעפֿאָלגט דעם פֿאַרמעסט צווישן דעם מערדער און זיין קרבן . . .

דער הונט איז געלאָפֿן פֿון הויז־צו־הויז, געזוכט, געשמעקט און גע־נישטערט, יאָמערדיק געוואָיעט און אַרויסגעהאַווקעט זיין באַליידיקטן הינטישן שטאָלץ און צער, וואָס זיין קרבן איז געלונגען אַנטרינען צו ווערן און זיך ראַטעווען פֿון זיינע שאַרפֿע ציין.

פֿון אַ קליינעם לאַסטוואָגן איז מיט אַ קראַך אַרויסגעפֿאַלן אויף דער ערד איינע פֿון די הילצערנע שטייגן אָנגעפֿילט מיט הינער. די צעשראָ־קענע הינער האָבן זיך בייז און נערוועז צעקוואָקעט. עטלעכע קלוגע און געוואָגטע הינער האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון דער צעבראָכענער שטייג און זענען גליקלעכע אַרוים אויף דער גרויסער, ליכטיקער פֿרייער וועלט.

פֿאַרבייגייער האָבן גיך באַלאַגערט די שטייג, פֿאַרבלאָקירט דעם ברייטן שפּאַלט און האָבן פּרובירט צונויפֿשטיקעווען די צעבראָכענע הילצערנע אברים פֿון דער שטייג. דער טראָק־טרייבער האָט זיך געלאָזט אין געיעג נאָך די אַנטרינענע עופֿות. אין מיטן געלאַף האָט ער זיך אָבער אָפּגעשטעלט, יאושדיק אַ פֿאָך געטאָן מיט דער האַנט און זיך אומ־געקערט צו זיין טראָק מיט די שטייגן קוואָקענדיקע איינוואוינער. די עטלעכע מענטשן וואָס זענען געשטאַנען און געטריי געהיט די איבערגע־בליבענע געפֿאַנגענע הינער אין דער צעבראָכענער שטייג, אַז זיי זאָלן נישט אַנטלויפֿן, האָבן זיך רואיק געלאָזט אין וועג אַריין צו זייער באַ־שעפֿטיקונג.

דאָס רעוועט פֿון אַן אויטאָמאָביל מאָטאָר, דאָס ווילדע האַווקעריי פֿון צעיושעטן הונט, און דאָס קוואָקען פֿון די צעשראָקענע הינער, האָט נישט געקאָנט צעשטערן די מעכטיקע שטילקייט אין ריווערוויל. דאָס שטעטל פֿלעגט יעדן פֿרימאָרגן איינזאַפּן אין זיך קולות, גערודעריי און אַלערליי

עכּאָם פון קלינג־קלאַנג און האַמער־קלאַפּעריי און באַלד ווידער איינגע־הילט ווערן אין שטילער שטילקייט.

אויף מעין סטריט האָבן קראַמען זיך געעפנט. די באַלעבאַטים, אַדער די אָנגעשטעלטע, האָבן געראַמט די טראָטואַרן. יעדער האָט געראַמט זיין שטח, וואָס פירט צו זיין קראָם. דאָ און דאָרט זענען געשטאַנען גרויסע און קליינע לאַסטוועגענער און די טרייבערס האָבן אָן איילעניש אויסגעלאָדן קאַסטנס מיט פאַרשידענע סחורות.

בלויז די סטרייקערס האָבן זיך געאיילט צו פּיקעטן די פאַרמאַכטע פאַבריק. קיינער האָט נישט געוואָלט קומען שפּעט. אַלע האָבן זיך גע־פלייסט צו זיין פון די ערשטע, און ווי אין אַלע פרימאָרגנס, האָבן אין געציילטע מינוטן, צו די עטלעכע ערשטע, צוגעשטראָמט די הונדערטער סטרייקערס און דערשטוינטע געקוקט אויף די צוויי גרויסע שילדן, וואָס זענען געהאָנגען אויף דער וואַנט פון דער פאַבריק, אויף וועלכע עס איז געוועזן אויסגעפאַרבט מיט גרויסע רויטע בוכשטאַבן:

„סטרייק געסעטלט. בלויז יוניאָן־מיטגלידער אַרבעטן דאָ".

אינדעפּענדענט שיך־אַרבעטער יוניאָן פון ריווערוויל.

סטרייקערס שטוינען. סטרייקערס צאַרענען. סטרייקערס ליאַרע־מען:

— אַ פעלהענדלער נידערטרעכטיקער שווינדל! . . .

— אַ פאַרדאַמטער פעלהענדלער טריק!

— בו, בו, בו! — ברומען סטרייקערס.

און פּלוצים — אַ לאַנגע שמאַלע ריי פון פערציק פאַרלער ציט זיך אַלץ נעענטער צו דער פאַבריק. באַקאַנטע פּנימער . . . שיך־אַרבעטער! פערציק געוועזענע סטרייקערס . . . און די אַנדערע אויך באַקאַנטע, גע־וועזענע שיך־אַרבעטער, און אַלע טראָגן שילדן: סטרייק גע־סעטלט. אומבאַקאַנטע, פרעמדע, יונגע, געזונטע יונגען מאַרשירן אויף ביידע זייטן פון די מאַרשירנדיקע שיך־אַרבעטער מיט די שילדן.

בלויז געציילטע מינוטן זענען די סטרייקערס געשטאַנען דערשטוינטע, ווי פּאַראַליזירטע, און מיטאַמאָל האָבן הונדערטער שטימען אַרויסגע־שטורעמט:

— סקעבס! פאַררעטער! סטרייק־ברעכער! נאַצים!

און פון די אַנדערע, מיט די פּלאַקאַטן:

— קאָמוניסטן ! מאַסקווער־אַגענטן ! באָלשעוויקעס !
געשרייען. זידלערייען. טומל . . .

און מיטאַמאָל — די פרעמדע יונגע, געזונטע יונגען האָבן זיך אַריינ־געשניטן אין דער געדיכטער מאַסע סטרייקערס און מיט ווילדער רציחה געקלאַפּט מיט זייערע בלעקדזשעקס און אייזערנע הענטשקעס איבער די קעפּ, פּנימער און קערפּערס פון די אומבאַוואָפנטע סטרייקערס ; אַ בלוטיקער געשלעג האָט זיך פאַרקנוילט, זיך צעריסן און ווידער פאַר־קנוילט.

היסטערישע געשרייען פון די צעשלאָגענע און פאַרבלוטיקטע פרויען האָבן אָנגעפילט די לופט, אָבער די באַוואָפנטע, געדונגענע, אימפּאָר־טירטע נאַצי־גענגסטערס האָבן נישט אָפּגעשטעלט זייער בלוטיקן אָנ־פאַל אויף די סטרייקערס און געהאַמערט מיט זייערע בלעקדזשעקס איבער קעפּ און פּנימער פון מענער און פרויען, אַלטע און יונגע סטריי־קערס, אָן אונטערשיד.

די סטרייקערס האָבן זיך פאַרטיידיקט בראַוו. קיינער איז נישט אָפּ־געטראָטן און נישט אַנטלאָפן פון דעם בלוטיקן שלאַכטפעלד. זיי זענען אָבער געווען מאַכטלאָז קעגן די גענגסטערס מיט זייערע מערדערלעכע וואָפן.

ווען די צוויי שטאָטישע אַמבולאַנסן זענען מיט אַ יאָמערדיק קווי־טשעריי אָנגעלאָפן און זיך כמעט איינגעשניטן אינעם בלוטיקן קנויל, האָבן די גענגסטערס זיך צוריקגעצויגן און זענען פאַרשוואונדן אין פעל־הענדלערס פאַבריק. די אַמבולאַנסן האָבן אָפּגעפירט די ערנסט־צעשלאָ־גענע אין שפּיטאָל.

די נייעס וועגן דעם בלוטיקן גענגסטער־אָנפאַל אויף די סטרייקערס האָט זיך צעטראָגן איבער ריווערוויל ווי אַ הייסער ווינט. ריווערוויל האָט געשוידערט. ריווערוויל האָט געקאָכט. ריווערוויל האָט געצאָרנט. ריווערווילער איינוואוינער זענען געווען צעטומלט און נישט פאַרשטאַ־נען :

— דער סטרייק איז דאָך שוין געסעטלט, איז צוליב וואָס דאָס גע־שלעג ?

— ניין, נאָך נישט געסעטלט זאָגט מען דיר ; די אַנדערע יוניאָן האָט געסעטלט.

— און פאַרוואָס האָט די אַנדערע יוניאָן וואָס האָט נישט געסעטלט, נישט געסעטלט?

— און נאָך וואָס דאַרפן זיין צוויי יוניאָנס? און וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט גענגסטערס?

— און ווער האָט זיי געבראַכט קיין ריוואָרוויל?

— פעלהענדלער, דער מערדער, האָט זיי געבראַכט.

— ניין, די קאָמוניסטן און די נאַציס האָבן זיך צעשלאָגן.

— דערציייל דאָס דיין באָבען. ביזט פעלהענדלערס אַדוואָקאַט? ער, פעלהענדלער, האָט געדונגען די גענגסטערס און זיי גוט באַצאָלט צו מערדערן די סטרייקערס. פעלהענדלער האָט פאַרדינט, אַז מ'זאָל אים אויפהענגען אין מיטן גאַס.

— דו רעדסט ווי אַ קאָמוניסט!

— ניין, איך בין נישט קיין קאָמוניסט. איך בין אַ פּראָטעסטאַנט.

צוויי טעג נאָך דעם בלוטיקן געשלעג זענען די סטרייקערס נישט גע־קומען פּיקעטן. יעדן טאָג זענען יונגע סטרייקערס געקומען אין שפּי־טאָל אָנבאָטן זייער בלוט פאַר זייערע ברידער סטרייקערס וואָס האָבן פאַרלאָרן צופיל בלוט אין געשלעג.

פרויען וואָס זענען אַרויס אומבאַשעדיקט, האָבן געקאָכט און געראַמט די צימערן פון זייערע צעשלאָגענע שוועסטער סטרייקערס, וואָס האָבן געמוזט ליגן אין בעט.

סטרייקערס האָבן געזאַמלט צווישן זיך קליינע געלט־בייִשטייערונגען צו באַצאָלן די דאָקטוירים און פאַר די מעדיקאַמענטן פאַר די ערנסט־צעשלאָגענע סטרייקערס.

די סטרייק־ברעכערס זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט און אַהיים פון דער אַרבעט אומגעשטערט, באַשיצט פון זייערע לאָיאַלע באַגלייטער — די מעכטיקע גענגסטערס, וואָס האָבן באַוויזן מיט איין קלאַפּ צו צע־שמעטערן די יוניאָן און פאַריאָגן די סטרייקערס פון דער פאַבריק.

פעלהענדלער איז געווען זיכער, אַז די „סטרייק־קאָמעדיע” איז פאַר־ענדיקט. ער איז געווען זיכער, אַז טאַקע נישט אַלע, אָבער פיל עלטערע, שכלדיקע אַרבעטער, האָבן זיך „אויסגעניכטערט” און וועלן זיך אומקערן צו דער אַרבעט. ער האָט באַשלאָסן אַרויסצושיקן בריוו צו זיי, אַז וואָס ס'איז געווען איז געווען, און אַז זיי קאָנען איצט קומען צו דער אַר־

בעט . . . ער איז מוחל זייערע זינד . . .

אויף דעם דריטן טאָג נאָכן געשלעג האָט קאַרל מאַרקוס פאַררופן א פאַרזאַמלונג פון די סטרייקערס. קאַרל און סאָפי זענען אַרויס פונעם געשלעג אומבאַשעדיקט. ביל קנעכט האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ געשוואָלן פּנים און אונטערגעהאַקטע אויגן.

אַ געדריקטע שטימונג האָט געהערשט אין זאַל. כמעט פון יעדער רייע האָבן אַרויסגעוויסט באַנדאַזשירטע קעפּ. בלויז ביי די יונגע און קרעפטיקע איז שוין פאַרשוואונדן דאָס געשווילעכץ פון זייערע פּנימער.

קאַרל האָט געעפנט דעם מיטינג.

סאָפי, די סעקרעטאַר־טרעזשורער, האָט איבערגעגעבן, אַז צוויי פאַרוואונדעטע סטרייקערס ליגן נאָך אין שפּיטאָל. לואיס, וועלכער איז געווען אין געפאַר צו פאַרלירן אַן אויג, איז אַרויס פון געפאַר און ער בעסערט זיך, און אַז טשאַרלי בוכבינדערס צעבראָכענע ריפּן היילן זיך גוט און ער וועט אינגיכן אַרויס פון שפּיטאָל.

— סאָפי, טשאַרלי איז דאָ ביים מיטינג, — האָט אַ סטרייקער אויסגערופן.

— טשאַרלי איז דאָ? — האָט סאָפי מיט דערשטוינונג געפרעגט.

טשאַרלי, אַ יונגער בחור פון אַ יאָר צוואַנציק, האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און זיך פאַרענטפערט:

— כ'האָב זיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, ווייל כ'האָב געוואָלט זיין ביים מיטינג.

— און וואָס איז וועגן דיינע צעבראָכענע ריפּן ? — האָט סאָפי מיט ערנסטן זאָרג אים געפרעגט.

— מיינע ריפּן ? כ'האָב זיי מיטגענומען מיט זיך צום מיטינג, — האָט טשאַרלי געענטפערט מיט אַ געמאַכטן ערנסטן טאָן.

אין זאַל האָט אויסגעבראָכן אַ גוטמוטיקער געלעכטער.

— און איצט, — האָט סאָפי געזאָגט, — האָב איך נאָך איין קורצן באַריכט. היינט ביי טאָג האָב איך אין מיין בריוו־קעסטל געפונען אַ בריוו אַדרעסירט צו מיר. דער בריוו איז נישט געשיקט געוואָרן דורך פּאָסט. עמעץ האָט אים אַריינגעלייגט אין מיין בריוו־קעסטל. און אָט וואָס ס'איז געשריבן אין דעם בריוו: „דאָס איז אַ ביישטייער פאַר די פאַר־

וואונדעטע סטרייקערס", מיט אַ אונטערשריפט: "אַ אויפריכטיקער פריינט".

— און אַט איז דער ביישטייער. סאַפּי האָט אויפגעהויבן איר האַנט אין דער הויך, געוויזן די פאַרזאַמלטע הונדערט דאָלער בילס, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איר האַנט און באַטאַנט, — פינף הונדערט דאָלער!

די סטרייקערס האָבן הילכיק אַפּלאָדירט.

ווען עס איז שטיל געוואָרן האָט זיך איז זאַל צעטראָגן אַ שושקעריי, ווי אַ שטיל ווינטל, — פינף הונדערט דאָלער! ! אין ריוועריוויל? ווער קאָן דאָס זיין?

— אַ מלאך מסתם! . . .

אויף דער פּלאַטפאָרם איז געשטאַנען ביל קנעכט און האָט אויסגע־דריקט זיין מיינונג וועגן דעם צושטאַנד פון סטרייק. בילס שטים האָט געקלונגען מונטער און שטאַרק.

— איך האַלט, אַז בלויז אין אַ פאַרצווייפלטן, משוגענעם מוח קאָנען איינפאַלן אַזעלכע געדאַנקען צו אָרגאַניזירן אַזאַ פאַרזעעניש, די סטרייק־ברעכערישע יוניאָן און דינגען גענגסטערס צו בוטשערן סטרייקערס. און איצט, אַז פעלהענדלער האָט שוין געשטילט זיין חיהשע נקמה־דורשטיקייט מיט אונדזער בלוט, און אַז ער פאַרמאָגט שוין אַן אייגענע יוניאָן, וועט ער שוין קאָנען פאַבריצירן שיך?

— איך קאָן זיי כמעט אַלעמען, די סקעבס. מיט דער אויסנאַם פון עטלעכע זענען זיי האַלבע און פערטל באַלמעלאָכעס, פאַרטאַטשעס. די שיך וואָס זיי וועלן מאַכן וועט ער נישט קאָנען פאַרקויפן. ער וועט זיי מוזן אָוועקשענקען.

— בלויז איין זאַך האָט ער אויפגעטאָן: דעם שאַנד־פלעק פון זיין משוגענעם איינפאַל צו נוצן גענגסטערס קעגן אונדז וועט ער נישט קאָ־נען אָפּוואַשן פון זיך אַפילו אין קבר.

— מאָרגן, מאָרגן, מיינע פריינט, מאָרגן גאַנץ פרי מוזן מיר אַלע זיין אויף דער פיקעט־ליין!

— מער וועלן שוין די גענגסטערס נישט האָבן קיין פרייע הענט! איר מעגט זיין זיכער, אַז מיר וועלן פאַרטיידיקן יעדן סטרייקער! סטריי־קערס' בלוט וועלן זיי שוין מער נישט פאַרגיסן! מאָרגן צוריק אויף דער פיקעט־ליין!

דערנאָך האָט גערעדט דער פּאָרזיצער, קאַרל מאַרקוס.

— מיינע פריינט סטרייקערס, — האָט ער אָנגעהויבן, — איך וויל אַז — — און ער איז פּלוצים אַנטשוויגן געוואָרן . . . אַ שוויים האָט אַרויסגעשלאָגן אויף זיין פּנים. סטרייקערס אין דער פּאָדערשטער ריי האָבן באַמערקט, אַז קאַרלס הענט ציטערן און זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס ס'האָט מיט אים פּאַסירט.

אין זאַל איז שטיל. פּראַסטיק שטיל. עס דוכט זיך אַלעמען, אַז דער שוויים אויף קאַרלס פּנים איז געמישט מיט טרערן . . . די שטילקייט אין זאַל דריקט . . . די אָנגעשטרענגטע פאַרזאַמלטע וואַרטן . . . קאַרל שווייגט נאָך אַלץ . . .

ענדלעך רעדט ער שטיל אַרויס. זיין שטים ציטערט :

— יעדעס וואָרט . . . יעדעס וואָרט וואָס איך וועל אייך זאָגן וועל איך אָנשרייבן אויף פּאַפּיר און דאָס אַוועקשיקן צו אים, צו מיין געוועזע־נעם פריינט . . . לודוויג פעלהענדלער, צו דעם געוויסנלאָזן פאַרשוין, דעם פילאַנטראָפּ פון ריווערוויל. ניין, ניין, צו דעם פאַרברעכער ! — איצטער קלינגט שוין קאַרלס שטים קרעפטיקער. אין זאַל ווערט וואַ־רעמער, לעבעדיקער .

— גענגסטערס, באַוואָפנטע גענגסטערס האָט ער אימפּאָרטירט צו באַפאַלן און שלאָגן און צעקריפּלען אומשולדיקע, אומבאַוואָפנטע, פריד־לעכע אַרבעטער ! וואָס פאַר אַ פאַרברעכן זענט איר, לודוויגס אַרבעטער, באַגאַנגען ? איר האָט געוואָגט זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ יוניאָן . . . איר האָט געוואָגט צו פאָדערן אַ העכערונג אויף אייערע הונגער־שכירות און צו דערקלערן אַ סטרייק.

— אַט דאָס רעכט פון אַרבעטער אין יעדן דעמאָקראַטיש לאַנד באַ־טראַכט ער, לודוויג פעלהענדלער, פאַר אַ פאַרברעכן און ער דינגט אַ גענג פון פּראָפעסיאָנעלע מערדער אייך צו באַשטראָפן אויף אַ מערדער־לעכן אופן ; מיט אייער בלוט מוזט איר באַצאָלן פאַר אייער חוצפּה צו באַנוצן אייער רעכט, וואָס ער, לודוויג, פאַררעכנט אַלס אַ שוידערלעכן פאַרברעכן קעגן אים.

— און ער באַצאָלט זיין מערדער־גענג מיט אַ טייל פון די בערג מיט געלט, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט פון אייער האָרעוואַניע. ער האָט מער הנאה צו צאָלן די גענגסטערס טויזנטער דאָלאַרן, ווי צו באַוויליקן זיינע

אַרבעטער עטלעכע פּענים פֿאַר זייער אַרבעט, אַ קליינע העכערונג אויף אייערע שכירות. וואָס איר דאַרפֿט אַזוי נייטיק האָבן צו שפּייזן אייערע פֿרויען און קינדער.

אין זאַל האָט געהערשט אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט. קאַרלס שטים, אָנגעזאָפּט מיט ווייטיק און ביטערקייט, האָט אַלץ העכער און קרעפֿטי־קער זיך אַריינגעשניטן אין דער שטילקייט.

— איך האָב געזען צעבלוטיקטע סטרייקערס. איך האָב געהערט די וויי־געשרייען פֿון די פֿאַרבלוטיקטע פֿרויען. איך האָב געזען צעבלוטיק־טע סטרייקערס ליגן אויף דער ערד, און עס האָט ווידער אויפֿגעלעבט פֿאַר מיינע אויגן דאָס שווידערלעכע בילד אויפֿן שלאַכטפֿעלד אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס בילד פֿון אַ פֿאַרבלוטיקט פֿעלד באַדעקט מיט הרוגים, סאָלדאַטן מיט אויפֿגעריסענע בייכער, קערפּערס אָן קעפּ, קערפּערס אָן הענט און אָן פֿיס, — און איך טרעט מיט מיינע שטיוול אין מענטשלעכער בלוט. איך לויף איבער מענטשלעכע טויטע קערפּערס און איך טרעט איבער בערג מענטשלעכע אָפּגעריסענע איברים.

— איך בין אַנטלאָפֿן פֿון אייראָפּע קיין אַמעריקע, — האָט קאַרל ווײַ־טער געערדט מיט אַ קול אָנגעזאָפּט מיט צער, — כּדי מיינע זין זאָלן נישט זען אַזעלכע שווידערלעכע בילדער. אין אַמעריקע, האָב איך גע־טראַכט, ווערן גענעראַלן און אָפֿיצערן נישט פֿאַרגעטערט און מלחמה ווערט נישט פּלאַנירט און געפֿירט צוליב רויב, גניבֿה, מאַכט און רום פֿאַר די גאָט־געזאַלבטע הערשער . . .

— און פּלוצים, אין אַמעריקע, דאָס שווידערלעכע אַלטע בילד, — גענגסטערס האָלצן מערדערלעכע קלעפּ מיט זייערע קאַלטע־טויטלעכע וואָפֿן איבער פֿאַרבלוטיקטע, אומשולדיקע, אומבאַוואָפֿנטע, פֿרידלעכע אַרבעטער! ווער? ווער? לודוויג פֿעלהענדלער! וועלכער גאָט האָט דיך געזאַלבט און דיר געגעבן דאָס טייוולשע רעכט און די אומבאַגרע־נעצטע מאַכט צו פֿאַרגיסן מענטשלעך בלוט, צוליב דיין געזעצלעכן רויב און גזילה פֿון דער טאָג־טעגלעכער האָרעוואַניע פֿון הונדערטער אַרבע־טער?

— מיט מיין גאַנצן כּוח שריי איך אויס: לודוויג פֿעלהענדלער, זאָל דאָס פֿאַרגאָסענע אַרבעטער־בלוט דיך פֿאַרפֿאָלגן, ווי עס פֿאַרפֿאָלגן מיך יענע שווידערלעכע מלחמה־בילדער!

— לודוויג פעלהענדלער, קאנסט פארגיסן אונדזער בלוט, דו קאנסט צעקריפלען אונדזערע קערפערס, אבער אונדזער גייסט וועסטו קיינמאל ניש צעברעכן! וועסט אונדז קיינמאל נישט באזיגן!

א מידער, אן אויסגעשעפטער איז קארל אריינגעפאלן אין זיין שטול און געווישט זיין פארשוויצט פנים מיט זיין טיכל.

אין זאל איז געווען שטיל. פרויען און מענער האבן געווישט זייערע טרערן. און פלוצים האט זיך צעקראכט א דונער פון הילכיקע אפלאדיסמענטן:

— בראווא, בראווא, קארל!

סטרייקערס האבן אים ארומגערינגלט, געדריקט זיינע הענט, פרויען האבן אים געקושט.

— ביזט אן אמתער מענטש, קארל!

— פארמאגסט א גרויס מענטשלעך הארץ! — האבן סטרייקערס גע־זאגט קארלען.

דער זאל איז מיטאמאל פארפולט געווארן מיט געזאנג. א סטריי־קער האט פארצויגן א מעלאדיע אויף א מויל־הארמאניקע. שטארקע באריטאנען, קרעפטיקע טענאר־ און סאפראנע־שטימען האבן זיך צו־נויפגעגאסן אין א הארמאנישן געזאנג, וואס רופט, מונטערט, דערמו־טיקט און דערהייבט... הונדערטער הארציקע שטימען, הונדערטער באגייסטערטע זינגער... דאס ליד פאר פרייהייט האט געשאלט און אנ־געפילט דעם זאל.

דער מיטינג, דער עיקר, קארלס רעדע, האט געלאזט א טיפן איינדרוק אויף די סטרייקערס. אויף זייער וועג אהיים פון דעם מיטינג האבן זיי גערעדט צווישן זיך און נישט געקאנט געפינען גענוג ווערטער אויסצו־דריקן זייערע שטארקע געפילן וואס האבן זיך צעבוואליעט אין זיי, זיי אויפגעציטערט און זיי אויפגעשטורעמט.

אין זייערע היימען האבן זיי דערציילט זייערע פרויען וואס עס איז פארגעקומען ביים מיטינג און האבן לאנג גערעדט וועגן קארלס רעדע און וועגן קארלען. דעם מיטינג האבן די סטרייקערס באטראכט פאר דעם העכסטן פונקט אין דער געשיכטע פון זייער סטרייק.

אבער די פאסירונג אויף מארגן נאך דעם היסטארישן מיטינג האט

פאַרצייכנט איינע פון די וויכטיקסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון דעם סטרייק.

גאַנץ פרי זענען די סטרייקערס שוין געווען ביי דער פאַבריק. זיי האָבן באַלאַגערט דעם ברייטן, פאַרשלאָסענעם אייזערנעם טויער, וואָס האָט געפירט צו דער פאַבריק.

פון דערווייטנס האָבן זיי דערזען די לאַנגע שמאָלע ריי, ווי אַן אויסגעצויגענע, קריכנדיקע שלאַנג, סטרייק־ברעכער און דאָס בינטל גענגסטערס. די ערשטע אין שפּיץ פון דער ריי האָבן אויסגעזען ווי דער גרויסער קאָפּ פון דער גיפטיקער שלאַנג.

נערוועזיטעט, מורא, אָבער אַנטשלאָסנקייט נישט אָפּצוטרעטן, האָט אַרומגעכאַפּט די סטרייקערס. אין דער פּלוצימדיקער שטילקייט האָבן סטרייקערס געהערט דאָס האַסטיקע קלאַפּן פון זייערע הערצער.

פון דרויסן איז דער טויער געבליבן באַלאַגערט מיט סטרייקערס וואָס האָבן זיך נישט גערירט פון זייערע ערטער. אינעווייניק האַרט ביים טויער איז געשטאַנען דער אַלטער וועכטער און געוואַרט אויף דעם סיגנאַל אויפצושליסן דעם טויער, אָבער דער סיגנאַל איז נישט געקומען.

בלויז איין מינוט איז די שלאַנג מיט איר שלאַנגען־קאָפּ געבליבן שטיין אַ דערשטוינטע . . . דריי טעג איז דאָ געווען שטיל. די סטרייקערס האָבן זיך נישט באַוויזן, און איצט זענען זיי ווידער דאָ . . . דער שלאַנגען־קאָפּ האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום טויער צו געבן דעם וועכטער דעם סיגנאַל צו עפענען דעם טויער, אָבער דער טויער און דער צוגאַנג צום טויער זענען געווען באַלאַגערט מיט סטרייקערס. אין איין אויגנבליק האָבן די גענגסטערס מיט זייערע בלעקדזשעקס אין די הענט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די באַלאַגערערס. זיי האָבן, ווי עס ווייזט אויס, נישט געוואוסט וואָס עס דערוואַרט זיי. זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז די יונגע, געזונטע מוטיקע יוניאָן־לאָיאַלע, פאַרביטערטע אַנטי־נאַצים, האָבן פאַר זיי צוגעגרייט אַן אָרגאַניזירטע אויפנאַמע . . .

נאָך איידער די גענגסטערס האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו לאָזן זייערע בלעקדזשעקס אין גאַנג, האָבן שטאָלענע פויסטן אַ האַגל געטאָן איבער זייערע קעפּ, פּנימער און קערפּערס. איבער הונדערטער שטאָלענע פויסטן האָבן געהאַמערט אַן אָפּשטעל איבער די קערפּערס פון די געדונגענע גענגסטערס, ביז זיי זענען צעקיילטע, צעביילטע און פאַרבלו־

טיקטע געבליבן ליגן אויף דער ערד מאַכטלאָז און באַוואוסטלאָז.

די אַמבולאַנסן זענען ווידער אַנגעלאָפן מיט זייער יאָמערדיק קוויטשע־ריי, אָבער דאָס מאָל האָבן זיי נישט געבראַכט קיין סטרייקערס אין שפּי־טאָל.

דער זיג פון דער "רענק און פאַיל פאַרטיידיקונג־קאָמיטע" איבער די גענגסטערס מיט די בלעקדזשעקס האָט באַפרייט די סטרייקערס פון דער מורא, האָט אַריינגעגאָסן אַ שטראָם מוט אין זייערע הערצער, אָפּגע־פרישט און געקרעפטיקט דעם גלויבן אין זייערע כוחות און באַנייט זייערע האָפענונגען.

די סטרייק־ברעכער זענען זיך צעלאָפן ווי צעשראָקענע האָזן און עט־לעכע טעג נאָכאַנאַנד האָבן זיי מורא געהאַט צו קומען צו דער פאַבריק אין זייערע באַשיצער, וואָס זענען אַרויס פון שפּיטאָל, נאָר האָבן נאָך מורא געקראָגן, ווי די סטרייק־ברעכער.

— נאָך איין מעכטיקן קלאַפּ, לודוויג, — האָט פראַנץ וויינהאַרץ איינ־געטענהט מיט זיין שווער, וואָס האָט זיך באַקלאָגט אויף אומרואיקע נעכט צוליב הילפלאָזיקייט קעגן די פאַררעטערישע אַרבעטער, וואָס ווערן נישט מיד פון זייער פאַרדאַמטן סטרייק.

— פראַנץ, אפשר זאָל איך גאָר פאַרמאַכן די פאַבריק און אָוועקפאָרן אויף אַ רייזע קיין אייראָפּע, קיין דייטשלאַנד, אפשר וועל איך אַביסל פאַרגעסן . . .

פראַנץ האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער זאָגט אַ ליגן. פראַנץ ווייסט, אַז לודוויג וועט נישט פאַרלאָזן די פאַבריק איצט אפילו ווען מען טרייבט אים מיט שטעקנס.

— ניין, לודוויג, פאַר נישט, לויף נישט אין ערגעץ. קאָנסט נישט אַנטלויפן פון דער סיטואַציע, וואָס איז אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף דיר פון דיינע שונאים. מיר האָבן אָנגענומען דעם פאַרמעסט און ביז צו דעם זיגרייכן סוף, לודוויג, ביז צום זיג . . .

— פראַנץ, — האָט לודוויג צו אים אַפּעלירט ווי צו זיין איינציקן רע־טער, — איך ווייס, אַז קאַרלען און בילן קאָן מען נישט אונטערקויפן, אָבער די אַנדערע . . . קאַרלס און בילס לויטענאַנטן . . . איך ווייס ווער זיי זענען. געלט, פראַנץ, געלט, אַ סך געלט, פאַרמאָגט אַ ריזיקן כוח.

— לודוויג, — האט פראנץ זיך אפגעטרייסלט פון דעם פלאן, — דאס זענען ארויסגעווארפענע רייד. איך האב דיר שוין טויזנט מאל דערקלערט, אז דער סטרייק איז דער קלאסנקאמף. געווים קאן מען קויפן יוניאן־פירער. דאס איז נישט קיין נייע דערפינדונג . . . אבער דער סטרייק קעגן אונדז ווערט געפירט פון א משוגענעם, פאנאטישן קאמו־ניסט, און די קלענערע העכט זענען גארנישט ווערט. לודוויג, איך זאג דיר נאכאמאל. די פראגע ביי אונדז איז קלאר: מיר אדער זיי, און דער איינציקער ענטפער מוז און וועט זיכער זיין: מיר! מיר! לודוויג פעלהענדלער, דו מוזט ארויס דער פולשטענדיקער זיגער און איך בין איבערצייגט, אז נאך איין מעכטיקער קלאפ וועט זיי פריטשמעליען . . . אלץ, לודוויג, איז פארטיק און זייער גוט ארגאניזירט . . . זארג זיך נישט און שלאף רואיק.. וועסט שוין זען . . .

לודוויג פלעגט אין זיינע אפטע אנפאלן פון פארצווייפלטע מאמענטן פילן, אז זיין זיכערקייט און האפענונג צו באזיגן די יוניאן און דעם סטרייק הייבן זיך אן אויסוועפן . . . אט דער מוראדיקער געדאנק פלעגט אים א שניט־טאן ווי מיט א שארפן מעסער. עס קאן דאך, חלילה, פאס־סירן, פלעגט ער טראכטן, אז ער וועט זיך אפשר מוזן אונטערגעבן צו דער פארדאמטער יוניאן. אט דער מוראדיקער געדאנק פלעגט אים אנ־פילן מיט גאליקן צארן און אים אריינווארפן אין א קראנקער, נאגנדי־קער מרה־שחורה, פון וועלכער ער האט זיך געקאנט באפרייען בלויז מיט דער הילף פון זיין קלוגן איידעם, און ער פלעגט מיט נערוועזן אומגעדולד ווארטן אויף א באגעגעניש מיט פראנצן.

אויף דער גרויסער, ברייטער און ליכטיקער וועלט, פלעגט לודוויג זייער אפט טראכטן מיט טיפן פארגעניגן, איז ער, לודוויג, דער איינצי־קער וואס פארמאגט אזא גאט־געבענטשטן איידעם, וואס איז אים גע־טריי און איבערגעבן און דינט אים מיט לייב און לעבן אין יעדער שווע־רער לאגע.

פראנץ, פראנץ איז זיין איינציקער אמתער פריינט, זיין איינציקער אנשפאר; ער איז א גרויסער מענטש, מיט גרויסן שכל, געבענטשט מיט געניאלע פעאיקייטן און איז דער ערלעכסטער מענטש אין דער וועלט, דער איינציקער וועמען ער קאן טרויען.

זיין זון, זיין בן־יחיד, פלעגט לודוויג טראכטן מיט א געפיל פון פאר־

אכטונג, איז פֿאַרקאַכט אין קאַרטן, אין קרעפּ־געימס, אין פֿערד־רעיסעס. ער שיכורט מיט זיינע אויסגעלאַסענע חברים, איז זעלטן ניכטער און הוליעט מיט זיינע אויסגעפּוצטע, פֿאַרפּיומירטע און געפֿאַרבטע ליאַל־קעס.

און זיין טאַכטער, זיין עליזאַבעט, פּלעגט לודוויג טראַכטן, צו וועמען זיין האַרץ איז אָנגעפּילט מיט צאַרטער, פֿאָטערלעכער ליבע און מיט רחמנות, שטענדיק איז זי עפּעס פֿאַרפֿינצטערט, פֿאַרמרה־שחורהט און פֿאַרצרהט און ווען ער דערזעט זי האַלט ער זיך איין מיט אַלע כוחות צו צוימען זיין ברענענדיקן פֿאַרלאַנג אַריינצונעמען זי אין זיינע אָרעמס, זי צודריקן צו זיין האַרץ . . . געוויס ווייסט ער, אַז זיין טאַכטער האָט אים אויך ליב, ער איז זיכער אין דעם, אָבער לעצטנס איז זי קאַלט און אָפּגעפֿרעמדט פֿון אים. אָפֿט לעכצט ער נאָך אַ שמייכל פֿון איר. ער וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט פֿאַרפֿירן מיט איר אַן ערנסטן געשפּרעך וועגן איר האָפֿענונגלאָזן ברודער, וועגן דעם סטרייק און וועגן איר לעבן מיט פֿראַנצן, אָבער זי לאָזט זיך נישט אַריינציען אין געשפּרעכן מיט אים. אויף אַ קלוגן און טאַקטישן אופֿן שניידט זי אָפּ אַלע זיינע פֿאַר־זוכן זי צו פֿאַרוויקלען אין אַן ערנסטן שמועס מיט אים און ער בלייבט אַן אַנטוישטער, אַן אומצופֿרידענער, כמעט אַ באַליידיקטער, ווי אַן אויסגעפּאַטשטער.

אָבער מיט זיין איידעם, מיט פֿראַנצן, קאָן ער רעדן וועגן ער וויל וועגן אַלערליי זאַכן. באַלד פֿון די ערשטע עטלעכע ווערטער דערפֿילט ער פֿראַנצעס וואַרעמע געפֿילן צו אים. דער גרויסער מענטש פֿראַנץ, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט וויכטיקע גרויסע פּערזענלעכקייטן אין וואַשינגטאָן און אין בערלין, איז לודוויגס איינציקער טייערער פֿריינט, זיין עצה־געבער. פֿראַנצעס מיינונגען און עצות רופֿן שטענדיק אַרויס זיין, לוד־וויגס, באַוואונדערונג. ער דערפֿילט אינסטינקטיוו אַז פֿראַנץ פֿירט אים אויף דעם ריכטיקן וועג, און ער פֿאַלט אַריין אין התפּעלות פֿון פֿראַנצעס ברייטן פֿאַרנעם, פֿון זיין אַלץ־אַרומכאַפּנדיקן שאַרפֿן מוח, וואָס בליצט מיט וויסן, קענטעניש און קרישטאַל־קלאָרן דענקען.

אויך אין זיין איצטיקן געשפּרעך מיט פֿראַנצן האָט לודוויג, אַז צווייפֿל, אָנגענומען די קלאָרע אָפּשאַצונג וואָס פֿראַנץ האָט צעוויקלט וועגן דער סטרייק־סיטואַציע, און אַז וואַקלעניש איינגעשטימט מיט

פראַנצעס רעקאָמענדאַציעס צו דערלאַנגען די פאַררעטערישע סטריי־קערס דעם „נאָר איין מעכטיקן קלאַפּ", נאָר — — —

— נאָר איין זאַך, פראַנץ, וויל איך דיך בעטן, — האָט לודוויג אָפּגע־לירט צו זיין אײדעם, דער אַרכיטעקט פון „נאָר איין מעכטיקן קלאַפּ".

— עס קאָן דאָך ווידער אויסברעכן אַ געשלעג, כאָטש ער, לודוויג, האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אַ בלוטיקער אָנפאַל אויף די סטרייקערס איז דער צענטראַלער פּונקט פון פראַנצעס פּלאַן צו דערלאַנגען נאָר איין מעכ־טיקן קלאַפּ די סטרייקערס, — אַז עס וועט קומען צו אַ געשלעג, פראַנץ, זאָל עס זיין אָן געצייג . . . פאַרשטייסט ?

— אַ, לודוויג, ביזט ווייכהאַרציק ! ווייכהאַרציקע ווערן גיך פאַרעל־טערט און שטאַרבן יונג !

— ניין, פראַנץ, נישט דאָס. נאָר ריוועררוויל . . . שונאים . . . רכי־לותניקעס . . . בייזע צינגער . . . מ'טרייבט איבער. מען זידלט מיך. מיינע פאַרלייט דערציילן מיר, אַז מ'קוקט אויף זיי קרום . . . אַ געשלעג, נו, מילא, דאָס איז אַ קלייניקייט . . . אָבער מיט געצייג . . . עס קאָן דאָך פּאַסירן עפּעס ערנסטס. פאַרשטייסט, פראַנץ, מיין נאָמען, מיין רע־פּוטאַציע . . . אָן געצייג . . .

— לודוויג, אונדזערע בונדעס־גענאָסן נוצן קיינמאָל נישט קיין וואָפן, בלויז אין זעלבסט־פאַרטיידיקונג . . . זאָרג זיך נישט. זיי רואיק. עס וועט זיין גוט, ווי דו ווילסט. דו ביזט באָס. איך, בלויז דיין אַרויס־העלפער.

— ניין, פראַנץ, ביזט מיין אײדעם, אַ וויכטיקער און באַליבטער מיטגליד פון מיין פאַמיליע, די קרוין פון מיין פאַמיליע. באַלד ווי איך האָב זיך באַגעגנט מיט דיר האָב איך דערפילט, אַז גאָט אַליין האָט דיך געבראַכט צו מיר:

פראַנץ האָט געשמייכלט פון הנאה, אָבער עס האָט אים אַ שטאָך גע־טאָן אַ געפיל פון ביטערן פאַרדראָס, וואָס דער אַלטער באַשיט אים מיט ליבגעזאַנגען, נאָר ער באַנוצט קיינמאָל נישט דאָס וואָרט „שותף" און גיט אים קיינמאָל נישט אָנצוהערן וועגן י ר ו ש ה אין פאַל . . .

דער טאָג פון דעם „מעכטיקן קלאַפּ״...

פראַנץ וויינהאַרץ האָט געברענט מיט אומגעדולד און געוואַרט אויף דעם טאָג פון דעם „מעכטיקן קלאַפּ״. ער איז געווען זיכער, אַז אַלץ וועט געטאָן צו פאַרזיכערן דעם דערפאָלג פון זיין פּלאַן פאַר דעם גרויסן פאַר־מעסט. זיינע באַריכט־צושטעלער האָבן אים פאַרזיכערט, אַז זיין רוף פאַר פולשטענדיקער מאָביליזאַציע פון די „לאָיאַלע״ איז אין פולן גאַנג און אַז זיין לאָזונג, „מאַסנקאַמף קעגן קלאַסנקאַמף״ האָט אָנגעריסן און אַז פיל „לאָיאַלע״ נוצן זיין לאָזונג אַלס אויסרוף פון באַגריסונג צווישן זיך.

דאָך האָט ער נישט געקאָנט צוימען זיין זאָרג און נערוועזיטעט. ביי זיך אין דער היים, אין „קליין־דייטשלאַנד״, זענען זיי אַלע גרויסע העלדן, — האָט ער געטראַכט, — אָבער וועלן זיי האָבן גענוג מוט אַריבערצו־טרעטן די גרענעץ פון זייער „קליין־דייטשלאַנד״ ? . . . שווערן טריי־הייט צום פאָטערלאַנד און שרייען „האַיל היטלער !״ צווישן אייגענע ביי זיך אין דער היים פאָדערט זיך נישט קיין אויסערגעוויינלעכן מוט; אָנצו־ברעכן די ביינער פון אַ פאַררעטער צום פאָטערלאַנד ערגעץ אין דעם ביר־הויז, אָדער אין דעם קלוב־הויז, איז אויך נישט קיין גרויסע העלדישקייט, אָבער פאַר אַ קאָנפראָנטאַציע מיט די אָרגאַניזירטע, פאַראייניקטע און מו־טיקע סטרייקערס וואָס וועלן געפירט מיט אַ פעסטער האַנט פון דעם באַ־גאַבטן יידישן מאַרקסיסט קאַרל מאַרקום ? . . . זענען זיי צוגעגרייט פאַר אַזאַ געוואַגטער אַקציע ? געוויס, געוויס ווייסט ער דעם ענטפער. — זיי זענען דייטשן ! לאָיאַלע פאַטריאָטישע דייטשן, און ביי יעדער געלעגנ־הייט פאַרזיכערן זיי, אַז זיי זענען גרייט צו גיין אין פייער פאַר דעם פאָטערלאַנד און פאַר דעם „פיורער״. אָבער וועלן זיי טאַקע גיין ? ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון די מוראדיקע געדאַנקען, וואָס האָבן אים פאַרפאָלגט, ביז — ביז דער באַשטימטער גרויסער טאָג האָט זיך ענדלעך אָנגערוקט.

פראַנץ איז אויפגעשטאַנען אַזוי גיך ווי עס האָט אָנגעהויבן טאָגן. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער צו זען ווי דער „גרויסער״ טאָג זעט אויס. ביינאַכט האָט גערעגנט און ער איז געווען צופרידן וואָס עס רעגנט שוין איצט נישט. די זון איז אויפגעגאַנגען און פאַרפלייצט רי־

ווערוויל מיט איר לויטערקייט, ליכטיקייט און ווארעמקייט. זי איז אבער גיך פארשוואונדן אונטער די געדיכטע טונקעלע וואלקנס, וואס האבן פארדעקט דעם הימל. א שוואך ווינטל האט געבלאזן וואס האט אבער נישט פארמאגט גענוג כוח אוועקצוטראגן די שווערע געדיכטע לופט, וואס איז געווען אנגעזאפט מיט פייכטער ווארעמקייט.

איבער די טראטוארן פון מעין סטריט זענען מענער און פרויען גע־גאנגען צו זייער באשעפטיקונג. כמעט אויף יעדן פארבייגייערס פנים האט געשוועבט אומצופרידנקייט, מידקייט און כמעט א ברוגזדיקייט. נאר פלוצים זענען די וואלקנס געווארן שיטער, און דא און דארט כמעט דורכזיכטיק. דער טונקל־גרויער וואלקן־הימל האט זיך צעריסן און צע־טיילט אויף גרעסערע און קלענערע רויד־בערג, וואס האבן זי צעצויגן און צעיוירן און זענען פארשוואונדן ערגעץ אין דער ווייט־ווייטער הויכ־קייט. בלויז עטלעכע פאריתומטע און פארייניזאמטע קליינע קנוילן טונ־קעלע כמארעס זענען געבליבן הענגען צווישן דעם בלויען הימל און דער אפגעפרישטער ערד, וואס האט נאך נישט אינגאנצן איינגעזאפט דעם רעגנזאפט אין אירע ערדישע געדערים, וואס האט זיך דערקוויקט מיט דער ליכטיקער, ווארעמער זון, וואס איז ווידער אויפגעגאנגען אין דעם בלויען הימל. מענטשן אין די גאסן האבן אויפגעלעבט. פנימער האבן אויפגעשיינט, — די זון איז דא!

פראנק וויינהארץ איז געזעסן אין זיין אויטאמאביל, וואס איז גע־שטאנען אויף א ראג פון מעין סטריט און געווארט . . . איצט איז ער גע־ווען רואיק. ער האט מיט א שמייכל באגריסט די זון, וואס האט אנגע־זאגט די בשורה וועגן א שיינעם טאג. זיין מזל, — האט ער הנאהדיק גע־טראכט, — פארלאזט אים נישט . . .

און פלוצים האט ער דערזען דאס שיינע פרעכטיקע בילד, וואס האט אים אויפגעשטורעמט. א ווארעמע פרייד איז אויפגעגאנגען אין אים. אונטערן שיינעם בלויען הימל מארשירן זיי אויף דעם טראטואר פון מעין סטריט, באהעלט און געווארעמט פון דער ליכטיקער זון. זיינע קאמע־ראדן. צו פיר אין א ריי. געשלאסענע רייען. מיט פעסטע טריט, ווי דיסציפלינירטע זעלנער מארשירן זיי מיט געהויבענע קעפ. יעדער איינער טראגט א קליין אמעריקאנער פענדל. א ים מיט רויטע, ווייסע און בלויע קאלירן וויגט זיך אין דער לופט. פארבייגייער טרעטן אפ אין א זייט

און באַפרייען דעם טראַקטאָר פאַרן פּאַראַד, וואָס ציט זיך איבער אַ גאַנצן בלאָק. ביי די טירן און ביי די פענצטער פון די קראָמען שטייען נייגע־ריקע, באַקוקן מיט פאַרשנדיקע בליקן דעם פּרעכטיקן פּאַראַד, און לייע־נען די פּלאַקאַטן וואָס הענגען אויף די ברוסטן פון די מאַרשירער:

— „מאַסנקאַמף קעגן קלאַסנקאַמף!"

זיי לייענען און פאַרשטייען נישט וואָס און ווער איז מאַסנקאַמף און פאַרוואָס מוז מען זיין קעגן דעם קלאַסנקאַמף. אָבער ער, פראַנץ, ווייסט און זיינע אויפגעקלערטע לאַיאַלע דייטשן ווייסן עס אויך, און פאַר־שטייען... און עס איז אים גוט, זייער גוט. ער איז גליקלעך... ער האָט געוואונען! באַלד, באַלד און עס וועט אַ קלינג טאָן אין ניו־יאָרק און וואַשינגטאָן, אין בערלין... פראַנץ וויינהאַרצעס שטערן וועט זיך העל צעשיינען. ער איז זיכער, אַז אַן איינלאַדונג צו אים איז שוין כמעט אויפן וועג, ער זאָל קומען קיין בערלין... קיין בערלין — די ריזיקע קוז־ניע, וואו די וועלט־מייסטערס שמידן די פּלענער פאַר אַ שפּאָגל־נייער וועלט, אַ נאַצי־וועלט! זיין וועלט... און דייטשלאַנד, זיין דייטשלאַנד איבער אַלס... און ער, פראַנץ, איינער פון די ליכטיקע נאַצי־גייסטער.

דער פּאַראַד האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם גרויסן טויער. דער וועכטער האָט אויפגעשלאָסן דעם טויער און די סטרייקברעכער זענען גיך אַריין דורך דעם צעעפנטן טויער אויף דעםברייטן צעמענטירטן וועג, וואָס פירט צו דער פאַבריק און זיינען גיך פאַרשלונגען געוואָרן פון דעם ברייט צעעפנטן, פינצטערן מויל, די פאַבריק־טירן.

די פאַרבליבענע פון דער דרויסנדיקער זייט פונעם טויער האָבן זיך צונויפגעקוועטשט איינער אין אַנדערן און זענען געבליבן שטיין האַרט לעבן דעם הויכן, אייזערנעם, שפּיצעכיקן שטאַכעטן־אַפּצוים, און לעבן טויער פּנים־אל־פּנים מיט דער קאָמפּאַקטער מאַסע סטרייקערס. בלויז אַ שמאָלער, לאַנגער דורכגאַנג האָט צעטיילט ביידע פיינטלעכע מחנות.

סטרייקערס האָבן געשפּאָטט און געלאַכט:

— נאַצים מיט אַמעריקאַנער פענדלעך? וואו איז די סוואַסטיקאַ?

— זע נאָר ווער ס'איז דאָ? קיטקע גנב!...

— כאַפּ נאָר אַ קוק דאָרט, זעסט? פּריצקע פּימפּ!...

— העי, פּריצקע, אויף וועמען האָסטו איבערגעלאָזט דיינע פייגע־לעך?... — האָט אַ פרייליכער געלעכטער געהילכט אין דער לופט.

פון דער זייט פון די סטרייקברעכערישע מאַרשירער מיט די אַמערי־

קאַנער פענדלער האָט זיך אַ טראַג געטאָן אַ רציחהדיק רעווען:

— לויזיקע קאָמוניסטן! רויטע וואַנצן! פאַררעטער!

קיינער האָט נישט געוואוסט ווען און ווי אַזוי די שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן. אַלע סטרייקערס, אָן אויסנאַם, יונג און אַלט, אַפילו די „ניי־טראַלע", ביי וועמען ס'האָט נאָך געטליעט אַ פונק ליבע צו זייער פאָטער־לאַנד און האָבן צוליב דעם נאָך נישט איבערגעריסן זייערע באַציאונגען מיט די „לאָיאַלע", זענען אַריין אין גערדיכטן קנויל פון דעם געשלעג. דער אָפענער אָנפאַל פון די נאַצים אויף די סטרייקערס האָט זיי דער־צאָרנט.

— גאָט־פאַרדאַמטע לומפּיקע נאַצים, סטרייקברעכערישע אַגענטן פון דעם בלוטזויגער פעלהענדלער, — האָבן זיי געשריגן און זיך געוואָרפן אין געשלעג קעגן זייערע שונאים.

די דריי אַלטע פּאָליציייליט זענען געשטאַנען לעבן דער פאַבריק און נישט געוואָגט זיך אַריינצומישן. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי זענען מאַכטלאָז קעגן הונדערטער פויסטן, וואָס האַמערן אויף קעפּ און פּנימער אָן רחמנות.

די ערשטע זיך אַרויסצורוקן פון דעם ווילדן געשלעג זענען געווען די געדונגענע גענגסטערס, וועמענס וואונדן פון דעם געשלעג מיט די סטרייקערס מיט דריי טעג פריער, האָבן זיך נאָך נישט פאַרהיילט.

דערנאָך זענען די יונגע „בראַונע" שטורעם־טרופּערס, פאַרבלוטיקטע, מיט אונטערגעהאַקטע, געשוואָלענע אויגן געלאָפן ווי פון אַ פייער . . .

סטרייקערס האָבן צונויפגעקליבן די קליינע אַמעריקאַנער פענדלעך, און מיט זיי צוגעדעקט די צעשלאָגענע נאַצים, וואָס זענען געלעגן אויף דער ערד לעבן דעם טויער פון דער פאַבריק און נישט געוואָגט און נישט געקאָנט זיך אויפהייבן אויף זייערע שוואַכע פיס.

איצט, ווען דער צוזאַמענשטויס פון די סטרייקערס מיט די נאַצים האָט זיך געענדיקט, זענען די דריי עלטערע פּאָליציייליט אַרויסגעקומען פון זייער באַהעלטעניש און מיט איבערגעטריבענער פאַרזיכטיקייט גע־האָלפן די פאַרבלוטיקטע „ביר־פעסלעך" זיך שטעלן אויף זייערע אומ־זיכערע, וואַקלדיקע פיס און זיי באַגלייט אַ שטיקל וועג ווייטער פון דעם „מזבח", וואו זיי זענען געפאַלן קרבנות פון דער נאַציישער לאָזונג, „מאַסנקאַמף קעגן קלאַסנקאַמף" . . .

און ווידער פֿאַראַדן אויף מעין סטריט. אָבער איצט פּאַראַדירן די סטרייקערס. יעדן פֿרימאָרגן פֿאַרזאַמלען זיי זיך לעבן זייער קלוב־הויז און פֿון דאָרט מאַרשירן זיי מיט פּלאַקאַטן אין דער הייך, אין געשלאָסענע רייען, צו דער פּיקעט־לאַין, לעבן דער פֿאַריינזאַמטער פֿאַבריק.

די פֿאַרבייגייער און די אָנגעשטעלטע אין די קראָמען באַגריסן וואַרעם די סטרייקערס און לייענען די אויפֿשריפֿטן אויף די פּלאַקאַטן:

— פֿעלהענדלער צאָלט אונדז הונגער־שכירות.

— פֿעלהענדלער האָט אונדז אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זיין פֿאַבריק, ווייל מיר האָבן געוואָגט זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ יוניאָן און פֿאָדערן אַ העכערונג אויף אונדזערע שכירות.

— פֿעלהענדלער האָט אָרגאַניזירט די סקעב־יוניאָן.

— פֿעלהענדלער האָט אימפּאָרטירט גענגסטערס צו מערדערן די סטרייקערס.

— פֿעלהענדלער איז אַ ברוטאַלער עקספּלואַטאַטאָר.

— פֿעלהענדלער האָט מאָביליזירט זיין נאַצי־אַרמיי פֿון „קליין־דייטשלאַנד" צו באַפֿאַלן די סטרייקערס.

— פֿעלהענדלער האָפֿט, אַז הונגער וועט אונדז באַזיגן; ער וועט עס נישט דערלעבן.

ריווערוויל האָט געקאָכט. ריווערוויל האָט געצאַרנט. ריווערוויל, די שטענדיק שטילע, פֿרידלעכע איינוואוינער האָבן פֿאַרביטערט גערעדט וועגן פֿעלהענדלערן.

— ער איז אַ בלוט־פֿאַרגיסער, דער פֿעלהענדלער.

— ער פֿאַרהונגערט פֿאַמיליעס, פֿרויען און קינדער.

— הונגער־שכירות? ! פֿאַרוואָס גיט ער נישט קיין העכערונג? ער פֿאַרמאָגט ווייניק? וואָס־זשע, ער וועט זיך עס מיטנעמען אין קבר אַריין?

אויף מעין סטריט האָט די יוניאָן געעפֿנט אַ שפּייז־קראָם פֿאַר די נויטליידנדיקע סטרייקערס, וואָס פֿלעגן קריגן פּעקלעך שפּייז אומזיסט.

ריווערוויל האָט אונטערשטיצט. די אָרעמע שיכטן פֿון ריווערוויל האָבן געשיקט דער יוניאָן קליינע געלט־ביישטייערונגען. די קלענערע פֿאַרמערס אַרום ריווערוויל האָבן צוגעשטעלט דער יוניאָן הינער, קאַטשקעס און אינדיקעס, און אייער און מילך און קאַרטאָפֿל, קרויט, בורעקעס, מערן און טאָמאַטן, און עפּל, פֿאַר האַלב־אומזיסט.

די נעגער־סטרייקערס

צוואַנציק נעגערס זענען געווען באַשעפטיקט אין פעלהענדלערס פאַ־בריק. זיי האָבן געוואַשן די דילן, די פענצטער, געראַמט די אָפיסעס, די קלאָזעטן. זיי האָבן געראַמט און געהאַלטן ריין דעם גרויסן הויף אַרום דער פאַבריק. זיי האָבן אויסגעלאָדן די פעק מיט לעדער פון די טראַקס, און אָנגעלאָדן אַנדערע טראַקס מיט קאַסטנס געפּאַקט מיט שיך פאַר די קונים אין ריווערוויל און אין אַנדערע שטעט.

זיי האָבן נישט באַלאַנגט צו דער יוניאָן. זיי זענען די פּראָסטע אַר־בעטער. בלויז די געשולטע אַרבעטער האָבן באַלאַנגט צו דער יוניאָן. פאַר זיי, פאַר די נעגער־אַרבעטער, האָט די יוניאָן נישט געפאָדערט קיין העכערונג, כאָטש זייערע שכירות זענען געווען די נידעריקסטע, — הונגער־שכירות. זיי, די נעגערס, האָט די יוניאָן נישט גערופן זיך אָנ־צושליסן אין סטרייק.

ווען פעלהענדלער האָט פאַרמאַכט זיין פאַבריק צוליבן סטרייק, האָבן די נעגערישע אַרבעטער פאַרלאָרן זייערע שטעלעס.

— מען וועט זיי ווידער באַשעפטיקן ווען די פאַבריק וועט ווידער אַרבעטן, — האָט מען זיי געזאָגט.

און פעלהענדלער האָט געהאַלטן זיין צוזאָג. ווען די סטרייקברעכער האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן, האָט ער געשיקט נאָך „זיינע" נעגערס. ער האָט זיי אָבער באַשעפטיקט בלויז דריי טעג אַ וואָך און זיי, די נעגערס, האָבן זיך נישט באַקלאָגט. זיי זענען געווען צופרידן וואָס זיי קאָנען פאַרדינען כאָטש עפּעס צו שטילן דעם הונגער פון זייערע פרויען און קינדער.

ווען די בלוטיקע געשלעגן האָבן אויסגעבראָכן צווישן די סטרייקערס מיט די גענגסטערס, האָט ווילבערט, אַ הויכער, געזונטער נעגער מיט אַ קייַלעכדיק פּנים, גרויסע, שוואַרצע, פינקלדיקע אויגן און מיט געדיכטע שוואַרצע געקרייזלטע האָר, פאַררופן די נעגער־אַרבעטער פון דער פאַ־בריק צו אַ פאַרזאַמלונג.

ווילבערט האָט געאַרבעט ביי פעלהענדלערן לענגער ווי די אַנדערע נעגער־אַרבעטער. ער האָט אַן אָנשטרענגונג געקאָנט אויפהייבן און טראָגן אויף זיינע געזונטע, ברייטע פּלייצעס, די שווערסטע משאות. ער

איז געווען באַליבט אַפּילו ביי די ווייסע שיך־אַרבעטער פאַר זיין מונ־טערקייט און פריילעכקייט. צוליב זיין גבורה איז ער געווען באַוואוסט אַלס דער טשעמפּיאָן משא־טרעגער, „ווילבערט דער טשעמפּ".

אין איינעם פון זייערע אַרבעטלאָזע טעג האָבן זיי אויף „טשעמפּס" רוף זיך פאַרזאַמלט אויף אַ ברייטן, פלאַכן פעלד אין „ניגערטאַון". בערגלעך מיסט, צעבראָכענע, הילצערנע קעסטלעך, אַלטע אויסגעריבע־נע שקראַבעס, וואָס זענען אַמאָל, אַמאָל געווען שיך, צעלעכערטע, שוואַרץ־אָנגעברענטע טעפּ, צעבראָכענע טעלער און שמאַטעס, זענען דאָ און דאָרט געלעגן אָנגעוואָרפן אויף דעם פאַרלאָזטן שטיק פעלד. אויס־געהונגערטע קעץ האָבן זיך געראָיעט אין דעם מיסט און געזוכט עפּעס אַ נאַש . . .

די נעגערס האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די צעבראָכענע קעסטלעך וואָס זיי האָבן צונויפגעשלעפּט פון די מיסט־בערגלעך, דורשטיק גע־צויגן דעם רויך פון זייערע סיגאַרעטלעך און אויפמערקזאַם זיך איינגע־הערט צו ווילבערטן, דעם „טשעמפּס", רעדע.

ווען ווילבערט האָט געענדיקט זיין רעדע איז אויסגעבראָכן אַ שטור־עם צווישן די פאַרזאַמלטע.

— דו רעדסט פון היץ, ווילב, דאָס זענען נאַרישע רייד!

— מאַן, דו פּלאַפּלסט צו אונדז ווייסע רייד!

— נישט אַנדערש, אַז אַ ווייסע מכשפה האָט דיר אָפּגעטאָן אַ כישוף.

— מאַן, ביזט בלינד? זעסט נישט, אַז דו רעדסט צו נעגערס פון „ניגערטאָון"; גיי זיך אויסשלאָפן, ווילבערט באָי! דו פאַרגעסט, ווייזט אויס, אַז דו האָסט צען קינדער . . .

זיי האָבן אָבער גערעדט צו אים אין אַ פריינטלעכן, גוט־ברודערישן טאָן, ווי עס ריידן צווישן זיך אייגענע, וואָס זענען געקניפּט און גע־בונדן צווישן זיך מיט טויזנטער אומזעבאַרע פעדעם פון געמיינזאַמע ליידן, נויט, אונטערדריקונג פון זייערע קינדער־יאָרן אָן. אַלע, אָן אויס־נאָם, געשלאָגן דורך דער ווייסער פּלאָג פון דעם טאָג וואָס זיי האָבן גע־עפנט זייערע אויגן; און אַלע ווערן געבייטשט מיט די זעלבע בייטשן פון דיסקרימינאַציע, ביטערער עקספּלואַטאַציע, אונטערדריקונג און פאַרפאָלגונגען.

ווילבערט האָט געפילט, אַז מיט זייערע גוט־ברודערישע, פריינטלע־

כע באַמערקונגען דריקן זיי אויס זייער טיפע אומצופרידנקייט מיט זיין רעדע. אָבער ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן.

— ניין, מיינע פריינט, איך רעד נישט פון היץ, און אַ ווייסע מכשפה האָט מיר נישט אָפּגעטאָן קיין כישוף. איך ווייס וואָס איך רעד. איך זאָג אייך, אַז מיר טאָרן נישט אַרבעטן ווען עס גיסט זיך בלוט פון די ווייסע סטרייקערס. מיר טאָרן נישט אריינשטעלן אונדזער פוס אין דער פאַבריק וואו עס האָט זיך איצט פאַרקליבן אַ פאַררעטערישע, עקלדיקע סטרייקברעכערישע גענג. מיר דאַרפן גיין האַנט־אין־האַנט מיט די סטרייקערס. ס'איז אונדזער פליכט! — האָט ווילבערט געדערט מיט האַרץ.

— וויל, זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס זאָרגסטו זיך פאַר די ווייסע סטרייקערס? — האָט דער יונגער קליין־געוויקסיקער, רירעוודיקער ראַדזשערס אויסגעשריגן, — זיי, די ווייסע, הייסע יוניאָן־לייט האָבן זיך עפּעס געזאָרגט פאַר אונדז? ביי זיי זענען מיר ניגערס פונקט ווי ביי אונדזער באָס. ביי זיי זענען מיר פרעמדע. מיר האָרעוועז ווי די אייזלען, מיט טוען די שווערסטע און שמוציקסטע אַרבעט פאַר לויזיקע פענים אַ טאָג, אָבער די ווייסע יוניאָן טראַכט אַפילו נישט וועגן אונדז און וועגן אונדזער לאַגע. זיי ווילן אונדז נישט. זיי זונדערן זיך אָפּ פון אונדז. ס'איז אַ מלחמה צווישן ווייסע און מיר דאַרפן זיך נישט אַריינמישן.

— גערעכט, ראַדזשערס, גערעכט, — האָבן די פאַרזאַמלטע צוגעשטימט.

ווילבערט האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט.

— גערעכט ביזטו טאַקע, ראַדזשערס, אָבער נישט אינגאַנצן. פאַרשטייסט, ראַדזש, מיט האָבן טענות צו די ווייסע יוניאָן־אַרבעטער, גערעכטע טענות! אמת. אָבער, ראַדזש, מיר זענען אויך אַרבעטער און מיר זענען אויך באַרעכטיקט צו אַן אָנשטענדיק לעבן. און עס איז טאַקע אמת, אַז די ווייסע אַרבעטער טראַכטן אַפילו נישט וועגן אונדז.

— אָבער, ראַדזשערס, לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דו גייסט פון דער אַרבעט מיט אַ ווייסן אַרבעטער, וואָס גייט אַ שטיק וועג אין דיין ריכטונג און ווען איר צעשיידט זיך, הערסטו פּלוצים ווילדע געשרייען. דער ווייסער אַרבעטער שרייט, ווייל גענגסטערס זענען אים באַפאַלן. און

דו קאָנסט דעם ווייסן אַרבעטער, ווייל דו אַרבעטסט מיט אים אין איין פּאַבריק, איז וואָס, ראַדזשערס, וואָלסטו דערמאָלט געטאָן ? ענטפער מיר, ראַדזש, וואָלסט זיך אפשר געמאַכט נישט־וויסנדיק און געגאַנגען ווייטער דיין וועג ? דאָס וואָלט דאָך געמיינט, אַז נישט נאָר ביזטו אַ שרעקעוודיקער האָז, נאָר אַז דו דערלאָזט די גענגסטערס שלאָגן און רויבן טאָקע אַ ווייסן, אָבער דאָך אַ מענטש, און דערצו נאָך אַ ברודער־אַרבעטער !

ראַדזשערס האָט געשוויגן. קיינער פון די פאַרזאַמלטע האָט גאָר־נישט געזאָגט. זיי האָבן ערנסט געטראַכט און געזוכט אין זייערע מו־חות דעם ריכטיקן ענטפער.

— שווייגסטו, ראַדזשערס, האַ ? אַלע שווייגט איר איצט ! — האָט ווילבערט געזאָגט מיט אַ טאָן פון איינעם וואָס פילט, אַז זיין געגנער איז שוין האַלב־באַזיגט. — איר שווייגט, ווייל איר זענט מענטשן מיט געוויסנס, מיט מענטשלעכע הערצער. איר זענט נישט קיין שרעקעוו־דיקע, נישט קיין פאַררעטער און נישט קיין שקלאַפן צו דורשטיקע נקמה־געפילן.

— געוויס האָבן מיר ערנסטע און גערעכטע טענות צו די ווייסע אַר־בעטער. עס וועט אַמאָל קומען דער טאָג ווען מיר וועלן זיך אויסטענהן מיט זיי, אָבער נישט איצט איז די צייט דערפאַר.

— אָבער איך פרעג אייך, מיינע פריינט, איז מיסטער פעלהענדלער און אַלע אַנדערע פעלהענדלערס, וואָס זיצן אויף זייערע גאָלדענע טראָ־נען אין זייערע פּאַלאַצן, וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרן מיט דעם שוויים און בלוט פון שוואַרצע, געלע און ווייסע אַרבעטער־מענטשן, אָט די ווייסע באָס־פּיראַטן, וואָס האָבן פאַרכאַפּט און זיך איינגעטיילט מיט ריזיקע שטיקער פון דעם ערד־קוגל, און הערשן איבער אַלעמען מיט דעם געקויפטן, ברוטאַלן חיהשן כוח פון גענגסטערס, זענען זיי אונדזע־רע פריינט ? צו זיי האָבן מיר נישט קיין טענות, האַ ?

— זאָלן מיר, נעגערס, די באַרויבטסטע און אונטערדריקטסטע, בלייבן גלייכגילטיק און שטיין אין דינסט פון אונדזער ברוטאַלן באָס איצט, ווען די ווייסע אַרבעטער האָבן זיך ענדלעך פאַרייניקט און קעמפן קעגן זיין אומגעזעטיקטן אַפּעטיט פאַר מער און מער רויב ? זאָלן מיר, נע־גערס, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט וואונדן פון ווייסע גענגסטערס, מאַכן

שותפות מיט די ווייסע גענגסטערס, וואָס דער באָס האָט אימפּאָרטירט צו דערטרינקען דעם סטרייק אין בלוט פון די סטרייקערס?

— זאָלן מיר, נעגערס, מאַכן שותפות מיט דעם סאַמע אָפּפאַל פון די ווייסע, מיט די געווויסנלאָזע, פאַרקויפטע נאַציִשע סטרייקברעכער און מיט זייער סקעב־יוניאָן?

— ווילבער, מיר מאַכן מיט יענע נישט קיין שותפות, — האָט איי־נער פון די פאַרזאַמלע פּראָטעסטירט.

— אַז מיר אַרבעטן מיט זיי, אַז מיר אַרבעטן, ווען די גענגסטערס שלאָגן די סטרייקערס, קומט עס אויס ביי מיר, אַז מיר זענען איינשטי־מיק מיט זיי און מיר העלפן זיי ברעכן דעם סטרייק; מיר זענען שות־פים! כ׳האָב געלערנט אין דער ביבל פון לעבן, אַז יעדער אויפשטאַנד, יעדער קאַמף פון עקספּלואַטירטע פאַר רעכט, פרייהייט און ברויט, אַפילו אין אַן אַנדער לאַנד, איז ענג פאַרבונדן מיט אונדזער דורשטיק לעבצן פאַר פרייהייט און ברויט!

— ווילבער, זאָג מיר, איך בעט דיך, — האָט ראַדזשערס זיך ווידער געלאָזט הערן, — רעדסט שיינע ווערטער, זאָגסט אַ סך אמתן און האָסט שטענדיק פּאַרטיקע ענטפערס . . . כ׳האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז דו האָסט באַדאַרפט זיין אַ גלח, אָדער אַ לאָיער; אָבער שוועב נישט אין די הימלען, קום אַרונטער אויף דער האַרטער און פאַרדאַרטער ערד פון „ניגער־טאַון”. לאָמיר אָננעמען, אַז מיר, העלדישע נעגערס, שליסן זיך אָן מיט די סטרייקערס. גוט, זייער פיין. וואָס וועלן מיר טאָן, אַז די סטרייקערס וועלן שליכטן זייער סטרייק און אונדז פאַרראַטן? מיר וועלן בלייבן אין דרויסן, אָן דזשאַבס, פאַרגעסענע, פאַרשטויסענע און אויסגעלאַכטע.

— ראַדזשערס, מיין פריינט, אויב דאָס וועט פּאַסירן, — האָט וויל־בער געענטפערט מיט אויפריכטיקער אָפנהאַרציקייט, — און איך גאַ־ראַנטיר נישט, אַז אַזאַ „דאַבל־קראָס” איז אויסגעשלאָסן, נו, וועט דאָס נישט זיין דאָס ערשטע מאָל וואָס ווייסע פאַרראַטן נעגערס . . . אָבער —

— אָבער איך בין גוט באַקאַנט מיט דעם אינזשענער, מיסטער מאַר־קוס, וואָס איז דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן. איך פלעג מיט אים אָפט שמועסן. ער איז דער בעסטער ווייסער מאַן, וואָס איך האָב ווען עס איז באַגעגנט. ער איז אַ מענטש מיט אַ האַרץ. זיין באַציאונג צו אונדז,

נעגערס, איז אַן אמת מענטשלעכע. ער פאַרשטייט אונדז. ער איז אונדזער פריינט. ער וועט נישט פאַרראַטן. מיר קאָנען זיך פאַרלאָזן אויף אים.

— ריכטיק, ווילבער, ריכטיק! מיסטער מאַרקוס איז אַ גרויסער און ערלעכער מאַן, — האָבן כמעט אַלע צוגעגעבן.

ראַדזשערס האָט דערפילט אַ בריענדיקן פאַרדראָס אויף זיין פריינט ווילבערט, וואָס האָט זיך צעגאָסן מיט לויב־געזאַנגען וועגן דעם ווייסן קאַרל מאַרקוס.

זיין האַס קעגן די ווייסע האָט ראַדזשערס איינגעזאַפּט אין זיין בלוט פון קינדוויַיז אָן. זיין טאַטע, וואָס האָט געאַרבעט אויף דער ציגל־פאַבריק, האָט אַ לאַנגע צייט געהוסט און געשפּיגן מיט בלוט און זיך באַקלאָגט אויף ווייטיקן אין זיין ברוסט. ער האָט זיך אָבער נישט גע־קאָנט פאַרגינען אַזאַ לוקסוס ווי ליגן אַ קראַנקער אין בעט. ער האָט געמוזט אַרבעטן יעדן טאָג קראַנקערהייט, ביז ער איז אַוועקגעפאַלן...

זיין מאַמע, די אלמנה, איז געבליבן מיט זעקס קליינע קינדער. זי פלעגט יעדן טאָג גיין קיין ריווערוויל זוכן אַ טאָג אַרבעט: ראַמען די היימען ביי די ווייסע, וואַשן און פרעסן זייער וועש. אָבער נישט יעדן טאָג איז איר געלונגען צו געפינען אַרבעט. נויט, ביטערע נויט, הונגער און קראַנקייטן האָבן געמאַטערט די קינדער.

אין דער גרויסער שפּייז־קראָם פלעגט זיין מאַמע פאַר פעניס אָפּ־קויפן די איבערגעבליבענע פאַרדאַרטע זעמל און ברויט, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין דער קראָם. איינמאָל איז ער געגאַנגען מיט זיין מאַמען אין דער קראָם. כמעט אַ גאַנצע וואָך האָט זי גאַרנישט פאַרדינט און זיי האָבן ממש געהונגערט. אין דער קראָם האָט ער באַמערקט, אַז ווען דער קרעמער איז געווען פאַרנומען צונויפזאַמלען די אַלטע, פאַרדאַרטע זעמל און ברויט, האָט זיין מאַמע אָנגענומען זשמעניעס מיט רייז פונעם אָפענעם מויל פון זאַק, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט ווייסן גלאַנצנ־דיקן רייז, און זי האָט אַריינגעשאָטן אין אירע לאַנגע ברייטע קעשע־נעס פון איר אַלטן אָפּגעריבענעם ברוינעם מאַנטל די געגנבעטע רייז.

דער קרעמער האָט זי געכאַפּט ביי דער גניבה און געמאַכט אַ גע־וואַלד: — „גנבטע! זונה!” — אין קראָם זענען דעמאָלט אַריין עטלע־כע ווייסע מענער און געשלאָגן זיין מאַמען מיט די פויסטן. ער קאָן יע־

נעם טאָג נישט פאַרגעסן . . . ער קאָן נישט פאַרגעסן די געשרייען פון זיין פאַרבלוטיקטער מאַמען . . .

ראַדזשערס קאָן אויך נישט פאַרגעסן יענעם טאָג, ווען זיי, די קינדער, זענען געזעסן אַרום דעם קיילעכדיקן הינקענדיקן טיש אין קיך און געגעסן זייער מאַגערן מאַלצייט, אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל, וואָס זיין עלטסטע דרייצן־יאָריקע שוועסטער, האָט צוגעגרייט פאַר זיי. די מאַמע איז נישט געווען אין דער היים. זי האָט יענעם טאָג געאַרבעט ערגעץ אין ריווערוויל.

די סקריפּענדיקע טיר פון זייער אָרעמער פינצטערער היים האָט זיך פּלוצים געעפנט און דער אַלטער, פעטער לענדלאָרד מיט דעם נאַקעטן קאָפּ האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דער קיך, וואו די קינדער האָבן מיט אָפּגעריבענע געלבלעכע לעפל געשניטן קליינע שטיקלעך קאַרטאָפל און געשלונגען מיט גרוים הנאה.

דער לענדלאָרד איז געקומען איינמאָנען זיין דירה־געלט. ער האָט באַטראַכט די משפחה מיט זיינע בלוי־גרינע שטעכיקע אייגעלעך און אַ פרעג געטאָן:

— וואו איז אייער מאַמע ?

— אונדזער מאַמע אַרבעט היינט אין ריווערוויל, — האָט זיין עלטסטע דרייצן־יאָריקע שוועסטערל געענטפערט מיט איר קלינגענדיק שטימעלע.

— און דו ביזט עס איצט די מאַמע ? — האָט דער ווייסער פעטער לענדלאָרד געפרעגט מיט אַ שמייכעלע, — דו האָדעוועסט די פרעסערלעך, האַ ? קאַרטאָפל, אַ געשמאַק און געזונט מאכל.

— ווייסט וואָס ? אָט האָסטו צען סענט, אַ גאַנצן דאַים, — האָט דער לענדלאָרד געזאָגט צו ראַדזשערסן, — און גיי קויף אַ גאַנצן וואָגן מיט לאַלי־פּאָפּס פאַר אייך אַלע . . .

און ווען ראַדזשערס איז צוריקגעקומען מיט די לאַלי־פּאָפּס איז זיין עלטסטע שוועסטערל געלעגן אויפן בעט, געוויינט און זיך געקאַרטשעט פון ווייטיקן. ער, ראַדזשערס, איז דעמאָלט אַלט געווען צוועלף יאָר, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען . . .

זיין האַס צו די ווייסע האָט געגליט אין אים און זיך צעוואַקסן ווען ער איז עלטער געוואָרן און אָנגעהויבן אַרבעטן. אויף יעדן שריט און

טריט האָט ער זיך אַנגעשטויסן אויף ברוטאַלער באַהאַנדלונג און עקס־פּלואַטאַציע פון די ווייסע הערשער. די אונטערטעניקייט פון זיינע שוואַרצע ברידער האָט אים געקרענקט.

ראַדזשערס האָט געוואוסט, אַז זיין פריינט ווילבערט האָט זיך באַ־פריינדעט מיט קאַרל מאַרקוסן, און אַז ער האָט אַלעמאָל אַ גוט וואָרט פאַר קאַרלען, אָבער די ליב־געזאָגנגען וואָס ווילבערט האָט איצט אַרויס־געזאָגט פאַר דעם ווייסן קאַרל עפּגטלעד ביי דעם איצטיקן מיטיג פון די נעגערס, האָט אים אַ ברען געטאָן און ער האָט בייז אַרויסגעברומט:

— ער, דער קאַרל, איז אפשר אַ גוטער מענטש, אָבער, ווילבערט, ער איז נישט קיין נעגער... ער איז אַ ווייסער... אפשר איז ער אַ וויי־סער מלאך, און ווייסע מלאכים נידערן נישט אַרונטער קיין „ניגער־טאַון".

— ווילבערט, — האָט ראַדזשערס געזאָגט מיט אַ טאָן פון זיכערקייט, — דער סטרייק וועט דויערן אַ לאַנגע צייט. אויב מיר וועלן דיך פאָלגן און זיך אַנשליסן אין די סטרייקערס, וועלן מיר באַקומען אונדזער פאַר־דינטע באַלוינונג: הונגער! הונגער! אונדזערע פרויען און קינדער וועלן הונגערן דורך די לאַנגע וואָכן וואָס דער סטרייק וועט דויערן. און ווען דער סטרייק וועט ענדלעך געשליכטעט ווערן, וועלן מיר בלייבן אין דרויסן פאַרראַטענע, פאַרקויפטע און אויסגעלאַכטע, אַז אונדזערע דזשאָבס און מיר וועלן ווידער הונגערן. און געדענקט מיינע רייד: דער אַלמעכטיקער באָס־קעניג, לודוויג פעלהענדלער, וועט אונדזערע נעמען אַנשרייבן מיט גרויסע בוכשטאַבן אויף דעם „שוואַרצן צעטל" און קיי־נער, קיינער אין ריווערוויל וועט אונדז נישט געבן קיין אַרבעט און אונדזערע פרויען און קינדער וועלן הונגערן. צוליב וואָס, ווילבערט?
— האָט ראַדזשערס כמעט ווי אויסגעשריגן.

צעטומלט, ערנסט־באַזאָרגט זענען די פאַרזאַמלטע געזעסן שטיל און באַוועגלאָז, געקוקט אויף ווילבערטן און נייגעריק געוואַרט אויף אַן ענט־פער.

ווילבערטס גרויסער קיילעכדיקער קאָפּ האָט זיך עטוואָס איינגעבויגן נעענטער צו זיין שטאַרקן ברוסטקאַסטן, ווי ער וואָלט פּלוצים באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ איבערן קאָפּ. אויף זיין קיילעכדיקן, שמאָלן שטערן

האבן ארויסגעזעצט קליינע טראפנס שוויס, ווי טונקל־ברוינע דימענט־לער.

— הונגער... — האט ער ענדלעך ארויסגערעדט שטיל, — הונגער איז אן אפטער גאסט אין נעגער־היימען. אין 1932, און אין 1933 האבן מיר נישט פארדינט קיין איין פעני. די פאבריק איז געווען פארמאכט און קיין דזשאב האט מען דעמאלט אפילו פאר געלט נישט געקאנט קויפן, איר גערענקט?!

— איך האב נישט פארגעסן. איך בין אפט אנטלאפן פון מיין הויז, ווייל איך האב נישט געקאנט צוזען די ליידן פון מיינע הונגעריקע קינ־דער. גאנצע טעג פלעג איך ארומוואנדערן און זוכן אן ענטפער אויף דער פראגע: פארוואס? פארוואס, פאר וועלכע זינד זענען מיינע קינדער געשטראפט און אויסגעזעצט צו הונגער־ליידן?

— אבער הונגער פון א סטרייקער, פון א נעגער־סטרייקער, — האט ווילבערטס קערפער זיך א ציי געטאן אין דער הייך, און זיינע אויגן האבן געגלאנצט, — אזא הונגער איז גאר עפעס אנדערש... דאס איז א הונ־גער אנגעפילט מיט זיסע האפענונגען אויף בעסערע טעג... מיר וועלן ארויסשטעלן אונדזער פאדערונג פאר מענטשלעכע ווירדע, פאר אונדזער רעכט און פרייהייט, און פאר א מענטשלעך ווירדיק לעבן פאר אונדזערע קינדער; פאר דער באפרייאונג פון דעם דערנידעריקטן און געפלאגטן נעגער־פאלק! פארשטייסט, ראדזש? און ווען דער הונגער וועט אונדז באפאלן וועלן אונדזערע פריינט אין „ניגער־טאון" אונדז העלפן... זיי וועלן פילן, אז עס איז אויך זייער קאמף...

א פרייד האט ארומגעכאפט די סטרייקערס, ווען די קליינע גרופע נעגערישע הארעפאשניקעס האט זיך אנגעשלאסן אין זייערע רייען. אן אויפריכטיקע פריינטשאפט האט זיך גיך צעוואקסן צווישן די ווייסע און שווארצע סטרייקערס.

אין דער שפייז־קראם פאר די סטרייקערס האט געהערשט א יוניאן־באשלוס: „יעדער סטרייקער דארף קריגן שפייז לויט זיינע באדערפע־נישן, לויט דער צאל פון די מיטגלידער אין דער פאמיליע". די נעגער־סטרייקערס האבן פארמאגט די גרעסטע פאמיליעס. זיי האבן דערפאר באקומען די גרעסטע פעקלעך מיט שפייז.

פון דער שפייז־קראם ביז זייערע היימען אין „ניגער־טאון" האבן

מיטגלידער פון דער „רענק און פאַיל־קאָמיטע", באַגלייט די נעגער־סטרייקערס און זיי געהאָלפן טראָגן זייערע פעקלעך מיט שפייז. צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן האָבן די נעגער־אַרבעטער שפּאַצירט אַ היים מיט ווייסע געזונטע שומרים־פריינט, וואָס זענען געווען גרייט מיט זייערע לעבנס צו פאַרטיידיקן זייערע שוואַרצע ברידער, פאַרברידערט אין קאַמף פאַר די זעלבע צילן: פאַר רעכט, פרייהייט און ברויט.

באַיקאָט

אויף לודוויג פעלהענדלער האָבן זיך אָנגעריקט שווערע און ביטערע טעג. זיינע געטרייע פּאַרלייט האָבן אים דערציילט וועגן די פּלאַקאַטן מיט די אויפשריפטן, וואָס די סטרייקערס טראָגן, וועגן דער שפּייז־קראַם, און אַז ריווערוויל זידלט און שילט אים. ער האָט נישט געוואָלט גלויבן זיינע פּאַרלייט. ער האָט פאַרדעכטיקט, אַז זיי טאַנצן אויףביידע חתונות. זיי זענען טאַקע זיינע פּאַרלייט, זיי באַלאַנגען טאַקע נישט צו דער יוניאָן, זיי האָבן הנאה פון די שכירות וואָס ער צאָלט זיי, אָבער ווער ווייסט צי זיי זענען נישט פריינטלעך מיט די סטרייקערס, מיט וועמען זיי ווילן זיך נישט איינרייסן.

אָבער באַרבאַראַן, זיין באַגלויבטער פּריוואַטער סעקרעטאַרשע, איר האָט ער געגלויבט. באַרבאַראַ איז געווען זעכצן יאָר אַלט ווען זי איז אָנגעקומען אַרבעטן אין איינעם פון די אָפיסעס, וואו עס האָבן געאַרבעט נאָך פיר טייפּיסטקעס. אין אַ קורצער צייט האָט פעלהענדלער אַנטדעקט אירע פעאיקייטן, זי דערהויבן צו ווערן זיין פּריוואַטע סעקרעטאַרשע און איר געצאָלט אַ היפּשן געהאַלט, באַגלייט מיט קאָסטבאַרע מתנות, אַז קיינער זאָל נישט וויסן . . .

באַרבאַראַ איז געווען די איינציקע אַרבעטערין אין פעלהענדלערס פאַבריק, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פוטערנעם ביבערנעם מאַנטל, אַ האַנט־זייגערל, באַזעצט מיט דימענטן, און קאָסטבאַרע קליידער. באַרבאַראַ האָט געוואוינט דעם צוטרוי פון לודוויגן. פאַר איר פלעגט ער אויסגיסן זיין שווער האַרץ וועגן זיין הולטאַיעשן זון, וועגן זיין אַלטער אָפּגע־לעבטער ווייב און וועגן אַנדערע פערזענלעכע ענינים. זיין באַרבאַראַן האָט ער געגלויבט . . .

נאָכן באַקומען דעם באַריכט פון די פּאַרלייט וועגן די סטרייקערס, פלעגט ער אַ פאַרביטערטער אַריינלויפן אין זיין ספּעציעלן אָפּרו־צימער. אין יענעם פּראַכטפולן „סאַונד־פּרוף"־קאַבינעט זענען נישט געווען קיין פענצטער און קיין טעלעפאָן. די עלעקטרישע ליכט האָט געשיינט מיט אַ ווייכן טונקל־בלויען ליכט. דער „עיר־קאַנדישיאָנער" האָט נישט גע־טומלט, און דער געפּילדער פון דער פאַבריק האָט אים נישט דער־גרייכט. אין זיין אָפּרו־צימער פלעגט ער זיך אָפּזונדערן ווען ער פלעגט

פילן צופיל אנגעשטרענגט, ווען אַ קונה האָט באַנקראָטירט און אים נישט באַצאָלט דעם חוב, אָדער ווען ער האָט געהאַט אַ שאַרפן דורכהייד מיט זיין זון.

דאָרט, אין זיין אָפּגעזונדערטן אָפּרו־אַפּים פלעגט ער דיקטירן באַר־באַראַן זיינע וויכטיקע קאָנפידענציעלע בריוו. קיינער האָט נישט גע־וואָגט אַנקלאַפּן אין דער טיר פון זיין אָפּרו־קאַבינעט. בלויז זיין שיינע יונגע, בלאָנדע פּריוואַט־סעקרעטאַרשע און ער האָבן געהאַט דעם שליסל צו דעם קאַבינעט, — זייער אָפּגעזונדערטע וואַרעמע נעסט . . .

דאָרט, אין זיין אָפּרו־קאַבינעט, פלעגט ער וואַרטן אויף זיין באַר־באַראַן, אַז זי זאָל אים דערציילן דעם אמת וועגן די סטרייקערס־פּאַראַדן און וועגן די אויפגעבראַזעטע ריוועלוציאָנערע אייניוואוינערס. באַרבאַראַס באַ־ריכט פלעגט אים שטעכן ווי שפּיזן. אַ דערשלאָגענער און אַ צעווייטיק־טער פלעגט ער בלייבן ליגן אויף דער ברייטער ווייכער מיט טונקל־בלויער לעדער־באַדעקטער סאָפע, איינגעהילט אין פינצטערער שרעק, אַז זיין ליכטיקע זון לעשט זיך און האַלט ביים אונטערגיין; געדיכטע שוואַרצע וואָלקנס פאַרדעקן זיין בלויען הימל און אַ בייזער שטורעם האַלט ביים אויסברעכן. ער פילט מיט אַלע זיינע חושים, אַז אַ גרוי־זאַמע געפאַר רוקט זיך אַן אויף אים און דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן פילט ער זיך, דער מעכטיקער לודוויג פעלהענדלער, מאַכטלאָז און הילפ־לאָז קעגן אַן אָרעמען שוואַכן שונא, וואָס איז דאָך שטאַרקער פון אים.

אַזוי טאָג נאָך טאָג. די פאַרלייט דערציילן אים. זיין באַרבאַראַ דער־ציילט אים . . . און ער ליגט שעהן לאַנג אויף דער סאָפע, אָפּגעזונדערט, פאַרשלאָסן אין זיין ספּעציעלן אָפּרו־קאַבינעט, וואָס איז שוין מער נישט קיין אָפּרו־פּלאַץ פאַר אים, נאָר עפּעס אַ פינצטערער קעלער־צימער, וואו ער ליגט פאַרשפּאַרט אַ גייסטיק־צערודערטער חולה . . .

און פּלוצים האָט אַ דונער אַ זעץ געטאָן איבער זיין פאַרוואָלקנטן הימל. באַרבאַראַ האָט געלייענט פאַר אים צוויי בריוו, אַדרעסירט צו אים פּערזענלעך, און „שטרענג קאָנפידענציעל", אין וועלכע די פאַר־וואַלטערס פון ביידע גרויסע דעפּאַרטמענט־סטאָרס פון ריוועלוויל לאָזן וויסן, אַז זייערע קונים וואָס פלעגן שטענדיק קויפן די פעלהענדלער גע־מאַכטע שיך, ווילן מער נישט קויפן קיין שיך וואָס טראָגן דעם נאָמען פון זיין פירמע. זיי ווילן זיי אַפילו נישט נעמען אין זייער הענט, ווי זיי

וואָלטן מורא געהאַט, אַז די שיך פֿאַרבאָרגן אין זיך באַצילן פֿון אַן ערנסטער אַנשטעקנדיקער חולאַת . . .

עס איז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אַז ער, לודוויג פֿעלהענדלער, האָט באַקומען אַזאַ שטאַרקן, ברוטאַלן קלאַפּ. עס האָט אים אַ שווינדל געטאָן פֿאַר די אויגן. זיין אַפּרו־קאַבינעט האָט זיך אַ וויג געטאָן. אַ הייסע כוואַליע האָט אים פֿאַרשלונגען . . . ער האָט דערפֿילט אַ קלעפּיקע שוויים־נאַסקייט איבער זיין קערפּער. עס איז אים ענג געוואָרן אין האַלדז. עס איז אים טרוקן געוואָרן אין מויל. זיינע הענט האָבן געציטערט. אַ מידע שוואַכקייט איז אים באַפֿאַלן און ער האָט מיט זיינע לעצטע כוחות אַרויסגעכאַרכלט:

— באַיקאָט? באַיקאָט אויף מיינע שיך!

באַרבאַראַ האָט אַרויסגענומען אַ פֿלאַש קאָניאַק פֿונעם שאַפֿקעלע. זי האָט אָנגעפֿילט אַ גלעזל און עס דערלאַנגט איר באָס. ער האָט אַ זופּ געטאָן פֿונעם גלעזל און אַרויסגעמורמלט:

— באַרבאַראַ, טעלעפֿאָניר מיין פֿראַנצן, זאָל ער תיכּף אַריבערקומען.

איין בליק אויף זיין שווער, און פֿראַנץ איז געווען זיכער, אַז ער, לודוויג, האַלט ביים צוזאַמענברעכן. אַ וואַרעמע פֿרייד האָט אים צאַרט אַ גלעט געטאָן . . . אַ פֿעטע ירושה . . . אַלץ וואָס לודוויג פֿאַרמאָגט וועט אינגיכן באַלאַנגען צו אים, צו פֿראַנץ וויינהאַרץ . . .

פֿעלהענדלערס נערוועזע שטים האָט שאַרף איבערגעריסן זיינע פֿריי־לעכע געדאַנקען.

— פֿראַנץ, עס מוז נעמען אַ סוף . . . עס טויג נישט . . . נאַ, לייען די בריוו פֿון די דעפּאַרטמענט־סטאָרס!

פֿראַנץ האָט שנעל איבערגעלייענט די בריוו, און מיט פּראַקטיקער קאַלטבלוטיקייט און מיט זיכערקייט אין זיין קול אַרויסגערעדט:

— ס'איז אַ טריק, לודוויג, אַ קאָמוניסטישער טריק און אַ פֿעיק! די קונים זענען אונטערגעשיקטע פֿון דער יוניאָן . . . און די מענעדזשערס זענען גלאַט אייזלען, וואָס זענען נישט קיין מבֿינים אויף פֿעיק־קונים, אָדער אונטערגעקויפֿטע לומפּן פֿון דער יוניאָן. שיק זיי צוריק זייערע בריוו און זאָג זיי, אַז דו ביזט אַ מבֿין אויף די פֿעיק־ און טריק־מעטאָדן פֿון די קאָמוניסטן, וואָס קאָנען אָפּנאַרן עפּעס אַ נאַאיוון יאָלד, אָבער נישט לודוויג פֿעלהענדלערן . . .

לודוויג איז ממש איבערראַשט געוואָרן פון זיין איידעמס קלוגע און לאָגישע אויסטייטשונגען אויף די בריוו פון די פּאַרוואַלטערס פון די דעפּאַרטמענט־סטאָרס, און אַ גרויסע באַוואונדערונג פון פראַנצעס שאַרפן מוח איז אויפגעגאַנגען אין אים און וואַרעם געגלעט און איינגעשטילט. בלויז איין געדאַנק האָט אים אַ שניט געטאָן: עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן פאַרוואָס ער, לודוויג, דער געניאַלער פאַבריקאַנט און געשעפטסמאַן, וואָס האַנדלט זיין גאַנץ לעבן מיט קלוגע געשעפטסלייט, מיט באַנקירן, אַדוואָקאַטן און אַרבעטער, און איז אַ גרויסער מבין אויף אַלערליי געשעפט־קונצן, און לאָזט זיך קיינמאָל נישט אַרייננאַרן אין זאַק אַריין פון קיינעם, איז, ווי קומט עס, וואָס אים, לודוויגן, איז נישט איינגעפאַלן, אַז די קונים וואָס באַיקאָטירן זיין סחורה, זענען אונטערגעשיקט פון דער יוניאָן, און אַז די סטאָר־מענעדזשערס זענען אונטערגעקויפט. פון זיין אייגענער דערפאַרונג ווייסט ער דאָך, אַז ערב־קריסטמעס און ניי־יאָר און אַלע אַנדערע ימים־טובים מוז ער שיקן קאָסטבאַרע מתנות, מערסטנס געלט־מתנות, צו די וויכטיקע אָנגעשטעלטע אין די קראָמען, וואָס קויפן זיינע שיך, און הימל־עפן־זיך אויב ער קריוודעט עמיצן פון זיי . . . זיי שעמען זיך נישט אים צו דערמאָנען ביי יעדער געלעגנהייט מיט שפּיציקע ווערטעלעך און וויצן, אַז ער, לודוויג, „צאָלט נישט זיינע חובות" . . . אָדער זיי אַנטשולדיקן זיך פאַר אים ממזריש־ביטרע, פאַרוואָס זיי האָבן אים נישט געשיקט קיין מתנה אויף יום־טוב . . .

און דאָך האָט ער נישט פאַרשטאַנען דעם איצטיקן יוניאָן־טריק . . . אָבער פראַנץ; ער האָט גיך אַנגעטאַפּט דעם טריק. פראַנצס שאַרפער מוח עפנט אַלע סודות־שלעסער, וואָס זיינע קעגנער דערפינדן . . . עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער, לודוויג, האָט אַפילו נישט קיין טראַכט געטאָן וועגן אַזאַ מעגלעכקייט, אַז די גאַנצע מעשה אין די בריוו וועגן אַ באַיקאָט אויף זיינע שיך איז אַ פּעיק און אַ טריק.

אָבער ער האָט נישט געוואָלט, אַז זיין געניאַלער איידעם זאָל, חלילה, קומען צום שלום, אַז זיין שווער, דער גרויסער לודוויג פעלהענדלער, איז אַ נאַאיווער מענטש, אַ שוטה, וועמען מ'קאָן גרינג „באַאַרבעטן", און דער עיקר, ער האָט געברענט פון נייגעריקייט אויסצוגיסן זיין שווער, ביטער האַרץ פאַר פראַנצן און אים דערציילן וועגן די האַרץ־ווייטיקן,

וואָס די סטרייקערס פאַרשאַפן אים. ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט באַהאַלטן זיינע ווייטיקן און ער האָט אַרויסגעשאָסן:

— יאָ, פראַנץ, איך האָב אויך געטראַכט, אַז עס קאָן זיין אַ טריק, אָבער איך זאָג דיר, אַז דער טריק קאָן ווערן ערנסט . . . דער באַיקאָט קאָן זיך פאַרשפּרייטן, אָנשטעקן רעוואָלוציע און קאָן אַפילו אַריבער די גרענעצן פון רעוואָלוציע . . . דו, פראַנץ, ווייסט דאָך, אַז אַ גלאַט־אָפּגע־טאָקטער טריק און שווינדל אַרבעט זייער אָפט ווי כישוף. גרויסע גע־שעפטסלייט, אַדוואָקאַטן, פּאָליטישנס און רעגירונגען, — אַלע באַנוצן זיך זייער אָפט מיט פאַרשידענע טריקס און פעיק־מיטלען ווען נייטיק מיט פאַנטאַסטישן דערפאָלג. קלוג־אויסגעאַרבעטע טריקס זענען זייער אָפט ווירקזאַמער ווי הארטע אמתן און אונדזער וועלט. פראַנץ, איך טראַכט נאָך אַלץ, אַז דאָס איז דער אָנהייב פון אַ פאַרדאַמטן באַיקאָט קעגן מיר. און די פאַראַדן מיט די נידערטרעכטיקע אויפשריפטן אויף זייערע פּלאַקאַטן שלעפּן מיין נאָמען אין רינשטאָק . . . און רעוואָלוציע אַפּלאַדירט זיי, מיינע שונאים, און שטיצט מיט געלט אויפצוהאַלטן זייער שפּייז־קראַם.

— און איך צאָל אים יעדע וואָך שווערע טויזנטער דאָלער, מיין שווער־פאַרהאָרעוועט געלט, צו פאַרטאַטשעס, וואָס קאָנען מאַכן שיך פאַר טויטע . . . און איך צאָל טויזנטער דאָלער צו געדונגענע באַשי־צער, וואָס קאָנען זיך אַליין אַפילו נישט באַשיצן . . . וואָס, פראַנץ, וועט זיין דער סוף? ווי לאַנג וועט די גאָט־פאַרדאַמטע אומגליקלעכע לאַגע דויערן? גיב אַ קוק דורך אַ פענצטער, נעם דעם שפּאַקטיוו און זע ווי זיי שפּאַצירן הין־און־צוריק מיט זייערע פאַרדאַמטע פּלאַקאַטן, וואָס שרייען־אויס צו דער וועלט, אַז לודוויג פעלהענדלער איז אַ בלוט־פאַרגיסער, אַ בלוט־זויגער, אַ — — —

פראַנץ איז געזעסן די גאַנצע צייט רואיק און אים נישט איבערגע־שלאָגן מיט קיין איין וואָרט און ווען לודוויג איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין קלאָג־רעדע, האָט ער אים געזאָגט:

— לודוויג, אַדאָלף ריכטערמאַן איז דאָך דיין פריינט, דו האָסט דאָך אים געמאַכט פאַר ריכטער. די פעטע הלוואות וואָס ער קריגט פון דיר באַצאָלט ער דאָך דיר נישט, נו, זע, אַז ער זאָל דיר געבן אַן „אינדזשאַנק־

שאַן״, וועסטו פּטור ווערן פון די פּיקעטס מיט זייערע פּלאַקאַטן ביי דיין פאַבריק . . .

לודוויג האָט געוואָלט שמייכלען, נאָר אינמיטן שמייכל האָט ער חרטה געקראָגן, און מיט אַן ערנסטן קול געענטפערט:

— נו, גוט, פראַנץ, אָבער דער „אינדזשאַנקשאַן״ קאָן דאָך נישט פּראָדוצירן קיין שיך . . . און די לויזיקע אינדעפּענדענט יוניאָן קאָן נישט פּראָדוצירן קיין איין לייטישע פּאָר שיך, און די געדונגענע מיט די שטאַרקסטע מוסקולן זענען נישט קיין שיך־אַרבעטער, און איך דאַרף שיך! איך דאַרף אויספילן באַשטעלונגען. די ממזרים, די פאַררעטער מיט די פּלאַקאַטן, זיי קאָנען פּראָדוצירן שיך! פאַרשטייסט, פראַנץ, איך דאַרף שיך! . . .

פראַנץ האָט געטראַכט, אַז אפשר איז נייטיק צו דערקלערן לודוויגן שאַרף און קלאָר, אַז דער פאַרמעסט קעגן מאַרקסיסטישן קלאַסנקאַמף איז וויכטיקער פון זיינע שיך; ער האָט געטראַכט, אַז דער שוואַכלינג וואָס גוואַלדעוועט, אַז ער נייטיקט זיך אין שיך וועט זיך, חלילה, אונ־טערגעבן און דער גאָט־פאַרדאַמטער יידישער מאַרקסיסט, קאַרל מאַר־קוס, וועט אַרויס דער זיגער אין דעם פאַרמעסט, וועלן אַלע זיינע האָפע־נונגען און זיין אָנערקענטע גרויסקייט צעשמעטערט ווערן, און דער נאָמען פראַנץ וויינהאַרץ, וואָס איז פאַרצייכנט אין גאָלדענעם בוך צווישן די ליכטיקע גייסטער, — די הויפּט נאַצי־פירער, — וועט אויס־געמעקט ווערן . . . עס האָט זיך אים זייער שטאַרק געגלוסט אַנצונעמען דעם גרויסן שיך־פאַבריקאַנט, לודוויג פעלהענדלער, ביים גאָרגל און אַריינשרייען אין זיין פעטן פּנים אַריין: „לודוויג לויז, לודוויג וואַנץ, דיינע לויזיקע שיך און דיינע גרויסע פּראָפיטן זענען בלאָטע, מיסט, אין פאַרגלייך מיט דעם נאָמען און גלאָריע און האָפענונגען פון פראַנץ וויינהאַרץ!״ ער האָט אָבער געצוימט זיין כעס און אַ טראַכט געטאָן, אַז ער, לודוויג, איז דאָך סוף־כל־סוף נישט זיין שונא. אַלע זיינע חושים זענען פאַרנומען מיט שיך און מיט מאַכן געלט, וואָס פריער אָדער שפּע־טער וועט עס ווערן זיין, פראַנצס, אייגנטום . . . זיין שונא איז דער ייד קאַרל מאַרקוס! ער, דער יידישער קאָמוניסט, האָט ביז איצט באַוויזן צו געווינען יעדע שלאַכט, און ער פירט זיין אַרמיי מיט אַ פעסטער האַנט. ער, דער פאַרביסענער מאַרקסיסט, איז אַ געפערלעכער שונא . . .

ער, דער יידישער יוניאָן־פירער, האָט עס צוגעטראָכט דעם פּלאַקאַטן־פּאַראַד און ער, קאַרל, האָט אונטערגעשיקט די קונים צו דעמאָנסטרירן זייער באָיקאָט אויף פּעלהענדלערס שיך . . . ער, דער ביטרער קאַרל מאַרקוס, ברעכט ביסלעכווייז לודוויגס רוקנביין, ער קלאַפּט אין לודוויגס שוואַכסטע פּונקטן, — אין זיין געלט־בייטל, אין זיין כבוד און טרייבט אים צו פאַרצווייפלונג.

פראַנץ איז געווען פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען. ער האָט נישט באַנומען אַלץ וואָס לודוויג קלאָגט און כריפּעט מיט אָנשטרענגונג. ער האָט אָבער קלאָר געהערט לודוויגס ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען ווי אַ געבעט: „מאַך אַ סוף! פראַנץ, געפין אַן אויסוועג!" און ער איז פאַרציטערט געוואָרן . . . דער אַלטער ברעכט זיך, האָט ער מיט ביטערקייט געטראַכט . . .

— באַרואיק זיך, לודוויג, איך בעט דיך, באַרואיק זיך, — האָט פראַנץ מיט אַן אָנשטעל פון איבערגעטריבענער פריינטשאַפט און זאָרג געזאָגט, — דיין געזונט, לודוויג, איז וויכטיקער ווי אַ מיליאָן פאַר שיך. דיינע שונאים ווילן פראָווען אַ באַנקעט אויב עס וועט זיי געלינגען אונטערצוגראָבן דיין געזונט. דאָס איז דאָך איינער פון זייערע הויפּטצילן.

— פאַרשטייסט דאָך, פראַנץ, ווי איך פיל, — איז לודוויג גערירט געוואָרן פון זיין איידעמס ווערטער, — עס טוט מיר ווייַ . . . — האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר זיין איידעם, פאַר זיינע רייד וואָס האָבן אָפּן אויסגעדריקט זיין שרעק, זיין פאַרצווייפלונג און זיין שוואַכקייט . . .

— דיר, פראַנץ, בלויז דיר דערצייל איך וואָס עס טוט מיר ווייַ . . .

פראַנץ האָט דערפילט, אַז זיינע רייד האָבן באַרואיקט לודוויגן. איצט, האָט ער געטראַכט, מוז ער באַנוצן זיינע פעאיקייטן אים צו דערמוטיקן און אים איבערגעווינען פאַר זיין עקשנותדיקן באַשלוס פון אויסדויער און קאַמף, קאַמף ביז דער ביטרער מאַרקסיסט, דער גאָט־פאַרדאַמטער קאַרל מאַרקוס מיט זיין יוניאָן, און מיט דעם סטרייק וועלן צעשמעטערט ווערן . . .

— לודוויג, איך זאָג דיר, אַז די קאָמעדיאַנטן שפּילן שוין אָפּ זייער לעצטן טרויעריקן אַקט. זייערע פּאַראַדן און די פּלאַקאַטן מיט די סקאַנדאַליעזע אויפשריפטן וואָס זיי טראָגן אַרום, איז דער אויסדרוק פון

דערצאָרנטע און פאַרצווייפלטע און מאַכטלאָזע.

— זייער באָיקאָט, פעיק־טריק מיט אונטערגעשטעלטע קונים אין די קראָמען, מוז פּלאַצן ווי אַ זייפנבלאָז. זיי פאַרמאָגן נישט קיין מאַסן־באַוועגונג פאַר אַ באָיקאָט. זייער אָרעמע שפּייזקראָם קאָן זיי נישט ראַטעווען פון זייער הונגער, ווי אַ קאַלטער קאָמפּרעס קאָן נישט אויסהיילן קיין קענסער.

— ערשטנס, שטייען זיי מיט דער טאָרבע ביי דער קראָם ווי בעטלער און זייער געזונקענע מאָראַל מוז זינקען נאָך נידעריקער.

— צווייטנס, וועלן זיי לאַנג נישט קאָנען פאַרדייען די פאַרפוילטע, שטינקענדיקע שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס די פאַרמערס האַרפן אַרויסוואַרפן און דערפאַר פאַרקויפן זיי דאָס מיסט צו דער יוניאָן פאַר האַלב־אומזיסט.

— און דאָס קליינע ביסל פאַרפירטע, ווייך־האַרציקע, צעקראָכענע קבצנים פון ריווערוויל וועט גיך מיד ווערן אונטערצוטראָגן דער יוניאָן זייערע אָרעמע נדבות.

— זיי ווייסן שוין, אַז זייער האָפענונג אויף אַ גיכן זיג איבער דיר איז שוין אויסגערונען און זייער עקשנות, וואָס זיי רופן מוט, האַלט ביים אויסוועפּן.

— אָבער דאָס וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן ביז איצט איז וויכטיק, נויטווענדיק און האָט געבראַכט גאָר־גאָר גוטע רעזולטאַטן.

— ערשטנס, האָבן מיר געשפּאָלטן זייער יוניאָן. זיי האָבן נישט דערוואַרט אַזאַ מעכטיקן קלאַפּ. זיי האָבן נישט געקאָנט אָפּשטעלן אונדזער סטראַטעגיע זיי צו שפּאַלטן און זיי קאָנען ניט היילן זייער וואונד, וואָס די שפּאַלטונג האָט פאַראורזאַכט. און דער עיקר, מיר האָבן באַוויזן דעם מאַב־יוניאָניסטן און אויך גאַנץ ריווערוויל, אַז לודוויג פעלהענדלער בלייבט קיינמאָל נישט אַליין אין אַ קריטישן מאָמענט אָן פריינט, אָן אונטערשטיצער און אָן באַשיצער קעגן אַ צעיושעטן מאַב.

— דערפאַר, לודוויג, האָבן מיר אָרגאַניזירט די אינדעפּענדענט יוניאָן. אמת, דו פאַרלירסט געלט, אָבער וויפל פאַרלירן זיי, די סטרייקערס, אין שכירות יעדע וואָך וואָס זיי סטרייקן? מעגסט זיין זיכער, אַז יעדע וואָך אָן דעם „פּעי־ענוועלאָפּ“ איז אַ טרויעריקע און ביטערע וואָך פאַר יעדן איינעם פון זיי. ווי לאַנג דענקסטו קאָנען זיי דאָס אויס־

האַלטן? אָבער דיין „פּעי־דעי" איז דאַנקען גאָט געזיכערט און זיי ווייסן דאָס.

לודוויג איז געזעסן ווי היפּנאָטיזירט פון זיין איידעמס געניאַלער צע־גלידערונג פון די אומשטריי̇טבאַרע פאַקטן, וואָס באַשטעטיקן ווידער, אַז פראַנצס אַפּשאַצונג, אַז „די קאָמעדיאַנטן שפּילן זייער לעצטע קאָרט", איז אַ ריכטיקע, און ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבן צו באַגרייפן די וויכטיקע באַדייטונג פון פראַנצס געניאַלער סטראַטעגיע צו אָרגאַניזירן די אינדעפּענדענט יוניאָן און מיט דעם באַווייזן דער וועלט, אַז לודוויג פעלהענדלער בלייבט נישט אַליין אין אַ קריטישן מאָמענט, אַז לודוויג פעלהענדלער איז שטענדיק אַרומגערינגלט מיט פריינט און אונטער־שטיצער . . .

— געניאַל! אַבסאָלוט געניאַל! — האָט ער שטיל געמורמלט.

אַ פרייד, אַ וואַרעמע פרייד איז אויפגעגאַנגען אין אים און אים גע־צערטלט: ער איז נישט אַליין! ריוועררוויל ווייסט, אַז אין גרעסטן קריזיס אין זיין לעבן זענען אמתע פריינט אים געקומען צוהילף, נישט געקוקט דערויף וואָס מ'זידלט זיי און מ'פאַרדאַמט זיי עפנטלעך. און אפילו ווען זיי ווייסן, אַז זייערע לעבנס זענען אין געפאַר קומען זיי יעדן טאָג אין זיין פאַבריק . . . כדי ער, פעלהענדלער, זאָל נישט בלייבן אַליין אין זיין קאַמף מיט דעם ווילדן מאָב סטרייקערס . . . און עס איז דאָך זיכער אומגלויבלעך, — האָט ער געטראַכט מיט איבערגעטריבענעם שטאָלץ, — אַז די מענטשן ריזיקירן מיט זייערע לעבנס בלויז צוליב זייערע פאַרדינסטן . . . צוליב געלט וועלן מענטשן נישט איינשטעלן זייערע לעבנס . . . בלויז העכערע מאָטיוון ווי געלט באַוועגן מענטשן זיך מקריב צו זיין פאַר נאָבעלע טאָטן . . . זייער רעספּעקט און איבער־געגעבנקייט צו אים, צו לודוויג פעלהענדלער, דעם דערפאָלגרייכן פאַב־ריקאַנט און פילאַנטראָפּ און מענטשן־פריינט, האָט זיי באַוואויגן אים צו העלפן אין זיין נויט . . . ריוועררוויל ווייסט דאָס. און די גאַנצע וועלט ווייסט איצט, אַז ער איז נישט אַליין, נישט קיין איינזאַמער, פאַר־שטויסענער און פאַראַכטעטער מיליאָנער . . . אמת, ער פאַרלירט אַ סך געלט, וויל זיינע אונטערשטיצער האָבן בלייענע פינגער, זענען פאַר־טאַטשעס און פירן איבער גוטע קאָסטבאַרע לעדער, אָבער ער וועט איינ־מאָנען זיינע פאַרלוסטן און זיינע פּראָפיטן וועלן נאָך מער שטייגן, ווען

דער סטרייק וועט זיך ענדיקן . . . ער ווייסט ווי אַזוי . . . אָבער ווען, ווען וועט דער סטרייק זיך ענדיקן? — האָט אַ בליציקער געדאַנק אים אַ שניט געטאָן . . .

— ווילסט דאָך מסתם וויסן מיין מיינונג, ווי אַזוי און ווען דער סטרייק וועט פּלאַצן? דאָס, לודוויג, איז דאָך דיין פּראָבלעם, די איינ־ציקע פראַגע, וואָס לאָזט דיך נישט רוען . . .

— האַ? — האָט לודוויג אַ פרעג געטאָן מיט איבעררעאַשונג. — פראַנץ לייענט דאָך זיינע געדאַנקען, — האָט אַ געדאַנק פון פאַרדאַכט און באַוואונדערונג אים אַ טרייסל געטאָן און אַ דין שמייכעלע האָט אַ שוועב געטאָן איבער זיינע פעטע ליפּן.

— געוויס בין איך פאַראינטערעסירט אין, — — אין — — דאָס איז דאָך מיין, ריכטיקער געזאָגט, אונדזער פּראָבלעם, — האָט ער גע־שטאַמלט.

— — נו, בלויז פון די עטלעכע פאַקטן וואָס מיר האָבן איצט באַ־טראַכט איז קלאָר, אַז מיר האָבן אַריינגעפירט די יוניאָן און דעם סטרייק אין דעם פינצטערן טאָל פון האָפענונגלאָזיקייט. בלויז איין אָנ־האַלט פאַרמאָגן זיי, איין אָנהאַלט! איין גאָט־פאַרדאַמטער און פאַר־שאָלטענער כוח האַלט זיי אויף ווי אַ רויב־פויגל האַלט זיין קרבן אין זיינע מעכטיקע שאַרפע נעגל. קיין צווייפל, אַז גאָר אַ גרויסע צאָל פון די סטרייקערס זוכט אַ וועג זיך צו באַפרייען פון דעם אומריינעם און קראַנקן גייסט, וועמענס לעבנס־זאַפט און קראַפט ס'איז די שטרעבונג צו „הערש און באַהערש״; פאַרשטייסט, לודוויג?

לודוויג האָט געשוויגן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס פראַנץ מיינט מיט זיינע ווערטער, „רויבפויגל״, „אומריינער גייסט״ . . . אָבער ער איז געווען זיכער, אַז אין פראַנצס שאַרפן, קלאָרן און געניאַלן מוח קלאָרט זיך אויס עפּעס אַ וויכטיקער געדאַנק, פון וועלכן עס וועט גע־בוירן ווערן אַ פּלאַן פון געוואַלדיקער וויכטיקייט, וואָס וועט אים אויס־לייזן פון זיין זאָרג, אַנשטרענגונג און שלאָפלאָזע נעכט, און ער האָט געפילט אַ טיפע דאַנקבאַרקייט צו זיין איידעם, וואָס ער טיילט זיך מיט אים, מיט לודוויגן, מיט זיינע טיפע געדאַנקען וואָס זענען פאַרהוילט אין עפּעס אומקלאָרע מיסטישע ווערטער וואָס ער, לודוויג, פאַרשטייט נישט, אָבער פראַנץ, ער ווייסט וואָס ער רעדט. מסתמא, — האָט לוד־

וויג געטראכט, — איז דער פראצעס פון דענקען ביי גענויאלע פערזענ־לעכקייטן אזא פארטיפטער, אז ווען א געדאנק הייבט זיך אן אויסצו־קלארן אין זייער מוח און הייבט אן אויסשמידן א פלאן פאר פראקטי־שער אנווענדונג, שטראמט ארויס זייער דענקען געקליידט אין יום־טוב־דיקע מלבושים־ווערטער. לודוויג האט געווארט אויף דעם עיקר: ווען און ווי אזוי פראנץ וועט מאכן א סוף צו דעם סטרייק . . .

— אט דער לעצטער אנהאלט זייערער, — האט פראנץ באטאנט, — אט־די קראפט וואס באהערשט זיי און האלט זיי געבונדן, געפענטעט און געצוימט ווי מאכטלאזע האלב־ווילדע שקלאפן, מוז אומבאדינגט באזייטיקט ווערן. אזוי לאנג ווי זיי זענען אונטער דעם פינצטערן היפ־נאטיש־פארכישופטן כוח, איז אונדזער האפענונג אויף א גיכן צוזאמענ־בראך פון דעם סטרייק זייער שוואך, אבער אין דעם מאמענט ווען זיין לעצטער אנהאלט וועט באזייטיקט ווערן, וועט א דונער א קראך טאן איבער זייערע קעפ. ווי א צעלעכערטע שיף אז א רודער אויפן אויפגע־שטורעמטן ים . . . א פאניק צווישן די פאסאזשירן איז אומפארמייד־לעך... פארצווייפלטע ווארפן זיי זיך אין א ים און מיט די לעצטע כוחות שטרענגען זיי זיך אן צו דערגרייכן דעם נאענטן ברעג, אהיים, אהיים... און זיי וועלן זייער גאנצן לעבן זיין דאנקבאר די מעכטיקע הענט וואס וועלן זיין אויסגעשטרעקט צו זיי און זיי ראטעווען פון אונטערגאנג.

— דו פארשטייסט, לודוויג? זעסט פאר זיך דאס בילד?

לודוויג האט זיך אנגעשטויסן, וואס פראנץ מיינט מיט זיינע ווער־טער: „מיט די לעצטע כוחות וועלן זיי שווימען צו דערגרייכן דעם נאענטן ברעג אהיים", דאס איז ביי אים געווען דאס וויכטיקסטע . . . עפעס האט ער יא פארשטאנען, אז פראנץ פארנעמט זיך אויף עפעס גאר א גרויסן פלאן צו צעקלאפן די סטרייקערס לעצטע שטארקע פאזיציע, זייער לעצטן אנהאלט. אבער עפעס איז אים נישט געווען קלאר וואס דער אנהאלט איז. אבער ער איז געווען זיכער, אז זיין פראנץ ווייסט וואס ער רעדט און ער מעג זיך פארלאזן אויף פראנצן וואס איז זיין שטארקסטער אנהאלט . . .

. . . בלויז עטלעכע טעג שפעטער האט לודוויג אויסגעפונען, וואס פראנץ האט געמיינט מיט זיינע רייד: „זייער לעצטער אנהאלט מוז באזייטיקט ווערן".

אַן אַטאַקע אויף קאַרל מאַרקוס

דער זומער האָט זיך געענדיקט. פון צפון האָט פלוצים אָנגעטראָגן אַ קעלט. מיט יעדן טאָג איז געוואָרן אַלץ קעלטער. פאַרטאָג פלעגט די זון שײַנען אַ ליכטיקע, אַ קלאָרע, אָבער זי איז גיך פאַרדעקט געוואָרן מיט די גרוי־טונקעלע וואָלקנס, וואָס האָבן בײַז פאַרפלײצט דעם הימל. גרויע קאַלטע טעג האָבן ברוגזדיק און שווער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף ריווער־וויל. די נעכט זענען געווען נאָך קעלטער ווי די טעג. אָבער די קעלט האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. נאָך דרײַ קאַלטע טעג זענען די וואָלקנס פאַרשוואונדן. אויף דעם לויטערן בלויען הימל זענען אַרומגעשוואומען שטיקער ווײַסע, ווייכע וואָלקנס ווי די איבערבעטן; די זון האָט באַגאָסן שטאָט, באַרג, פעלד און טאָל מיט גינגאָלדענע ליכטיקע שטראַלן. זי האָט נישט געבאַקן און נישט געבראָטן ווי אין די הייסע זומער־טעג, זי האָט מחיהדיק געוואַרעמט.

אין אָוונט פלעגט זי פײַערדיק־רויט זיך אַרונטערגליטשן אונטער די הויכע בערג און אָנצינדן דעם מערבדיקן הימל־ברעג, וואָס האָט זיך בּיסלעכווײַז אויסגעלאָשן און איבערגעלאָזט אַן אומעטיקע בענקשאַפט. ביז די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט מיט אַ סודותדיקער שטילקייט. הויך אין לויטער־בלויען הימל האָבן אַן אַ צאָל שטערן געפינקלט און אַ רײַפטל געלבלעכע לבנה איז רואיק געשוואומען און געציילט די שטערן . . . דער אינדיאַנער־זומער האָט איבערגענומען די ממשלה . . .

. . . אין יענער נאַכט זענען די שטערן אויסגעלאָשן געוואָרן. בײַ־טאָג איז געווען וואַרעם און די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט פײַכט־קייט. אין אָוונט איז די זון דערטרונקען געוואָרן אין אַ ריזיקן שוואַרץ־וואָלקנדיקן ים, וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער לענג פון דעם מערב הימל־ברעג און האָט זיך בּיסלעכווײַז צעגאָסן און צעכוואַליעט איבערן גאַנצן הימל. בלויז דאָ און דאָרט צווישן איין הימל־כוואַליע און דער צווייטער, האָט אַרויסגעקוקט אַ שטיק בלויער הימל און אַ שטערן האָט זילבערדיק אַ פינקל געטאָן און איז באַלד פאַרפלײצט געוואָרן פון אַ שוואַרצער כוואַליע.

קאַרל מאַרקוס האָט מיט שטילע און גלאַסענע טריט געשפּאַנט אַהיים פון דעם מיטינג פאַרזונקען אין געדאַנקען. דער מיטינג פון די סטרײַ־

קערם האט זיך פארצויגן אביסל צו לאנג און זיך פארענדיקט שפעט אין דער נאכט, נאר קיינער האט זיך נישט געאיילט אהיים. ווען דער מיטינג איז פארענדיקט געווארן זענען די סטרייקערס נאך פארבליבן אין זאל און דיסקוטירט וועגן דעם מיטינג, וועגן די ווייטערדיקע אויסזיכטן פון סטרייק און אנדערע ענינים.

זיי ווילן גארנישט גיין אהיים, — האט קארל געטראכט. — א גאנצן טאג זענען זיי געווען אויף דער פיקעט־לאין. דערנאך האבן פיל פון זיי געארבעט אין און ארום דער שפייז־קראם. א גאנצן אוונט האבן זיי פארבראכט ביים מיטינג, און איצט, נאכן מיטינג, שטייען זיי אין רעד־לעך און זיי ווילן זיך נישט צעשיידן . . . נאכן טאג ארבעט אין דער פאבריק פלעגן זיי זיך צעלויפן ווי מען וואלט זיי געיאגט מיט שטעקנס. זיי זענען אנדערע מענטשן, האט קארל געטראכט מיט טיפן פארגע־ניגן . . . אין דער פאבריק, כאטש זיי האבן געארבעט בשכנות יארנלאנג, זענען זיי דאך פארבליבן כמעט אפגעפרעמדט איינער פון דעם צווייטן; יעדער האט געלעבט מיט זיך, מיט זיינע אייגענע פערזענלעכע פראב־לעמען, דאגות, פאמיליע־צרות, פארלאנגען און האפענונגען . . . איצט אבער האט זיי איין אידעאל פאראייניקט, פארבונדן . . . איין פאמיליע מיט דעם זעלבן עקשנותדיקן פארלאנג — געווינען זייערע פאדערונגען. זייער קאמף האט זיי אינספירירט. זיי האבן אנטדעקט זייער מאכט קעגן דעם מעכטיקן באס און זיי פילן זיך שטאלץ און דערהויבן . . . זיי פארשטייען, אז אין זייער איבערגעגעבנקייט פון איינעם צום צווייטן ליגט דער סוד פון זייער מאכט אין אומפארמיידלעכן דערפאלג . . . איצט האבן זיי אויסגעפונען אז זיי זענען נישט קיין הילפלאזע באשע־פענישן, אז זיי פארמאגן דעם נייטיקן כוח צו באשיצן זייער זעלבסט־ווירדע, זיי פאדערן . . . און קעמפן פאר זייער רעכט און יושרדיקע באַ־לוינונג פאר זייער ארבעט . . . אין געציילטע טעג זענען זיי געווארן אנדערע מענטשן . . .

איצט ווייסן זיי שוין פון זייער אייגענער דערפארונג, אז די חוצפה און עקשנות פון זייער געוויסנלאזן עקספלואטאטאר, דער היפאקריטי־שער הומאניסט און פילאנטראפ, מיסטער לודוויג פעלהענדלער, שטאמט פון דעם וואס ער איז א מיליאנער און קאן קויפן א ריזיקע ארמיי באַ־שיצער, פארטיידיקער און ארויסהעלפער. דאס זענען נישט בלויז די

סטרייקברעכער, נאַציס און גענגסטערס, נאָר אויך וויכטיקע פּאָליטישנס מיט גלאַטע צינגער, פּיפּיקע צייטונג־שרייבער, און אַפילו אַ גרויסע צאָל הויך־געלערנטע, אינטעלעקטואַלן, וואָס פאַרדאַמען סטרייקערס אַלס קאָמוניסטן און רעוואָלוציאָנערן.

קאַרל וואונדערט זיך ווי די סטרייקערס פאַרשטייען די פּראָבלעמען פון די יוניאָנס און פון סטרייקס; זיי ווייסן ווער עס זענען די שונאים פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער. וואו, — טראַכט קאַרל, — האָבן זיי געלערנט וועגן דעם היסטאָרישן קאָנפליקט צווישן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און דעם אַרבעטער־קלאַס? ווייזט אויס, אַז זייער געזונטער אינסטינקט, זייער געזונטער שכל און זייער אייגענע דערפאַרונג איז זייער לערער און זיי זענען פליסיקע תלמידים.

אָבער נאָך מער וואַקסט קאַרלס באַגייסטערונג ווען ער טראַכט וועגן די יונגע סטרייקערס, די אַקטיוויסטן, די פּאַרטיידיקונג־קאָמיטע, דער רוקנביין פון דער יוניאָן, די נשמה פון דעם סטרייק, די אומדערשראָקענע און מוטיקע קעמפּער. דאָס איז דער ריינסטער, בעסטער מענטשן־מאַטעריאַל וואָס איז געבענטשט מיט זעלטענע פעאיקייטן זיך מקריב צו זיין פאַר הויכע אידעאַלן, און פאַר זייערע אַרבעטער־חברים.

קאַרל דערמאָנט זיך, אַז אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען אַ מיטגליד פון דעם בערלינער אָפיצערן־קלוב. אַלע זינדלעך פון רייכע יחוסדיקע פאַמיליעס, און כמעט אַלע מיט אַקאַדעמישער בילדונג, דער שטאָלץ פון דער דייטשישער אַרמיי און פון דער דייטשישער באַפעלקערונג. אָבער אַלע, מיט ווייניק אויסנאַמען, זענען געווען אָנגעשטעקט און צעפרעסן פון פּוסטער גאווה, סנאָביזם, קראַנקער עגאָאיזם, היפּאָקריטסטוואָ, אויסגעלאַסנקייט, קנאה, שנאה און געוויסנלאָזער עקלדיקער שאָוויניזם. יעדער „נישט־דייטש" איז ביי זיי פאַררעכנט געוואָרן ווי איינער פון אַ נידעריקער ראַסע . . .

אַ שווידער כאַפּט איצט אַרום קאַרלען ווען ער דערמאָנט זיך אין יענע יונגע דייטשישע אָפיצערן און ער מורמלט, „דער אָפּפאַל פון דער מענטשהייט".

אָבער אַ וואַרעמער געפיל פון שטאָלץ און טיפער דרך־ארץ גייט אויף אין אים ווען זיינע געדאַנקען פירן אים צוריק צו דער פרייוויליקער „רענק־און־פאַיל פּאַרטיידיקונג־קאָמיטע". ער איז באַקאַנט מיט יעדן

איינעם פון זיי. ער ווייסט אַז זיי זענען אַרבעטער פון כּמעט־קינדווייז־אָן, זיין פון אַרבעטער־עלטערן. דער גרעסטער טייל פון זיי באַזיצן ווייניקער פון עלעמענטאַרער בילדונג. דוכט זיך, דורכשניטלעכע אַרבעטער, אין זייער בלוט האָבן זיי איינגעזאַפּט אַ גלייענדיקן האַס קעגן דער שווידערלעכער אומגערעכטיקייט קעגן דער עקזיסטירנדיקער „געזעצלעכער" ברוטאַלער עקספּלואַטאַציע, קעגן דעם „געזעצלעכן" רויב און גזילה און אונטערדריקונג פון די מיליאָנען האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן צוליב זייער הילפלאָזיקייט באַשאַפן די אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן פאַר די ביליאָנערן און מיליאָנערן צו ווערן די מעכטיקע הערשער איבער דעם לאַנד און איבערן פאָלק.

קאַרל ווייסט, אַז אין די אַרבעטער האָט פון זייער פריער יוגנט אָן אויפגעבליצט דאָס שיינענדיקע ליכט פון אַן אידעאַל, — דער לעכצנדיקער טרוים פון אַ וועלט געבויט אויף יסודות פון גערעכטיקייט, פרייהייט, גלייכהייט און ליבשאַפט פון מענטש צו מענטש. אָט־די ליכטיקע און וואַרעמע שטראַלן פון זייער אידעאַל באַהערשט און אינספּירירט זיי און דערהייבט זיי צו דער העכסטער מענטשלעכער מדרגה פון טיפער איבערגעגעבנקייט צו זייערע חברים סטרייקערס; זיי זענען גרייט מקריב צו זיין זייערע אייגענע לעבנס צו באַשיצן די לעבנס פון זייערע ברידער און שוועסטער אַרבעטער; זיי באַלאַנגען צו דעם נייעם מין מענטש, — דער אמת־ציוויליזירטער מענטש . . .

טיפער ערנסט און ערלעכע מענטשלעכע אויפריכטיקייט קוועלט אַרויס פון זיי ביי יעדער געלעגנהייט, בליצט אויף אַ פרישער נייער געדאַנק אין קאַרלס מוח, ווען ער גיט אַ טראַכט ווי שנעל די רענק־און־פאַיל אַקטיוויסטן האָבן זיך באַפריינדעט און פאַרברידערט מיט די נעגער־סטרייקערס. פון דעם ערשטן מאָמענט וואָס די גרופּע נעגער־אַרבעטער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון די סטרייקערס, האָט אַ שטראָם פון אויפריכטיקער פריינטשאַפט אַ פלייץ געטאָן און אַרומגעכאַפּט די ווייסע און שוואַרצע סטרייקערס מיט זייערע פאַמיליעס.

זיי, די ווייסע רענק־און־פאַיל אַקטיוויסטן ווייסן, אַז אין דער ווירקלעכקייט זענען די נעגערס נאָך אַלץ נישט באַפרייט פון קנעכטשאַפט. אַז דער מעכטיקער, רייכער ווייסער הערשער־קלאַס האָט נישט דעם מינדסטן חשק צו באַפרייען זיינע מיליאָנען שוואַרצע קנעכט וואָס ווערן

באַלוינט פאַר זייער שווערער האָרעוואַניע מיט דחקות, נויט, הונגער, אָפּגעזונדערטקייט און מיט טאָג־טעגלעכער מורא און געצוואונגענער אונטערטעניקייט, און אַז די נעגער־מאַסן, יונג און אַלט, מאַן און פרוי, ווערן דערנידעריקט, באַליידיקט און געזידלט אין די גאַסן, אין די קראָ־מען, אין די פאַבריקן, אויף די וואָקזאַלן, אין די צוג־וואַגאָנען און אין די געזעלשאַפטלעכע און רעגירונג־אינסטיטוציעס, — אומעטום, וואו די ווייסע חוצפּהדיקע הערשאַפט דערגרייכט.

... דער זעלבער לעכצנדיקער טרוים און דורשטיקע שטרעבונג פאַר פרייהייט, גערעכטיקייט און גלייכקייט האָט פאַרבונדן די ווייסע רענק־און־פאַיל אידעאַליסטישע קאַמיטע, מיט זייערע שוואַרצע ברידער. דער קאַמף קעגן דעם געמיינשאַפטלעכן שונא האָט זיי פאַרברידערט. זייער פעסטער גלויבן אין דעם אומפאַרמיידלעכן נצחון פון די אונטערדריקטע באַגייסטערט און צעמענטירט ענגער די פאַרייניקטע רייען פון די ווייסע און שוואַרצע קעמפער פאַר אַ ליכטיקער צוקונפט פאַר דער מענטשהייט.

פון דערהווייטנס האָט קאַרל באַמערקט די שיין פון דעם עלעקטרישן לעמפּל וואָס פינקלט דורכן פענצטער פון דעם קאָרידאָר פון זיין הויז און עס האָט אויף אים אַ פלייץ געטאָן אַזאַ וואַרעמער און ליכטיקער געפיל: זיין גוטע, האַרציקע און געטרייע ווייב עלזאַ, די מאַמע פון זיינע צוויי געראָטענע זין פּאָול און רודאָלף און זיין זעכצן־יאָריק טעכ־טערל אַנאַ, שלאָפט נאָך נישט. זיין עלזאַ וואַרט אויף אים, און אַ שטראָם פון וואַרעמע געפילן האָט אים אויפגעלעבט.

ער האָט געשמייכלט ווען אין זיין מוח האָט פלוצים אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק, אַז אפשר איז פאַרט פאַראַן אַ גאָט, אַ גאָט פון חסד, וואָס האָט אים אַרויסגעפירט אַ לעבעדיקן פון דער שוידערלעכער מלחמה און אים אַרויסגעראַטעוועט פון דעם חיהשן, צעיושעטן דייטשלאַנד קיין אַמע־ריקע און אים געבענטשט מיט אַ ליבער ווייב, געראָטענע קינדער און מיט הונדערטער אויפריכטיקע פריינט. אָט דאָס איז רייכטום! דאָס איז גליק! — טראַכט קאַרל...

— די פעלהענדלערס זענען אומקורירבאַרע קראַנקע באַשעפענישן, — האָט קאַרל געשפינט זיינע געדאַנקען, — זיי שעפּן זייער קראַנקן געניוס פון אומריינע קוואַלן, פון זייערע אַנגערויבטע מיליאַנען און זיי ווערן צעפרעסן פון אַ קראַנקער יאַגעניש נאָך מער און מער קאַפּיטאַל; זיי

זעטיקן זייערע קראַנקע אַפּעטיטן מיטן גאָלד וואָס זיי זאַמלען פון דעם שווייס און בלוט פון זייערע אַרבעטער און קוויקן זיך מיט זייערע ריזיקע דערפּאָלגן. זייער רייכטום, דאָס רייכטום פון די פעלהענדלערס איז אומריין; דאָס קומט פון רויב, שווינדל און איז באַפלעקט מיט אַרבעטער־בלוט . . .

. . . אָבער מיין רייכטום, מיין פרייד, — האָט קאַרל ווי גערעדט צו זיך, — איז מיין ליבע פאַמיליע, מיינע ערלעכע פריינט און מיין אָנשטרענגונג בייצושטייערן צום קאַמף פאַר די לעבנס־אינטערעסן פון אַרבעטער מיט זייערע פאַמיליעס. דאָס איז אַ רייכטום וואָס די פעלהענדלערס קאָנען נישט קויפן אפילו מיט זייערע מיליאַנען.

זיינע ליכטיקע און לויטערע געדאַנקען זענען פלוצלינג אָפּגעשניטן און פאַרטונקלט געוואָרן פון אַ מוראדיקן האַמער־קלאַפּ איבער קאַרלס קאָפּ און איבער זיין פּנים; שווערע קלעפּ האָגלען איבער זיין קערפּער. אַ שניידנדיקער ווייטיק כאַפּט אַרום אַלע זיינע גלידער . . . די ערד וויגט זיך אונטער זיינע וואַקלדיקע פיס און דאָס ליכט פון זיינע אויגן ווערט אויסגעלאָשן.

קאַרל שרייט מיט אַלע זיינע כוחות. זיינע געשרייען צעטראָגן זיך איבער דער גאַס און צעדונערט די ביינאַכטיקע שטילקייט. זיינע געשרייען האָבן זיך אַריינגעריסן אין די היימען דורך די האַלב־אָפענע פענצטער און אויפגעריסן די איינוואוינער פון זייער טיפן ביינאַכטיקן שלאָף. עלעקטרישע לאָמפּן האָבן אויפגעבליצט אין הייזער, טירן זענען אויפגעפּראַלט געוואָרן.

קאַרלס ביידע זין זענען דערשראָקענע אַרויסגעלאָפן פון זייער הויז. אויף דעם טראָטואַר איז זייער פאָטער געלעגן באַוואוסטלאָז אין אַ טייך בלוט. אין ביידע הענט האָט ער געהאַלטן איינגעקלעמט עמיצנס אַ היטל. פּאָול האָט אַרויסגענומען דאָס היטל פון זיין פאָטערס הענט און עם אַריינגעשטופּט אין זיין קעשענע. רודאָלף האָט טעלעפאָנירט אין שפּיטאָל נאָך אַן אַמבולאַנס.

אין דעם „עמוירדזשענסי" שפּיטאָל־צימער האָט דער דאָקטאָר אויסגעוואַשן און פאַרנייט קאַרלס קאָפּ־וואונדן. קאַרל האָט שטיל געקרעכצט. זיין נאָז איז געווען צעבראָכן. זיין אונטערשטע ליפּ — צעשפּאָלטן און זיין פּנים פאַרשוואָלן.

קאַרלס פאַמיליע איז געשטאַנען ביי דער טיר פון שפּיטאָל־צימער. ווען דער דאָקטאָר איז אַרויסגעקומען פון צימער האָט ער זיי פאַרזי־כערט, אַז קאַרלס וואונדן זענען נישט קיין ערנסטע, אָבער זיי קאָנען אים איצט נישט זען, ווייל ער האָט אים געגעבן אַן איינשפּריצונג און ער וועט שלאָפן ביז אינדערפרי.

קאַרלס פרוי און קינדער זענען נישט געגאַנגען אַהיים. זיי זענען אײַ־בערגעשלאָפן די נאַכט זיצנדיק אויף די בענקלעך אין גרויסן וואַרט־צימער פון דעם שפּיטאָל. ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, זענען זיי שוין ווידער געשטאַנען לעבן דער טיר פון קאַרלס צימער און געוואַרט אויפן דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר איז מיט איילנדיקע טריט אַרייַנגעגאַנגען אין צימער צו זיין פּאַציענט, און ווען ער איז אַרויסגעקומען האָט ער אַ צופרידענער און אַן אויפגעלייגטער גיך און הויך אויפן קול געזאָגט צו קאַרלס פאַ־מיליע:

— ער איז אין אַ בעסערן צושטאַנד ווי איך האָב דערוואַרט. איך בין געווען כמעט ווי זיכער, אַז ער נייטיקט זיך אין אַ בלוט־טראַנספּוזיע, אָבער ער האָט מיך אָפּגענאַרט . . . לאַנג וועט ער דאָ נישט פאַרבלייבן. איינגיכן וועל איך אים משלח זיין פון דאַנען; כ׳האָב וויכטיקערע פּאַ־ציענטן פון אים . . . איצטער קאָנט איר אים זען, אָבער נישט מער ווי עטלעכע מינוט. ער איז אָפּגעשוואַכט און ער מוז האָבן רו! . . .

— יאָ, און זיין שכן, וויליאַם קנעכט, — האָט דער דאָקטאָר צוגע־געבן, — פילט שוין אַ סך בעסער. יענער פאַרמאָגט אַן אייזערנעם קאָפּ און אַ שטאָלענעם קערפּער . . .

עלזאַ, פּאָול, רודאָלף און אַנאַ האָבן זיך איינציקווייז שטיל אַריינגע־שאַרט אין קאַרלס צימער. קאַרלס קאָפּ און פּנים זענען געווען פאַר־באַנדאַזשירט מיט ווייסע, ווייכע בענדער. בלויז די אויגן און די ליפּן האָבן אַרויסגעקוקט פון דעם באַרג ווייסן טוך.

— גוט מאָרגן, קאַרל. ווי פילסטו? — האָט עלזאַ זיך אָנגעשטרענגט צו רעדן און איינהאַלטן אירע טרערן.

— גוט מאָרגן, טאַטע.

קאַרלס ליפּן האָבן זיך באַוועגט מיט שוועריקייטן. — פּ־פּ־י־י־ן . . . נישט גע־ז־אָ־ר־ג־ט. פּאָול, — האָט קאַרל געווענדט זיינע אויגן צו זיין

עלטערן זון, — ס'היטל, האסט עס?

— יאָ, טאַטע, כ'האָב עס.

קאַרלס פאַרשוואָלענע אויגן און געשוואָלענע ליפּן האָבן געוואָלט שמייכלען און נישט געקאָנט.

די נוירס איז אַריין גיך ווי אַ ווינט.

— נאָך איין מינוט... נישט לענגער... — האָט זי באַפוילן.

פּאָול איז צוגעגאַנגען צו ביל קנעכטס בעט. ביל איז געשלאָפן. זיין פּנים איז געווען פאַרשוואָלן און באַדעקט מיט רעגנבויגן־קאָלירן...

די נוירס האָט אַן צערעמאָניעס, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכעלע, זיי כמעט אַרויסגעשטופּט פון צימער.

אין קאָרידאָר פון שפּיטאָל האָבן טרערן אַ גאָס געטאָן פון עלזאָס אויגן.

— פּאָול, — האָט זי מיט אַ ציטערדיק קול געפרעגט, — וואָס האָט ער דיך געפרעגט וועגן אַ היטל? ער איז קראַנק... ער רעדט פון היץ.

— ניין, מאַמע, ער רעדט נישט פון היץ, — האָט פּאָול איר פאַרזי־כערט, — זיין געדאַנק איז קלאָר און שאַרף. ער ווייסט וואָס ער רעדט. גלויב מיר, מאַמע, אַז ער ווייסט זייער גוט וואָס ער רעדט. זאָרג זיך נישט. ער וועט אינגיכן זיין מיט אונדז אין דערהיים.

פראַנץ ווײַנהאַרצס סוף

פרענק בלענשאַרדס טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. פרענק האָט געענטפערט:

— העלאָ. יאָ, דאָס בין איך, פרענק בלענשאַרד; ווער רעדט?

— אָ, פאָול מאַרקוס. וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכט דײַן טאַטע און אײַער גאַנצער קלען? שוין איך לאַנג נישט געזען...

— וואוהין זאָגסטו זאָל איך קומען? וואָס פּלוצים?... געוויס, געוויס... איך וועל באַלד זײַן דאָרט.

פרענק האָט נישט דערציילט טעריסאַן, אַז פאָול מאַרקוס האָט אים געבעטן קומען אין שפּיטאָל־צימער צוואַנציק.

— קאַרל מאַרקוס וויל מיך זען, — האָט ער מיט געמאַכטער גלײַכגילטיקייט געזאָגט טעריסאַן.

— אויב ער וויל דיך זען, פאַרוואָס קומט ער נישט צו אונדז? — האָט זי געפרעגט.

— אויף דעם קאָן איך דיר איצט נישט ענטפערן. ווען איך וועל רעדן מיט אים, וועל איך מסתּם אויסגעפינען פאַרוואָס ער איז נישט געקומען צו אונדז. דו ווייסט, טעריסאַ, אַז קאַרל מאַרקוס איז אַ פײַנער און ליבלעכער מענטש און זײַן פאַמיליע איז איינע פון די פײַנסטע פאַמיליעס אין ריווערוויל; אמת, טעריסאַ? אַזעלכע „פאַרעינערס" זענען אַ ברכה פאַר אונדזער לאַנד. כ'וועל באַלד זײַן צוריק, טעריסאַ.

אין שפּיטאָל לעבן דער טיר נומער צוואַנציק האָט פרענק באַגעגנט ביידע מאַרקוס ברידער.

— העלאָ, פרענק, — האָט פאָול אים באַגריסט, — דאָס איז מײַן ייִנגערער ברודער, רודאָלף.

— דאָס איז דער קלײנער רודי? אַ היפּש ביסל אויסגעוואַקסן... העלאָ, רודי, ביזט שוין באַלד העכער פון מיר, — האָט פרענק באַמערקט מיט אַ שמייכל.

פאָול האָט פאַרזיכטיק געעפנט די טיר נומער צוואַנציק.

פרענק האָט אַרײַנגעקוקט אין צימער און דערזען אַ מאַן מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ ליגן אין בעט.

— מײַן טאַטע, — האָט פאָול געזאָגט פרענקן, און שטיל פאַרמאַכט די טיר.

— דיין טאטע? . . . וואס האט פאסירט? . . . אן אויטאמאביל עקסידענט?

— ניין, פרענק, נישט קיין אויטאמאביל עקסידענט. לעצטע נאכט, אויף זיין וועג אהיים, איז מען אים באפאלן און אים מערדערלעך צע־שלאגן.

— דיין טאטן? ווער? . . . פארוואס? . . . אין ריוועראוויל? . . .

פאול האט ארויסגעצויגן דאס היטל פון זיין קעשענע. אינעווייניק אויף דעם בלויען זיידענעם הינטערשלאק איז געווען אויסגענייט מיט גאלדענעם פאדעם: „פרעד בלענשארד" . . .

פרענק האט דערקאנט פרעדים היטל און טעריסאס אויסנייאונג.

— ווי קומט צו דיר מיין פרעדים היטל? — האט פרענק געפרעגט דערשטוינט.

— מיר האבן געפונען אונדזער טאטן לעבן הויז אין א באוואוסטלאזן צושטאנד און מיט דעם היטל איינגעקלאמערט אין זיינע הענט.

— פאול, דו דענקסט, אז מיין פרעדי? . . .

— יא, פרענק, פרעדי . . .

איצט האט שוין פרענק פארשטאנען פארוואס פרעדי איז לעצטע נאכט נישט געקומען אהיים שלאפן, און דאך מורמלט ער צו זיך: „אוממעגלעך!", נישט פרעדי, ס'איז א טעות, פאול . . .

פאול האט דערציילט פרענקן, אז לעצטע נאכט זענען דריי מענטשן באפאלן געווארן: זיין טאטע, דער פרעזידענט פון דער יוניאן, ביל קנעכט, דער וויים־פרעזידענט, און דער נעגער ווילבור, דער פירער פון די נעגער־סטרייקערס. די באוואפנטע אנפאלער האבן נישט געוואוסט, און נישט באמערט, אז דריי ווייסע סטרייקערס, פון דער „רענק־און־פאיל פארטיידיקונג־קאמיטע", וואס האבן באגלייט דעם נעגער ווילבור פון דעם מיטינג ביז זיין היים אין „ניגער־טאון", שטייען פונדערווייטנס און ווארטן ביז ווילבור וועט אריינגיין צו זיך אין הויז.

— ווען ווילבור איז שוין געווען כמעט ביים אריינגאנג צו זיין הויז איז מען אים באפאלן. אויף ווילבורס געשרייען איז די קאמיטע גיך אנ־געלאפן. איינעם פון די אנפאלער איז געלונגען צו אנטלויפן, אבער דער צווייטער איז געבליבן ליגן אין א טייך פון זיין אייגן בלוט. זיי האבן אים אריינגעטראגן אין ווילבורס היים, אים באוואשן און אים געווארנט,

אַז אויב ער וועט נישט אויסזאָגן וועך עס האָט אים געדונגען צו באַ־
פאַלן דעם נעגער ווילבור וועט מען אים אַהיימפירן אַ צעקריפּלטן אויף
זיין גאַנץ לעבן. ער האָט זיך דערשראָקן און דערציילט, אַז אַלע אָנפאַלן
אויף די נעגערס און אויף די יידן אין ריווערוויל זענען דורכגעפירט גע־
וואָרן פון אַ גרופּע יונגע נאַצים, האַי־סקול־שילער, זענען אַ טייל פון
דער אָרגאַניזירטער גרופּע טעראָריסטן. זיי האָבן עס אויך אונטערגע־
צינדן די יידישע שול, וואו דער יידישער ראַבאַי איז פאַרברענט גע־
וואָרן. דער פירער פון די נאַצים אין „קליין־דייטשלאַנד", דער אָרגאַני־
זירער פון דער ספּעציעלע קאָמיטע און דער אַרכיטעקט פון אַלע אָנפאַלן
איז פראַנץ וויינהאַרץ, דער האַי־סקול פּרינציפּאַל, און פרעדי בלענשאַרד
איז דער קאַפּיטאַן פון דער קאָמיטע.

פרענק איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט. דאָס בלוט אין זיינע אָדערן
איז פאַרפרוירן געוואָרן. זיין האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט און זיך
נישט געקאָנט איינשטילן. ער האָט שווער געאָטעמט . . . פראַנץ וויינ־
האַרץ און פרעדי . . . זייערע נעמען האָבן געפּויקט אין זיינע אויערן . . .
אַ פראָסטיקע קעלט האָט אים פאַרגליווערט . . .

— פרענק, ווילסט דיין פרעדים היטל ? — האָט ער ווי אין חלום גע־
הערט פּאָולס שטים.

— האַ ? . . . דאָס היטל ? ס'איז נישט מיין היטל. גיב עס אָפּ צו ווע־
מען עס באַלאַנגט, — האָט ער שטיל אַרויסגעברומט.

— מעגסט זיין זיכער, אַז דער אייגנטימער וועט באַקומען זיין אייגנ־
טום . . . — האָט פּאָול געענטפערט.

פרענק האָט פאַרשטאַנען . . . ער האָט גאָרנישט געזאָגט. אַ דערשלאָ־
גענער, ווי אַ פאַרמשפּטער צום טויט, האָט ער מיט שווערע טריט פאַר־
לאָזט דעם שפּיטאָל.

אַ גאַנצן טאָג האָט פרענק געוואַרט אין הויז אויף פרעדין, אָבער פרעדי
איז נישט געקומען אַהיים . . .

דאָס גלעקל האָט ווייך און מעלאָדיש געקלונגען אין פראַנץ וויינהאַרץ
סטודיאָ: טווינג־טוואַנג, טווינג־טוואַנג.

פראַנץ האָט געעפנט די טיר.

— זע נאָר, פרענק בלענשאַרד ! אַ חשובער גאַסט, אַז אמתער פאַר־
געניגן דיך צו זען אין מיין סטודיאָ.

פרענקס גרויסער און שווערער קערפּער האָט זיך מיד אַריינגעגליטשט אין דעם ווייך־געבעטן שטול לעבן דעם גרויסן, שיינעם גלאַנציקן שרייב־טיש.

— וואָס פּלוצים, פרענק? מיט וואָס האָב איך זיך פאַרדינט, אַז דו זאָלסט מיר אָנטאָן דעם כבוד און מיך באַזוכן? מסתּם עפּעס גאָר, גאָר וויכטיקס? — האָט פראַנץ געפרעגט מיט איינגעהאַלטענעם נייגער און געצוימטער איבערראַשונג.

ווערטער ווי שטיקער אייז זענען געפאַלן אויף פראַנצן פון פרענקס מויל:

— הער מיך אויס, פראַנץ, פון היינט אָן זאָלסטו ווערן אויס פריינט מיט פרעדין. זאָלסט אים קיינמאָל מער נישט זען. זאָלסט אים קיינמאָל מער נישט איינלאַדן צו זיך. זאָלסט אים קיינמאָל מער נישט זען. זאָלסט אים אויסמיידן . . . זאָלסט מער גאָרנישט האָבן צו טאָן מיט אים . . . פאַרשטייסט, פראַנץ?

— אַזוי גאָר? — האָט אים פראַנץ אָנגעקוקט מיט חוצפּה, — און אַז איך וועל נישט אויספאָלגן דיין באַפעל?

פרענק האָט אַרויסגענומען אַ בריוו פון זיין קעשענע.

— זעסט, פרענק, דאָס איז אַ בריוו פון פּיליסן, געשריבן מיט איר אייגענער האַנטשריפט. אויף איר טויטן־בעט האָט זי מיר געגעבן דעם בריוו. אויב דו וועסט מיך נישט פאָלגן, וועל איך אויפדעקן פאַר גאַנץ ריווערוויל די געשיכטע ווי אַזוי דו האָסט פאַראומגליקט מיין פּיליסן. איך וועל דיך ברענגען פאַרן געריכט. איך וועל נישט וואַרטן לאַנג. איך וועל — — —

פראַנץ האָט פלינק אַרויסגעצויגן אַ רעוואָלווער פון זיין קעשענע און אים אָנגעשטעלט אויף פרענקן.

— פרענק, גיב מיר דעם בריוו, אויב דו ווילסט נאָך לעבן . . .

פרענק האָט געקוקט אויף פראַנצס טויט־בלייכן פּנים. ער האָט אַריינ־געבליקט אין פראַנצס קאַלטע, גרינע קעצישע אויגן און אים דער־לאַנגט דעם בריוו.

פראַנץ האָט גיך איבערגעלייענט פּיליסעס בריוו.

— אַזוי גאָר! — האָט ער געמורמלט, — זענען מיר דאָך נאָענטע מחותּנים! פאַרוואָס, פרענק, האָסטו געשוויגן אַזוי לאַנג? אַ גראַטע־

נער יאַט, מיין פרעדי . . . נישט קיין צעקראַכענער בלענשאַרד, — אַ וויינהאַרץ! לאָמיר טרינקען צו אונדזער נאָענטער קרובהשאַפט . . . פאַר אונדזער שותפותדיקן סוד . . .

פראַנץ האָט אַריינגערוקט דעם רעוואָלווער אין זיין קעשענע און דעם בריוו אין אַן אַנדער קעשענע. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, קעגנאיבער דעם שרייבטיש און האָט אַ קוועטש געטאָן אַ פאַר־באָרגן קנעפל. צוויי ברייטע טירלעך האָבן זיך געהאַרכזאַם צערוקט און אויפגעדעקט אַ ברייטע שאַפע מיט פּאַליצעס, אָנגעשטעלט מיט פלע־שער בראַנפן. ער האָט זיך איינגעבויגן אַרויסצונעמען אַ פלאַש בראַנפן פון דער לעצטער פּאָליצע — זיין בעסטן אימפּאָרטירטן בראַנפן, וואָס ער טרינקט אין זיינע דערהויבענע מאָמענטן.

פרענק איז געזעסן ווי אין אַ קאָשמאַר און מעכאַניש נאָכגעפאָלגט פראַנצס באַוועגונגען.

פראַנצס שטים האָט אים אויפגעוועקט ווי פון שלאָף: — פּילים איז געווען אַ וואויל מיידל, אָבער פּילים איז טויט און מיר לעבן נאָך, — האָט פראַנץ אַריינגערעדט אין דער בראַנפן־שאַפע.

עפּעס אַ געהיימע קראַפט האָט מיט אַ ווילדן כוח אַ הייב־געטאָן פרענקן פון זיין שטול און מיט זיין גאַנצן כוח האָט ער אַ זעץ געטאָן מיט זיין שטאָלענער פויסט אין פראַנצס נאַקן. פראַנץ האָט אַ שטילן קרעכץ געטאָן. זיין קערפּער האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן און איז געבליבן ליגן באַר־וועגלאָז אויף דעם פּערסישן טעפּיך אויפן דיל פון זיין סטודיאָ.

פרענק האָט אַרויסגענומען פּילימס בריוו פון דעם טויטנס קעשענע און אים באַהאַלטן אין זיין אייגענער קעשענע. דערנאָך האָט ער מיט זיין נאַזטיכל אָפּגעווישט דעם שטול אויף וועלכן ער איז געזעסן, און די קליאַמקע פון דער טיר פון אינעווייניק און פון דרויסן און דאָס גלעקל וואָס ער האָט אַ דריק געטאָן ביי דער טיר ביים אַרויינקומען און האָט מיט געמאָסטענע טריט זיך געלאָזט אַהיים.

ער האָט געפילט אַ מאָדנע גרינגקייט אין זיין קערפּער, ווי ער וואָלט זיך באַפרייט פון אַ שווערער משא, וואָס האָט אים געדריקט. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זיינע פיס שפּאַנען נישט אויף דער האַרטער ערד, נאָר אַז ער שוועבט און באַרירט אפילו נישט די ערד. ער האָט גע־האַט דאָס געפיל, אַז ער האָט זיך נאָר־וואָס אויסגעהיילט פון אַ מיס־

טעריעזער קראַנקייט, וואָס האָט אים געמאַטערט אַ לאַנגע צייט און קיי־נער, קיינער האָט נישט געוואוסט פון זיינע ליידן. איצט, ווען ער איז אַן אויסגעהיילטער, פילט ער עפּעס אַ פרישקייט, אַ באַנייאונג, ווי ער וואָלט יינגער געוואָרן . . .

אויף דעם לאַנגן, ברייטן וועג, אַרויס פון שטאָט, אויף וועלכן פרענק האָט געשפּאַנט, האָט די ביינאַכטיקע שטילקייט גערוט. אויף דעם בלויען אויסגעשטערנטן הימל האָבן טונקעלע וואָלקנס זיך אַנגערוקט פון העט־ווייט. ערגעץ אויף אַ פעלד האָט אַ קליין פייערל זיך צעפלאַ־קערט און זיינע דינע שוואַכע פלאַמען האָבן זיך געצויגן אַרויף צום פאַרטונקלטן הימל. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיטן ריח פון געשני־טענעם גראָז. אַ הונט האָט זיך צעבילט. אַ שכינותדיקער הונט האָט געענטפערט און באַלד האָבן זיך צעטראָגן הינטישע קולות איבער די פעלדער, איבער דעם ברייטן וועג און זענען גיך פאַרשלונגען געוואָרן פון דער ביינאַכטיקער שטילקייט.

פרענק האָט נישט געהערט דאָס האַווקען פון די הינט. ער האָט נישט באַמערקט ווי דער פאַרוואָלקנטער הימל האָט פאַרפינצטערט די בערג, די פעלדער און דעם ברייטן וועג. ער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען. ער האָט זיך געוואונדערט וואָס ער פילט זיך אַזוי גרינג, אַזוי דערפרישט און אַזוי רואיק . . . ער האָט דאָך נאָר־וואָס דערמאָרדעט אַ מענטשן . . . ניין, נישט קיין מענטשן, — האָט ער זיך פאַרטיידיקט, —אַ משוגענעם הונט . . . קיין געריכט, קיין „דזשורי" וועט אים נישט געפינען שולדיק . . . ער, פראַנץ, האָט פאַרדינט זיין סוף . . . פיליסעם מערדער . . . פיליסעם מערדער . . .

ער דערזעט פאַר זיך פּלוצים: פראַנצס טויט־בלייכן, חיהשן פּנים... גרינע קעצישע שטעכיקע אויגן . . . מיט דעם רעוואָלווער אין זיין האַנט, אָנגעשטעלט אויף אים, אויף פרענקן . . . און פראַנצס כאָרכלדיקע שטים גרילצט אין פרענקס אויערן: „פיליס איז טויט . . . פיליס איז טויט . . . מיר לעבן!" . . .

פרענקס קערפּער ציטערט פון אויפרעגונג. ער טוט אַ שפּיי מיט עקל אין פראַנצס פּנים, וואָס ווערט מאָמענטאַל פאַרשוואונדן . . . „וועסט שוין קיינמאָל מער נישט באַנוצן דיין רעוואָלווער, דו, דו בלוטדורש־טיקע חיה", — האָט ער געמורמלט מיט כעס . . .

— "וועסט שוין מער נישט פאַרגיפטן יונגע האַי־סקול שילער מיט דיין נאַצישער גענגסטער־לערע . . . וועסט שוין קיינמאָל מער נישט לערנען ווי אַזוי צו באַפאַלן און מערדערן אומשולדיקע מענטשן, און דו וועסט שוין קיינמאָל נישט דערמאַנען פּיליסעס נאָמען אויף דיינע ווע־רעמדיקע ליפּן . . . פראַנץ, דו פאַסקודנער נאַצי, איך האָב דיך אָפּגע־ווישט! אויסגעמעקט! און אָפּגעווישט דיין פאַרברעכן קעגן דער בלענשאַרד־פאַמיליע!" . . .

פרענק האָט געווישט דעם קאַלטן שווייס, וואָס האָט אַרויסגעזעצט אויף זיין צעהיצטן פּנים . . . דער שטורעמדיקער אויפברויז פון בי־טערע געפילן און זיין צאָרנדיקער אויסגוס פון זידלערייען אויף זיין ערגסטן שונא, וואָס האָט יאָרן־לאַנג פאַרביטערט און צעוויייטיקט זיין לעבן, האָט אים אויסגעשעפּט. ער האָט דערפילט אַ שווערע מידקייט אין זיינע גלידער און אַ שטילע, שטילע רואיקייט, וואָס האָט געלאָשן זיין צעהיצטן מוח און אים צאַרט געגלעט ווי אַ פריש קיל ווינטעלע.

געענדיקט! אַ סוף! מער וועט ער נישט טראַכטן וועגן יענעם . . . אָפּגעטאָן איז אָפּגעטאָן און פאַרענדיקט! . . . איצט דאַרף ער טראַכטן וועגן וויכטיקע פּראָבלעמען . . . אָבער רואיק, — האָט ער זיך אַליין גע־וואָרנט . . . — אָן אויפרעגונג . . . ער וועט דערציילן זיין טעריסאָן, זיין גוטער געטרייער טעריסאָן . . . ניין, ניין, טעריסאַ טאָר נישט וויסן . . . זי וועט זיך אָפּפרעמדן פון אים . . . זי וועט אים נישט קאָנען מוחל זיין . . . אַ מערדער . . . ניין, טעריסאַ טאָר נישט וויסן . . . קיי־נער טאָר נישט וויסן . . . אין קבר וועט ער מיטנעמען זיין סוד . . .

— אָבער טאָמער אַרעסטירט מען אים? אַ וועלט איז דאָך נישט הפקר. געזעץ, אָרדענונג און גערעכטיקייט . . . ער וועט לייקענען! נישטאָ קיין עדות, קיינע באַווייזן קעגן אים . . . געזעץ? גערעכטיקייט? נישטאָ! די באַנדיטן האָבן מערדערלעך צעשלאָגן נעגערס, פאַרברענט אַ שול מיט אַ יידן, מערדערלעך צעשלאָגן סטרייקערס, קאַרל מאַרקוס און ביל קנעבט; איבערן גאַנצן לאַנד בושעווען מערדער, גנבים, רויי־בער און שווינדלער און דאָס געזעץ און גערעכטיקייט איז טויב, בלינד און שטום . . . די גערעכט־הייזער — קאָרופּטירט! ריכטער — גרעפ־טערס! אַפילו דער קאָנגרעס פון לאַנד איז אָנגעפּאַקט מיט פאַרקויפטע נשמות . . עס איז נישט קיין סוד . . . נאָר גאָט אַליין קאָן אים משפּטן!

און צו יענעם משפט וועט ער רופן עדות, — זיין פיליסן, מארקוס און קנעכט, דעם פארברענטן יידן מיט דער ספר־תורה און די צעשלאגענע נעגערס, און — — —

עס איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט, ווען פרענק האט זיך דער־נעענטערט צו זיין הויז. שווארצע שטיקער כמארעס זענען פויל גע־שוואומען איבערן הימל. דא און דארט האט פון אן אפענעם שטיק הימל ארויסגעקוקט די לבנה און איז באלד פארדעקט געווארן מיט א שווארצן פארהאנג. די ווארעמע לופט איז געווען אנגעפילט מיט זיסע ריחות פון געשניטן גראז און פון פרוכט וואס האט זיך געצייטיקט אויף די ביימער.

די הינט, דזשעף און ווענדי, האבן בורטשענדיק זיך געריסן פון די קייטן ווען זיי האבן דערשמעקט פרענקן. ער האט זיי איינגעשטילט, גע־גלעט איבער זייערע קעפ. זיי זיינען געשפרונגען אויף אים און געלעקט זיינע הענט. „נו, גענוג! שלאפן!" די הינט זענען שטיל געבליבן. ווענדי האט זיך איינמאל ארומגעדרייט אין א קרייז און זיך איינגע־דרייט ווי א בייגל אויף דער ערד, לעבן דער קאנורע. דזשעף האט זיך אוועקגעלייגט, ארייננעלייגט דעם קאפ צווישן די אויסגעצויגענע לאפעס און איינגעדרעמלט מיט האלב־אפענע אויגן.

פרענק האט שטיל געעפנט די טיר פון זיין הויז. פון אינעווייניק האט ער א קוועטש געטאן א קנעפל אין דער וואנט און אויסגעלאשן דעם עלעקטרישן לאמפ, וואס האט געברענט אין דרויסן ביים אריינגאנג. א ריזיקע כוואליע פינצטערניש האט מאמענטאל פארשלונגען דאס הויז, די ביימער און אלץ ארום. פון ערגעץ ווייט האט זיך דערטראגן דאס מאנאטאנע בראזגערייַ פון א לויפנדיקער באן. מחנות גרילן האבן אן אן אויפהער ארייננעגרילצט אין דער לופט אריין זייער שטענדיקן וויכוח: „קיידי דיד, קיידי דידנט". פון העט־ווייט האבן זשאבעס אויף טיף באסא־ווע שטימען זיך באקלאגט: „קוואי! קוואי! קוואי! ...

פרענק האט ארונטערגעצויגן זיינע שיך און זיך שטיל ארייננעשארט אין זיין שלאפצימער. דאס ביינאכטיקע לעמפל האט שוואך באלויכטן דאס גרויסע צימער. טעריסא איז רואיק געשלאפן. דאס יינגעלע, פרענק דזשוניאר, איז געשלאפן אויפגעדעקט מיטן פנים אין קישן. פרענק האט אים לייכט א קוש געטאן אין א פיסעלע, אים פארזיכטיק צוגעדעקט. ער איז ארויס פון צימער און שטיל פארמאכט די טיר.

דערנאָך איז ער מיט ווייכע טריט צוגעגאַנגען צו פרעדיס שלאָפצימער. די טיר איז געווען אָפן. פרעדי איז נאָך נישט געקומען אַהיים. שטיל און פאָרזיכטיק האָט פרענק זיך געשאַרט פון צימער צו צימער, ביז ער איז אַריין אין דער קיך. ער האָט אָנגעצונדן דאָס קליינע לעמפּל, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם גרויסן קיילעכדיקן טיש און האָט אַרויסגענומען אַ פלאַש ווײַן מיט אַ גלאָז פון דער שאַפע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל, אָנגעגאָסן דאָס גלאָז מיט ווײַן און אויסגעטרונקען.

דערנאָך האָט ער אָנגעפילט זיין ליולקע מיט טאַבאַק, פאַררויכערט און דורשטיק פאַרצויגן דעם רויך. ער האָט געוואַרט אויף פרעדין. ער האָט אויסגעטרונקען נאָך אַ גלאָז ווײַן און נאָך אַ דריט גלאָז. פרעדי איז נאָך אַלץ נישט אַהיימגעקומען.

ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דער וואַנט און געטראַכט וועגן קאַרל מאַרקוס פאַמיליע, וואָס ליידט אַזוי פיל. ער האָט געטראַכט וועגן זיין רויטער קו „באַזי" מיטן ווײַסן פלעק אויפן שטערן, וואָס האָט געבוירן אַ געזונט קעלבעלע מיט עטלעכע טעג צוריק. ער האָט אויך געטראַכט וועגן זיי בוהאַי, וואָס האָט זיך פלוצים צעווילדעוועט; ער וועט אים מוזן שעכטן. ביסלעכווייז האָט ער איינגעדרעמלט.

די הינט האָבן זיך פלוצים ווילד צעבילט. פרענק האָט זיך אויפגעכאַפּט. פון דעם טיש־שופלאָד האָט ער אַרויסגענומען זיין גרויסע „סוירטש־לאַיט", אָנגעטאָן די שיך און איז אַרויס פון הויז. די הינט האָבן דערשמעקט פרענקן, האָבן זיך נאָך ווילדער צעבילט און זיך געריסן פון זייערע קייטן.

טעריסאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. איר זינדעלע איז רואיק געשלאָפן. זי האָט באַמערקט, אַז פרענקס בעט איז ליידיק.

— פרענק, פרענק, וואו ביזטו? — האָט זי געררופן.

זי האָט אַרויפגעצויגן אויף גיך איר שלאָפראָק, אַריינגעשטעקט די פיס אין אירע שטעקשיך און איז אַרויס פון דער אָפענער קיך־טיר אין דרויסן. די הינט האָבן נישט אויפגעהערט צו בילן. פרענקס „סוירטש־לאַיט" האָט געגאָסן סנאָפּעס ליכט אין דער געדיכטער פינצטערניש.

— פרענק, וואָס האָט פּאַסירט? — האָט טעריסאַ אים געפרעגט.

— איך ווייס נישט, טעריסאַ, אפשר איז אַ פוקס דורכגעלאָפן?

די הינט האָבן זיך נאָך אַלץ געריסן פון די קייטן און בייז געבילט.

— פרענק, דאָרט, גיב אַ קוק . . . — האָט טעריסאַ געררופן פרענקן. — ניין, ניין, נישטאַ דאָ. דאָרט, לעבן דער שטיינערנער וואַנט, ביים אַריינפאָר.

— וואָס, טעריסאַ, וואו?

— דאָרט, פרענק, זעסט נישט?

נישט ווייט פון דעם הויז, לעבן דער שטיינערנער וואַנט, וואָס צווימט אָפּ פרענקס פאַרם פון דעם ברייטן צעמענטענעם וועג, איז פרעדי געלעגן באַוועגלאָז און באַוואוסטלאָז אין אַ טייך בלוט.

— פרעדי!! — האָט טעריסאַ היסטעריש אַ קוויטש געטאָן און איז אַריינגעלאָפן אין הויז אַריין טעלעפאָנירן אין שפּיטאָל נאָך אַן אַמבולאַנס.

פרענק איז געשטאַנען און געקוקט אויף פרעדיס צעבלוטיקטן און באַוועגלאָזן קערפּער, וואָס איז באַגאָסן געוואָרן מיטן ליכט פון דער „סוירטש־לאַיט". ער האָט זיך נישט צוגערירט צו אים . . . ער האָט נישט געמאַכט קיין פאַרזוך אָפּצושטעלן דאָס בלוט וואָס איז גערונען פון פרעדיס קאָפּ, נאָז און מויל.

פרענק האָט פאַרשטאַנען, אַז די מאַרקוס־ברידער האָבן באַצאָלט פרעדין פאַר זייער טאָטן . . .

— האָסט דאָס ערלעך פאַרדינט, פרעדי! — האָט פרענק געמורמלט.

— ערלעך פאַרדינט . . . ביזט נישט קיין בלענשאַרד . . . ביזט אַ רוצח און אַ קינד פון אַ רוצח! . . .

אַ גרינטלעכע מעדיצינישע און פּאָליציי־אונטערזוכונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז פראַנץ ווײַנהאַרץ האָט פּלוצים באַקומען אַ שאַרפע האַרץ־אַטאַקע, איז געפאַלן אויף דער שאַרף פון דעם טירל פון אַ שאַפּקעלע, האָט באַשעדיקט זיין נאַקן און איז געשטאָרבן.

ריוועררוויל האָט געמאַכט זייער געוועזענעם האַי־סקול פּרינציפּאַל אַן איינדרוקספולע לוויה.

לודוויג פעלהענדלער האָט פאַרמאַכט זיין פאַבריק אויף אַ וואָך צייט. צענדליקער אויטאָמאָבילן און הונדערטער מענטשן האָבן באַגלייט דעם טויטן צו זיין אייביקער רו. קראַנצן בלומען פון דער שול און פון פאַר־

שידענע פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס האָבן באַדעקט דעם אָרון.

די שילער פון אַלע שולעס זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין געדיכ־טע רייען און געוויינט ווען דער קבר איז פאַרשאָטן געוואָרן. אָנגע־זעענע געשעפטסלייט און די דירעקטאָרן פון דער באַנק זענען געשטאַנען אַרום דעם קבר מיט געבויגענע קעפּ. הויז־פרויען האָבן פאַרגאָסן טרערן. געהויבענע נאַצי־געסט פון וואַשינגטאָן און פון ניו־יאָרק זע־נען געשטאַנען נישט ווייט פון דעם קבר מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ.

לודוויג פעלהענדלער, זיין ווייב, זיין זון און זיין טאָכטער, די אַלמנה עליזאַבעט וויינהאַרץ, זענען געשטאַנען ביים קבר צוזאַמען מיט פראַנצס מוטער, שוועסטער און קרובים.

דער ריכטער אַדאָלף ריכטערמאַן האָט געהאַלטן די טרויער־רעדע איי־בערן טויטן:

— ריווערוויל, — האָט דער ריכטער געזאָגט מיט אַ דראַמאַטישער שטים, — איז אין טיפן טרויער. ריווערוויל האָט פאַרלאָרן איינעם פון אירע פירנדיקע און ליכטיקע גייסטער... פראַנץ וויינהאַרץ איז געווען אַ הויך־געבילדעטער מענטש, אַ באַגאַבטער לערער און אַ פעאיקער סקול־אַדמיניסטראַטאָר. אונטער זיין פירערשאַפט און איינפלוס איז אונדזער גאָלדענע יוגנט אין ריווערוויל דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון וואַשינג־טאָן, דזשעפערסאָן און לינקאָלן... מיר אַלע און אונדזער יוגנט בפרט וועלן אים שטענדיק געדענקען און דאַנקבאַר זיין...

— אַ זון פון אַ יחוסדיקער דייטשישער פאַמיליע, געבענטשט מיט דורשט נאָך וויסן, מיט אַ נאָבעלן כאַראַקטער, טיף־איינגעוואָרצלטע, וואַרעמע, מענטשלעכע געפילן פאַר זיינע מיטמענטשן, מיט אַ האַרץ פול מיט ליבשאַפט צו זיינע יחוסדיקע עלטערן, שוועסטער, זיין האַר־ציק־געליבטער פרוי, און צו זיין שווער, דעם באַוואוסטן הומאַניסט און פילאַנטראָפּ, לודוויג פעלהענדלער, האָט פראַנץ וויינהאַרץ מיט זיין אומדערמידלעכער, אַלזייטיקער אַקטיוויטעט פאַר די אינטערעסן פון רי־ווערוויל און פון דער גאַנצער מענטשהייט, אויסגעאיבט אַ ליכטיקן איינפלוס אויף אונדז אַלעמען.

— מיר דאַנקען גאָט פאַר זיין חסד מיט וועלכן ער האָט אונדז באַ־גליקט, צום באַדויערן בלויז אויף אַ קורצער צייט, מיט אַזאַ אומשעצבאַ־

רער מתנה אין דער פּערזאָן פון דעם גרויסן פּאַטריאָט, לערער און פּי־רער, פראַנץ וויינהאַרץ.

— אונדזער פאַרלוסט איז גרויס. אונדזער צער איז טיף. אונדזערע הערצער פילן דעם ווייטיק פון זיין גרויסער משפחה. מיר בייגן אונדזערע קעפּ איבערן קבר פון ריוועראווילס גרויסן זון!

... דער ריכטער אַדאָלף ריכטערמאַן איז געווען זיכער, אַז זיין הספּד איבער פראַנצן וועט גוט באַלוינט ווערן, ווען ער וועט שפּילן קאָרטן מיט לודוויג פעלהענדלער . . .

אויף מאָרגן נאָך פראַנצס לוויה האָט לודוויג פעלהענדלער איינגעלאַדן אַדאָלף ריכטערמאַן צו זיך אין הויז אויף דינער און אַ קאָרטן־שפּיל.

נאָך דעם געשמאַקן דינער זענען לודוויג און אַדאָלף געזעסן אין דעם שיינעם ביבליאָטעק־צימער אַרום דעם קונציק־אויסגעאַרבעטן גלאַנצנדיקן מאַהאָגאַני־שרייבטיש און געזופּט פון די קרישטאָלענע גלעזלעך דעם אימפּאָרטירטן ליקער־געטראַנק און געראויכערט גרויסע האַוואַנע־ציגאַרן.

— אַדאָלף, ביזט מיין בעסטער פריינט, — האָט לודוויג אים פאַרטרויט. — איך דאַנק דיר פאַר דיין שיינער טרויער־רעדע איבער מיין פאַרשטאָרבענעם איידעם. קאָנסט זיך גאַרנישט פאָרשטעלן ווי ער פעלט מיר אויס . . . ער איז געווען מיין שטאָלץ, מיין ראַטגעבער און וועגווייזער . . . אָן מיין פראַנצן בין איך ווי אָן אַ קאָפּ . . . אַ פאַרלוירענער . . . איצט, אַדאָלף, ביזטו מיין איין און איינציקער פריינט.

— אַדאָלף, איך בין אַרומגערינגלט מיט בלוטיקע שונאים. עס האָגלען אויף מיר מוראדיקע קלעפּ פון אַלע זייטן . . . דער גאָט־פאַרדאַמטער סטרייק! . . . און איצט דער טויט פון מיין פראַנצן . . . וועגן מיין בן־יחיד דאַרף איך דיר דאָך נישט דערציילן . . . ער טרייבט מיך אין קבר אַריין, דער הולטאַי . . . און מיין טאָכטער, וועמען כ׳האָב ליב מער ווי מיין אייגן לעבן, איז אָפּגעפרעמדט פון מיר . . . ס׳איז מיר שלעכט, אַדאָלף . . . איך נייטיק זיך אין דיין פריינטשאַפט . . . פאַרלאָז מיך נישט . . . העלף מיר!

דער פּאַרמיטלער

עטלעכע טעג נאָך פראַנצעס לוויה האָבן קאַרל און ביל געהאַט דאָס פאַרגעניגן באַזוכט צו ווערן אין שפּיטאָל פון אַ געהויבענעם גאַסט.

קאַרל איז געזעסן אויף זיין בעט. ביל איז געזעסן אויף אַ בענקל לעבן קאַרלס בעט און געלייענט פאַר אים די בריוו, וואָס זיי האָבן באַקומען פון די סטרייקערס און פון אַנדערע פריינט. די בריוו־שרייבער האָבן אויסגעדריקט אין זייערע בריוו טיפן באַדויער וועגן דער פּאַסירונג מיט זיי און זייערע האַרציקע וואונטשן, אַז זיי זאָלן גאָר אינגיכן געזונט ווערן.

ביידע, קאַרל און ביל, האָבן זיך שוין געפילט בעסער. זייערע וואונדן האָבן זיך געהיילט גיך און גוט. דער דאָקטאָר האָט אַרונטערגענומען די באַנדאַזשן פון זייערע קעפּ.

— נאָך איין טאָג, העכסטנס צוויי טעג, וועל איך ליידן פון אייך און פון אייערע הונדערטער געסט, וואָס טומלען יעדן טאָג אין שפּיטאָל, — האָט דער דאָקטאָר שפּאַסיק פאַרזיכערט קאַרלען און בילן, — מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועט איר זיין אַזוי גוט און אויסליידיקן אייערע בעטן און מאַכן פּלאַץ פאַר אַנדערע קראַנקע . . . איר זענט שוין גרייט פאַר אַ צווייטן אָנפאַל אויף אייך, — האָט דער דאָקטאָר זיך געוויצלט און איז אַרויס פון צימער אַ צופרידענער מיט דעם גוטן צושטאַנד פון זיינע געהויבענע פּאַציענטן.

די טיר פון זייער צימער האָט זיך ברייט צעעפנט און איז פאַרמאַכט געוואָרן מיט אַ בראַזג. דער ריכטער אַדאָלף ריכטערמאַן איז גיך אַריין אין צימער. ער האָט פריינטלעך באַגריסט קאַרלען און בילן און האָט אַן צערעמאָניעס גענומען אַ בענקל און זיך אַוועקגעזעצט לעבן קאַרלס בעט, וואָס איז געשטאַנען אין שכינות מיט בילס בעט.

— איר זענט שוין ווידער גוטע פריינט? אַזוי גיך זיך איבערגעבעטן?

— האָט דער ריכטער געפרעגט מיט אַ פריינטלעך שמייכעלע, — מען זאָגט, אַז איר האָט זיך צעקריגט און זיך צעשלאָגן אַזוי געשמאַק, אַז מען האָט אייך געמוזט אָפּפירן אין שפּיטאָל . . . עס זעט אויס, אַז איר זענט שוין ווידער פריינט . . . גוט, גוט אַזוי !

— ניין, מיסטער ריכטער, — האָט ביל געענטפערט מיט אַן ערנסטן

אַנשטעל, — מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט געקריגט און זיך נישט געשלאָגן. מיר זענען אַלעמאָל גוטע פריינט. מען זאָגט אָבער, אַז איר, מיסטער ריכטער, האָט אַ האַנט אין דעם אָרגאַניזירטן אַנפאַל אויף אונדז.

— כאַ־כאַ, — האָט דער ריכטער אַרויסגעשאָסן אַ האַרציקן געלעכטער פון בילס געלונגענער וויציקער קאָנטער־אַטאַקע, — אַזוי גאָר? זייער, זייער אינטערעסאַנט, — האָט דער ריכטער נאָך אַלץ לאַכנדיק באַמערקט. — נו, אויב אַזוי, אַז אַ ריכטער האָט געהאַט אַ האַנט אין אָרגאַניזירן דעם באַנקעט פאַר אייך, איז דאָס פולשטענדיק געזעצלעך, „קעים דיסמיסד!" — האָט דער ריכטער אויסגערופן מיט אַ שמייכל.

— אַזוי זאָגט דאָס געזעץ, מיסטער ריכטער? — האָט ביל אים געפרעגט.

— ביל, דאָס געזעץ איז נישט קיין טויטער בוכשטאַב. אַ געזעץ פאָדערט אַ מענטשלעך־פּראַקטישע אויסטייטשונג, — האָט דער ריכטער דערקלערט.

— יאָ, יאָ, דאָס איז דאָך איינע פון די אומגליקן, — האָט קאַרל גערעדט ערנסט, — לויט דער קאָנסטיטוציע זענען מיר אַלע גלייכבאַרעכטיקט פאַר דעם געזעץ, נאָר די ריכטער, די אויסטייטשער פון דעם געזעץ טייטשן ווי עס לוינט זיך זיי: אָפט טייטשן זיי דאָס געזעץ לטובת די וואָס פאַרמאָגן, אַ חוץ אַלע אַנדערע אַנגעזאַמלטע פאַרמעגנס, אויך פּאָליטישן איינפלוס, און אָפט, ווען נייטיק, קריגן ריכטער אַ וואונק, נישט, חלילה, קיין באַפעל, פון די גאָר הויכע פענצטער . . . די מיליאָנען אָרעמע וואָס פאַרמאָגן נישט קיין פּאָליטישן איינפלוס און האָבן נישט קיין צוטריט צו די הויכע פענצטער, זיי זענען שטענדיק די קרבנות פון דעם געזעץ און פון זייערע אויסטייטשער . . .

— קאַרל, מיין פריינט, — האָט דער ריכטער זיך אָפּגערופן מיט אַן ערנסטן קול, — די גאַנצע רעדע דיינע איז קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, געצילט אונטערצוגראָבן אונדזערע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס. די אַרבעטער זענען נישט פאַראינטערעסירט אין דער קאָמוניסטישער פילאָזאָפיע. אַרבעטער זענען פאַראינטערעסירט אין דזשאָבס, אין לייטישע שכירות, און אין זייער רעכט צו זיין אָרגאַניזירט אין יוניאָנס.

— מיסטער ריכטער, די קאָמוניסטן אַגיטירן דאָך אויך פאַר דזשאָבס,

העבערע שכירות און פרייהייט פאַר די אַרבעטער־מאַסן, פונקט ווי איר,
— האָט קאַרל מיט אַ גוטמוטיקן שמייכעלע באַמערקט, און — — — —

— ביזט אַ נאַר, קאַרל, — האָט דער ריכטער אים איבערגעשלאָגן, — איך רעד פון דזשאָבס אין די פאַבריקן, אין די מינעס און אין די אויל־פעלדער, אין די שטאָל־גיסערייען, אָבער די קאָמוניסטן ווילן אַ חוץ די דזשאָבס פאַר די אַרבעטער, אויך דעם פּאָליטישן אַפּאַראַט פון לאַנד אַלס צוגאָב, און דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש . . .

— זיי ווילן דאָס פאַר זיך, הער ריכטער, צי פאַר דעם גאַנצן האַרע־פאַשנעם פאָלק ?

— וואָס מיר פאָלק, ווער מיר פאָלק ! דאָס פאָלק וויל עסן, אַ פאַר הויזן און אַ דאַך איבערן קאָפּ, — האָט דער ריכטער קורץ און שאַרף געפּסקנט.

— ווי שאָף, — האָט ביל אונטערגעכאַפּט, — פאַשע זיי, מעלק זיי, שער זייער וואָל, קאָך זייער פלייש און נוץ זייער פעל . . .

— ביזט אַ חכם, ביל, אַ גאַנצער פילאָזאָף, — האָט דער ריכטער ווי אָפּגעחוזקט, — דאָס פאָלק ! דאָס פאָלק ! דערקלער־זשע מיר אָט־וואָס : יאָרן־לאַנג האָט דאָס דייטשישע פאָלק געשריגן הורא פאַר די קאַיזערס, און איצט ווערט דאָס דייטשישע פאָלק הייזעריק שרייענדיק הורא פאַר דעם משוגענעם היטלער, און . . .

— און ביי אונדז אין די פאַרייניקטע שטאַטן, פאַר וועמען שרייט דאָס פאָלק הורא ? — האָט קאַרל אַ פרעג געטאָן.

— ביי אונדז, — האָט דעם ריכטערס שטים געקלונגען מיט כמעט אויפריכטיקן שטאָלץ, — ביי אונדז איז איינגעשטעלט אַ דעמאָקראַטי־שע סיסטעם, די בעסטע סיסטעם וואָס איז אויסגעהאַמערט געוואָרן פון אונדזער הויכער ציוויליזאַציע ! . . .

ביל קנעכט איז געוואָרן אַנגעצונדן פון כעס. ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין בענקל און אַרויסגעברומט :

— אונדזער דעמאָקראַטישע סיסטעם ! אונדזער הויכע ציוויליזאַציע פון די טויזנטער פעלהענדלערס וואָס הערשן אין יעדער שטאָט און שטעטל איבער מיליאָנען אַרבעטער, פונקט ווי די צאַרן, די קאַיזערס און די היטלערס ; די פעלהענדלערס וואָס דינגען גענגסטערס צו מער־דערן פרידלעכע סטרייקערס און זייערע פירער, באַהאַנדלען מיליאָנען

נעגערס ווי שקלאַפֿן, פֿאַרברענען יידן און זייערע שולן, און . . .

— טע־טע־טע, ביזט אַ מבין, קאַרל, ווי אונדזער פֿריינט ביל האָט זיך צעפלאַמט, — האָט דער ריכטער איבערגעשלאָגן בילן. — זעץ זיך אַוועק, ביל, און צוים אַביסל דיינע שטאַרקע געפֿילן, — האָט דער ריכטער געזאָגט מיט אַן האַניק־זיסער שטים, — עס האָט געדויערט טויזנטער יאָרן ביז מיר האָבן דערגרייכט אַזאַ הויכע ציוויליזאַציע פֿון די פֿעלהענדלערס. געוויס נישט אַלץ איז פּערפֿעקט . . . פֿאַראַנען שוואַכקייטן אין אונדזער ציוויליזירטער סיסטעם . . . אָבער מיט שכל, מיט געדולד און מיט גאָטס־הילף וועלן מיר פֿאַרריכטן די שוואַכקייטן. מיר ווייסן ווי אַזוי. פֿאַרשטייסט, ביל?

— און וויפֿל הונדערטער יאָרן וועלן פֿאַרגיין ביז וואַנען איר וועט פֿאַרריכטן די שוואַכקייטן פֿון די פֿעלהענדלערס הויכער ציוויליזאַציע?

— האָט קאַרל געפֿרעגט.

— דו, קאַרל, האָסט נישט קיין צייט, אָבער די וועלט פֿאַרמאָגט אַ סך צייט, — האָט דער ריכטער געזאָגט מיט אַ טאָן פֿון זיכערקייט.

— און דערווייל, מיסטער ריכטער, ביז איר וועט פֿאַרלאַטען די שוואַכע פּונקטן פֿון אונדזער ציוויליזירטער אָרדענונג, — האָט קאַרל געפֿרעגט כמעט מיט אומגעדולד, — הונגערן מיליאָנען מענטשן אין צייט פֿון עקאָנאָמישע קריזיסן, און מיליאָנען הונגערן אויך אין צייט פֿון פּראָספּעריטי; און מיליאָנען נעגערס ליגן אונטער די שטיוול פֿון די פֿעלהענדלערס, און מיליאָנען מענטשן ליגן הינטער די שטיוול פֿון בלוטיקע דיקטאַטאָרס, ווען מיר שטיצן מיט הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן און מיט געווער, און מיליאָנען מענטשן שטאַרבן אין מלחמות, וואָס זענען דער פּראָדוקט פֿון פֿעלהענדלערס הויכער ציוויליזאַציע.

דער ריכטער האָט געקוקט אויף קאַרלען מיט סאַמעטענע בליקן און מיט געמאַכטער פֿריינטשאַפֿט און פֿאַרשטענדעניש.

— קאַרל, מיין פֿריינט, — האָט ער גערעדט מיט אַ ווייכער שטים, — הונגעריקע מענטשן זענען שטענדיק געווען אויף אונדזער ערד און זיי וועלן זיין שטענדיקע איינוואוינער אויף אונדזער וועלט. און וועגן די נעגער, אמת, זיי לעבן נישט אין לוקסוס, אָבער זיי פּרוכפּערן זיך און מערן זיך, און עס לעבט זיך זיי אַ סך בעסער ווי אין די אַפֿריקאַנער דזשאָנגלס. און וועגן מלחמות, דאָס זעסטו, קאַרל, ביזטו גערעכט.

מלחמות זענען אַ קללה, אַ ביטערע קללה אויף דער וועלט. זינט מענטשן האָבן זיך באַזעצט אויף שטיקלעך ערד, זענען אויסגעבראָכן מלחמות; און אַזוי לאַנג ווי מענטשן וועלן עקזיסטירן וועלן מלחמות אויסברעכן. מען קאָן נישט אָפּשטעלן קיין ערד־ציטערניש, מען קאָן נישט אָפּשטעלן די ווילדע אוראַגאַנען, און מען קאָן, ווייזט אויס, נישט אויסמיידן קיין מלחמות. דאָס איז אַ קללה פון גאָט אַליין . . . און אַז מיר רעדן וועגן מלחמות, וויל איך אייך פרעגן: ווען וועט איר ענדיקן אייער מלחמה מיט לודוויג פעלהענדלער? וועגן דעם בין איך טאַקע געקומען צו אייך. אויב איר זענט פּראַקטישע יוניאָן־פירער קאָן איך מיט אייך סעטלען דעם סטרייק אין איינע פינף מינוט צייט . . .

— ווען איז לודוויג פעלהענדלער געשטאָרבן? — האָט ביל שפּאַסיק געפרעגט.

הילכיק געלעכטער האָט אָנגעפילט דאָס שפּיטאָל־צימער.

— לודוויג פעלהענדלער איז געזונט ווי אַן אָקס, פעט ווי אַ חזיר און ער איז זיכער, אַז ער וועט נישט שטאַרבן, ווייל ער פאַרמאָגט גענוג געלט אונטערצוקויפן אַפילו דעם מלאך־המות, — האָט דער ריכטער גוטמוטיק געשפּאַסט.

דער ריכטער האָט אַרויסגענומען אַ בריוו פון זיין קעשענע און מיט שטאָלץ געזאָגט:

— לייענט שוואַרץ אויף ווייס, אונטערגעשריבן פון אים, מיט זיין אייגענער האַנט, אַז איך בין אויטאָריזירט צו שליכטן מיט אייך דעם סטרייק.

— וואָס זענען אייערע פאָדערונגען?

— מיסטער ריכטער, מיר זענען אַרויס אין סטרייק, ווייל ער האָט געשניטן די שכירות, — האָט קאַרל זיך אָפּגערופן.

— איך ווייס, איך ווייס די גאַנצע געשיכטע וועגן די געשניטענע שכירות, — האָט דער ריכטער אומגעדולדיק איבערגעהאַקט זייערע רייד. — איך וויל נישט האָבן אייערע אַלטע טענות און אייערע אַלטע חשבונות מיט לודוויגן. מיט מיר מוזט איר אָנהייבן שרייבן אַ ניי קאַפּיטל אויף אַ ריין בלעטל. קורץ און שאַרף: וואָס זענען אייערע פאָדערונגען?

— אונדזער ערשטע פאָדערונג, — האָט קאַרל געזאָגט, — איז אָנערקענונג פון דער יוניאָן.

דער ריכטער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— גוט. פאָדערונג נומער איינס איז אָנגענומען. די יוניאָן איז אָנערקענט.

— אונדזער צווייטע פאָדערונג, — האָט קאַרל געזאָגט, — קיין שניט אין די שכירות.

דער ריכטער האָט צוגעשטימט.

— אַ העכערונג אויף צען פּראָצענט, איז אונדזער דריטע פאָדערונג, — האָט קאַרל פאָרגעזעצט.

— פינף פּראָצענט העכערונג ווען איר הייבט אָן אַרבעטן און פינף פּראָצענט פינף חדשים שפּעטער, — האָט דער ריכטער אָנגעבאָטן.

— מיט צוויי חדשים שפּעטער, — האָט קאַרל פאָרגעשלאָגן.

— מיט פיר חדשים שפּעטער, — האָט דער ריכטער זיך געדונגען מיט קאַרלען.

ביל האָט זיך אַריינגעמישט:

— מיט דריי חדשים שפּעטער.

— אָפּגעמאַכט! — האָט דער ריכטער געזאָגט. — איז, הייסט עס, אַלץ געשליכטעט. ווען באַפרייט מען אייך פון דאַנען?

— מאָרגן.

— און ווען וועט איר פאַררופן אַ מיטינג פון אייערע סטרייקערס?

— מאָרגן אָוונט.

— גוט. זייער גוט. זייט געזונט. איר זענט צוויי רויבער, אָבער ציווילירטע, געזעצלעכע רויבער.

לעבן דער טיר, ביים אַרויסגאַנג, האָט דער ריכטער זיך אָפּגעשטעלט, זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו קאַרלען און בילן און אַריינגערעדט אין צימער אַריין:

— לודוויג פעלהענדלער וויל געבן טויזנט דאָלער פאַר די סטרייקערס וואָס זענען צעשלאָגן געוואָרן.

— מוחל! — האָבן ביידע, קאַרל און ביל, אויסגעשריגן.

דער ריכטער האָט אויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געלעכטער:

— משוגענע קאָמוניסטן, — האָט ער גוטמוטיק געמורמלט, — זיי ווילן נישט נעמען קיין געלט ביי אַ קאַפּיטאַליסט... משוגענע קאָמוניסטן!... און אפשר... אפשר זענען זיי שוין גאָרנישט משוגע...

פרעדי געדענקט...

פרעדי איז געלעגן אין אַ פּריוואַטן שפּיטאָל־צימער. זיינע וואונדן אין קאָפּ — פאַרנייט און פאַרבאַנדאַזשירט. זיין נאָז — צעבראָכן. זיי־נע ליפּן — צעשפּאָלטן. עטלעכע ריפּן — צעבראָכן. זיין פּנים און זיין קערפּער — געשוואָלן. זיינע קאָפּווייטיקן — אומדערטרעגלעך.

ער האָט באַקומען צוויי בלוט־טראַנספוזיעס, אָבער פרעדי ווייסט נישט וועגן דעם. ער געדענקט נישט וועגן ווער עס האָט אים גע־בראַכט אין שפּיטאָל, ווער עס האָט פאַרנייט זיינע וואונדן, און ווי לאַנג ער ליגט אין שפּיטאָל.

אַלץ, אַלץ געדענקט ער קלאָר, ביז — — — —

ער געדענקט, אַז פראַנץ ווייַנהאַרץ איז געווען אויפגערעגט ביים ספּעציעלן מיטינג פון זעקס פון די בעסטע אויספּרובירטע קאַמעראַדן. ער געדענקט פראַנצס ווערטער:

— איר געדענקט דאָך מיינע לעקציעס? איצט איז געשען דאָס וועגן וואָס איך האָב אייך געוואָרנט — אַ פאַרייניקטע פאַרשווערונג פון יידן, ניגערס און מאַרקסיסטישע יוניאָניסטישע סטרייקערס, אונטער דער אָנ־פירערשאַפט פון די מאָסקווער קאָמוניסטישע אַגענטן, דער ייד קאַרל מאַרקוס, דער מאַרקסיסט ביל קנעכט, און דער ניגער ווילבור. זיי, די דריי פאַררעטער, האַלטן די סטרייקערס אונטער אַן אייזערנער לענינים־טישער דיקטאַטור. די סטרייקערס ווייסן, אַז זייערע לעבנס און די לעבנס פון זייערע פרויען און קינדער, זענען אין געפאַר, אַז אויב זיי וועלן וואַגן ווידערשפּעניקן די דיקטאַטאָרס. אונדזער הייליק פּאַטריאָ־טיש פליכט אין איצטיקן מאָמענט איז צו באַפרייען די סטרייקערס פון דער ברוטאַלער רויטער דיקטאַטור. מאַכט קעגן מאַכט! די „שטערן און שטרייפן“ קעגן דער פאַרבלוטיקטער רויטער פאָן! די דריי רויטע הערשער מוזן באַזייטיקט ווערן היינט ביינאַכט! דער קאָמוניסטישער רעזשים אין ריווערוויל מוז צעשמעטערט ווערן איידער ער וואַרצלט זיך איין און צעוואַקסט זיך ווי אַ קענסער!

פרעדי געדענקט: ראַבערט און עריק האָבן וואָלונטירט צו „פאַר־פירן“ דעם נעגער ווילבור. די האַמערשלאַג ברידער האָבן זיך פאַר־פליכטעט „אויסצולעשן“ דעם ריז ביל קנעכט, און ער, פרעדי און פיליפּס

האָבן פאַרזיכערט צו „פאַרגליווערן" קאַרל מאַרקוס.

ער געדענקט, אַז ער האָט דערלאַנגט קאַרלען עטלעכע קלעפּ מיטן בלעקדזשעק. קאַרל האָט אַרונטערגעריסן זיין, פרעדיס, קעפּקע און געשריגן: „גענגסטערס! גענגסטערס!" פיליפּ איז אַנטלאָפן. ער, פרעדי, האָט געריסן זיין קעפּקע פון קאַרלס הענט. פּלוצים איז ליכטיק געוואָרן אין גאַס. די עלעקטרישע לעמפּלעך אין הייזער האָבן זיך צע־צונדן. ער איז אַנטלאָפן אָן זיין קעפּקע . . .

דער שוואַרצער אויטאָמאָביל האָט געוואַרט אויף דעם באַשטימטן פּלאַץ. די האַמערשלאַג ברידער און פיליפּס זענען געזעסן אין אויטאָמאָ־ביל. ראָבערט און עריק זענען נישט געווען . . . דער אויטאָמאָביל האָט געוואַרט אויף זיי . . . ביז אַלע זענען געוואָרן אומגעדולדיק און אומרו־איק . . . און זיי זענען אַוועקגעפאָרן אָן ראָבערטן און אָן עריקן.

זיי זענען געפאָרן צום באַשטימטן פּלאַץ, צו דער זומער־היים אין וואַלד, ביים טייך, וואָס האָט באַלאַנגט צו לודוויג פעלהענדלער דזשו־ניאָר. דאָרט האָבן זיי געוואַרט, אַז פראַנץ זאָל קומען הערן דעם באַריכט פון זייער מיסיע, ווי עס איז פריער באַשלאָסן געוואָרן, אָבער פראַנץ איז נישט געקומען.

שפּעט ביינאַכט זענען די האַמערשלאַג ברידער און פיליפּס אַהיימגע־פאָרן און ער, פרעדי, איז געבליבן און געוואַרט אויף פראַנצן. ער איז יענע נאַכט געשלאָפן אין לודוויגס זומער־היים און געוואַרט אַ גאַנצן טאָג אויף פראַנצן. עסן און טרינקען איז דאָרט געווען איבערגענוג אין רעפרידזשערייטאָר. פראַנץ איז נישט געקומען. שפּעט ביינאַכט האָט אַטאָ, דער אַלטער אויפזעער פון דער זומער־היים, אים אָפּגעפירט אַהיים אין איינעם פון לודוויגס אויטאָמאָבילן.

פרעדי געדענקט: ער איז אַרויס פון דעם אויטאָמאָביל און געוואַרט אַ פּאָר מינוט ביז דער אויטאָמאָביל איז פאַרשוואונדן. בלויז עטלעכע שפּאַן צום טויער איז פּאָול מאַרקוס פּלוצים אויסגעוואַקסן. ער האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג און געזאָגט: „פרעדי, איך בין געקומען דיר באַצאָלן אַ חוב פאַר מיין טאַטן" . . . און עמיצער פון הינטן האָט אים דערלאַנגט אַ מוראדיקן קלאַפּ איבערן קאָפּ. ער איז פאַראַליזירט געוואָרן פון ווייטיק . . . ער האָט געוואָלט שרייען און נישט געקאָנט . . . מורא־דיקע קלעפּ האָבן געהאַמערט איבער זיין קאָפּ, איבער זיין פּנים און אי־

בער זיין גאַנצן קערפּער . . . מער געדענקט ער שוין גאָרנישט . . .

דוכט זיך, אַז די הינט, דזשעף און וועגדי, האָבן שטאַרק געבילט און אַ פרוי האָט געשריגן : „פרעדי, פרעדי !". אָבער זיכער אין דעם איז ער נישט . . . ווען מען האָט אים געבראַכט אין שפּיטאָל, און ווי לאַנג ער ליגט דאָ אין אַ ים פון פייערדיקע ווייטיקן — ווייסט ער נישט . . .

— זאָלן נאָר זיינע וואונדן זיך פאַרהיילן, זאָל ער נאָר אַרוים פון שפּי־טאָל, — האָט פרעדי געטראַכט, — וועלן זיך די מאַרקוס ברידער גע־זעגענען מיט זייערע לעבנס. זיי זענען ביידע אַזוי גוט ווי טויט . . . דער רעוואָלווער וואָס וויינהאַרץ האָט אים געגעבן אַלס מתנה ליגט פאַרשלאָסן אין שופלאָד פון זיין שרייבטיש. ער וועט זיי אָנפּילן מיט הייסן בליי . . . באַלד, דעם ערשטן טאָג וואָס ער וועט אַרויס פון שפּי־טאָל.

פרענק בלענשאַרד איז נישט געקומען באַזוכן זיין פרעדין אין שפּי־טאָל. טעריסאַ איז געקומען אין שפּיטאָל צוויי מאָל אַ טאָג, אין דער פרי און אין אָוונט. זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס פרענק גייט נישט באַזוכן פרעדין. זי זעט, אַז פרענק איז צערודערט און פאַר־זאָרגט. זי פאַרשטייט, אַז עס טוט אים ווי פאַר פרעדין, וועמען ער האָט ליב ווי אַן אייגענעם זון. אָבער פאַרוואָס וויל ער נישט באַזוכן פרעדין אין שפּיטאָל ? און ער פרעגט זי אַפילו נישט ווי פרעדי פילט ווען זי קומט פונעם שפּיטאָל. און זי קאָן עס גאָרנישט פאַרשטיין.

אָבער נאָך מער פאַרדריסט איר וואָס פרענק גייט אַרום אַזוי אָנגעבלאָ־זענער, אַ ברוגזער און רעדט נישט . . . אויף אַלע אירע פראַגן ענטפערט ער איר מיט אַ פאַרביסענעם שווייגן.

— פרענק, פאַרוואָס גייסטו נישט באַזוכן פרעדין ?

פרענק ענטפערט נישט. ער שווייגט.

— פרענק, פאַרוואָס פרעגסטו מיך נישט ווי פרעדי פילט ?

פרענק שווייגט.

— פרענק, ווער דענקסטו האָט אַזוי מערדערלעך צעשלאָגן אונדזער פרעדין ? ער האָט נישט קיינע שונאים. אַלע וואָס קאָנען אים האָבן אים ליב. אפשר צוליב אַ מיידל, אַ ליבע־קאָנקורענט ?

פרענק שווייגט.

— פרענק, פאַרוואָס גייסטו נישט צו דער פּאָליציי? פאַרוואָס שווייגסטו?

פרענק ענטפערט נישט.

טעריסאַ האָט באַשלאָסן מער נישט צו פרעגן פרענקן קיינע פראַגן. אַ פאַרדרוס ברענט אין איר... זי ווייסט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט זי אַרויספּלאַצן. וואָס איז דאָס פאַר אַ שווייגעניש? זי רעדט. זי פרעגט און ער שווייגט... דער פאַרדרוס זידט אין איר... און אפשר איז ער גאָר קראַנק, איר פרענק?

צופעליק באַקומט טעריסאַ אַן ענטפער אויף אירע פראַגן.

די מאַרקוס ברידער זענען געקומען אין שפּיטאָל באַזוכן פרעדין... דורך די שמאָלע עפענונגען, ווי דינע מעסערשניט פון זיינע נאָך־אַלץ פאַרשוואָלענע אויגן, האָט ער זיי דערזען שטיין לעבן זיין בעט. זיין האַרץ האָט געהאַמערט הויך און האַסטיק. די ווייטיקן פון אַלע זיינע וואונדן האָבן זיך צעשפּילט און זיין שניידנדיקער קאַפּווייטיק האָט זיך צעגליט...

— נו, פרעדי באָי, ווי געפעלט דיר דיין וואַקאַציע? — האָט פּאָל אים געפרעגט מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל. — האָסט עפּעס הנאה פון דעם מאַסאַזש וואָס דו האָסט באַקומען? עס טוט ווי, האַ? איצט ווייסטו ווי אַזוי מיין טאַטע פילט. וואָס האָסטו געהאַט צו אים? וואָס פאַר אַן עוולה איז מיין טאַטע וועןʼ עס איז באַגאַנגען קעגן דיר? מיינסט אַז מיר ווייסן נישט ווער עס האָט דיך אָנגעשטעלט צו דערמאָרדן מיין טאַטן? פראַנץ וויינהאַרץ, דיין נאַצי־לערער און פירער, דער קאָמאַנדיר פון די נאַצי־גענגסטערס אין ריווערוויל! פרעדי, מיר ווייסן אַלץ!

פרעדיס קערפּער האָט געברענט, ווי ער וואָלט געלעגן אויף אַ באַרג רויט־גליענדיקע קוילן.

— הער זיך גוט איין צו מיר און געדענק וואָס איך זאָג דיר, — האָט רודאָלף, קאַרל מאַרקוסעס יינגערער זון געזאָגט, — רעזערוויר דעם שפּיטאָל־צימער און דאָס בעט... דאָס וואָס דו האָסט באַקומען איז בלויז אַן אָנהייב, אַן אָדערויף... דו האָסט פאַרלוירן דיין קעפּקע, און וועלכער עס איז אויסגענייט דיין אומריינער נאָמען און האָסט דאָרט איבערגעלאָזט דיין בלעקדזשעק און וועלכן עס איז אויסגעשניטן די בוכשטאָבן — „פ. ב.". ווען דו וועסט אַרויס פון שפּיטאָל, וועל איך דיר

אומקערן אַלס מתּנה ביידע זאַכן . . . מיט דיין אייגענעם בלעקדזשעק וועל איך דיר באַצאָלן פאַר מיין טאַטנס בלוט . . . איך וועל דיך פאַר־קריפּלען . . . אויף אַ וועגעלע וועט מען דיך פירן . . . דו עקלדיקער נאַצי־גענגסטער ! — האָט רודיס קול געציטערט פון כעס און אויפרעגונג.

פּאָול האָט אַרויסגעפירט רודין פון צימער.

— גענוג, גענוג, רודי . . . קום, — האָט זיך פּאָול געבעטן ביי זיין יינגערן ברודער. זיי האָבן נישט באַמערקט, אַז טעריסאַ איז געזעסן פאַרשטעקט אין אַ ווינקל און זיך איינגעהערט צום געשפּרעך.

ווען טעריסאַ איז אַהיימגעקומען פון שפּיטאָל, האָט פרענק באַמערקט, אַז זי איז צערודערט. ער האָט געטראַכט, אַז מסתּם איז פרעדים צו־שטאַנד פאַרערגערט. דאָס האָט ביי אים נישט אַרויסגערופן דעם מינד־סטן געפיל פון זאָרג אָדער רחמנות . . . אין פרענקס מוח זענען פרעדי און פראַנץ וויינהאַרץ געוואָרן ענג פאַרקניפּט און פאַרבונדן — צונויפ־געוואַקסן . . . פרעדי און פראַנץ זענען אין זיין געדאַנק געוואָרן איינס, איין אייניקייט, און זייערע נעמען האָבן ביי אים נישט אַרויסגערופן קיין שום געפיל . . . פרעמדע . . . ווייט, ווייט אָפּגערוקט פון אים . . . עפּעס אַנדערש באַשעפענישן פון אַן אַנדער וועלט . . . נישט פון זיין וועלט . . . דער קלאַנג פון די נעמען : פראַנץ און פרעדי — אַ פּוסטער קלאַנג . . . אַ גרילץ אין זיינע אויערן . . .

טעריסאַ קאָן זיך נישט איינהאַלטן. איצט פאַרשטייט זי שוין פאַר־וואָס פרענק באַזוכט נישט פרעדין אין שפּיטאָל. זי איז זיכער, אַז פרענק ווייסט וועגן דעם בלוטיקן חשבון פון די מאַרקוס ברידער מיט פרעדין.

— פרענק, האָסט געוואוסט די גאַנצע צייט וועגן פרעדין און האָסט מיר נישט דערציילט, — האָט זי אַרויסגעשאָסן אַ טיף געקריוודעטע.

פרענק שווייגט און קוקט אויף איר מיט פאַרשנדיקע אויגן.

טעריסאַ דערציילט אים וועגן דעם וויזיט פון די מאַרקוס ברידער אין שפּיטאָל. זי גיט אים איבער יעדעס וואָרט וואָס פּאָול און רודאָלף האָבן געזאָגט פרעדין. אירע גרויסע שוואַרצע אויגן גיסן זיך אָן מיט טרערן.

פרענק זיצט רואיק און רויכערט זיין ליולקע.

— זיי וועלן דערהרגענען פרעדין, זאָג איך דיר, — ציטערט טערי־סאַס שטים, — וואָס שווייגסטו, פרענק? האָסט פאַרלאָרן דיין צונג מיט דיין האַרץ?

הארט, טרוקן, פּראַסטיק־קאַלט ברומט פרענקס שטים:

— ערגער זיך נישט, טעריסאַ. די וואָס פאַרגיסן אומשולדיק מענטש־לעך בלוט מוזן פריער אָדער שפּעטער באַצאָלן פאַר זייערע פאַרברעכנס. אַזוי מוז עס זיין. דאָס איז גאָטס געבאָט!

פּרעדים געזונט האָט זיך געבעסערט. זיינע וואונדן האָבן זיך אָנגע־הויבן פאַרהיילן. דאָס געשווילעכץ אויף זיין פּנים און אויף זיין קער־פּער איז ביסלעכווייז אָפּגעגאַנגען און בלוי־געלע און שוואַרצע פלעקן־סימנים פון די קלעפּ האָבן באַדעקט זיין פּנים און קערפּער. אָבער פון צופיל בלוט־פאַרלוסט איז ער געווען אָפּגעשוואַכט און האָט געמוזט ליגן אין בעט. אַפילו אויף אַ בענקל האָט ער לאַנג נישט געקאָנט זיצן, ווייל דאָס בענקל האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען און וויגן, און עס האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן. ער האָט געמוזט צוריק אַריינקריכן אין בעט אַריין.

דאָס געשטאַלט פון די מאַרקוס ברידער איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן בייטאָג און ביינאַכט. רודיס ווערטער: „רעזערוויר דאָס בעט... איך וועל דיך צעקריפּלען... פאַר מיין טאַטנס בלוט"... — האָבן גע־עגבערט זיינע אויערן אָן אויפהער.

— זיי וואַרטן אויף מיר, — האָט ער געטראַכט, — זיי זענען מיט מיר נאָך נישט פאַרטיק... רודי איז אַ ווילדער טיגער... זיי האָבן מיין קעפּקע און מיין בלעקדזשעק... די מורא פאַר די מאַרקוס ברידער האָט זיך באַזעצט אין אים, אים פאַרפאָלגט און געפּייניקט...

זיינע חברים זענען נישט געקומען אים באַזוכן. גוט אַזוי... זיי זע־נען פאַרזיכטיק... זיי פאַרשטייען, — האָט ער געטראַכט.

אָבער, ווען דזשעק פיליפּס האָט אים באַזוכט און אים דערציילט אַלע טרויעריקע נייעס, איז אים באַפאַלן אַ מרה־שחורה. די נייעס, וואָס פיליפּ האָט אים דערציילט, אַז פראַנץ איז טויט האָט אים דערשלאָגן. איצט האָט די מורא פאַר די מאַרקוס ברידער זיך נאָך שטאַרקער צע־וואַקסן אין אים; אַז פראַנצן איז ער פאַרלאָרן, — האָט ער געטראַכט.

פיליפּס האָט אים אויך דערציילט, אַז די סטרייקערס האָבן געזיגט, די אינדעפּענדענט יוניאָן איז אָפּגעווישט, קאַרל מאַרקוס און ביל קנעכט ווערן אין ריווערוויל רעספּעקטירט און אָנערקענט ווי גרויסע יוניאָן־פירער און סטרייק־פירער; אַז באַלד, נאָך דער לויה פון פראַנצן, איז

די ווײַנהאַרץ־גרופּע זיך צעפֿאַלן און די נאַציס זענען טויט: מען זעט זיי נישט און מער הערט זיי נישט . . .

— דו ווייסט, פּרעדי, מ׳רעדט, אַז עס איז נישט אמת, אַז פֿראַנץ איז געשטאָרבן פֿון אַ האַרץ־אַטאַקע, — האָט פֿיליפּס אים פֿאַרטרויט. — מ׳שושקעט אַז די מאַרקוס ברידער האָבן אים „פֿאַרפֿאַרן", זיך אָפּגע־רעכנט מיט אים פֿאַר זייער טאַטן . . . וואָס דענקסטו, פּרעדי? אויף רודין קאָן איך דאָס גלויבן, — האָט פֿיליפּס פֿאַרזיכערט פּרעדין, — רודי איז זעקס פֿוס הויך, וועגט הונדערט און זיבעציק פֿונט, איז שטאַרק ווי אַן אָקס; ער איז אַן אויסגעצייכנטער אַטלעט און ער קאָן דערהרגע־נען אַ מענטש מיט איין זעץ פֿון זיין פֿויסט . . .

— נאָך אַ זאַך, פּרעדי, מ׳זאָגט, אַז די מאַרקוס ברידער האָבן דיך אויך צעבוטשערט — פֿאַר זייער טאַטן . . . פּרעדי, דענקסטו, אַז זיי האָבן געפֿונען דיין קעפּקע, וואָס דו האָסט פֿאַרלאָרן ווען מיר האָבן דערלאַנגט דעם אַלטן? פּרעדי, דענקסטו, אַז אפשר וועלן זיי מיך אויך . . . אַז איך באַגעגן רודין אין גאַס ווער איך פֿאַראַליזירט פֿון שרעק . . . רודי איז אַ מערדער . . . ביינאַכט האָב איך מורא אַרויסצוגיין פֿון הויז . . . וואָס זאָל איך טאָן, פּרעדי? גיב מיר אַן עצה . . . כ׳האָב נישט מיט וועמען זיך צו באַראַטן . . . אַלע אונדזערע ליגן ערגעץ באַהאַלטן . . .

פּרעדי געדענקט נישט ווען פֿיליפּס האָט אים פֿאַרלאָזט. ער ציטערט פֿון קעלט אונטער דעם וואַלענעם צודעק. דער פֿראָסט אין זיין קערפּער לאָזט ענדלעך נאָך . . . איצט איז אים היים . . . זיין קערפּער ברענט פֿון היץ . . . זיין קאָפּ ווערט צעשפּאָלטן פֿון ווייטיק. עס דוכט זיך אים, אַז זיינע וואונדן האָבן זיך פּלוצים צעעפֿנט און בלוט רינט פֿון זיי . . . דאָס בעט און דאָס צימער וויגן זיך אַהער, אַהין און אַהין און אַהער, גיך־גיך, גיכער און גיכער . . .

ער דערפֿילט, אַז עמיצער האָט אים פּלוצלונג דערלאַנגט אַ מוראדיקן קלאַפּ איבער זיין קאָפּ . . . און פֿאַר זיינע אויגן וואַקסט אויס דער ריז רודי מאַרקוס . . . ער שטייט לעבן זיין בעט מיטן בלעקדזשעק אין האַנט — און פּרעדי צעשרייט זיך מיט באַנומענע היסטערישע קולות.

די נוירס ווישט אים אָפּ דעם שווייס פֿון זיין פּנים.

— באַרואיק זיך, פּרעדי, — בעט זי אים, — באַרואיק זיך, טרינק, פּרעדי. — זי שטופּט אים אַ גלאָז מיט גרינער פֿליסיקייט אין זיין מויל

און ער טרינקט דורשטיק דאָס פליסיקייט. זי דעקט אים איין מיט דער קאָלדרע. — שלאָף, פרעדי, שלאָף!

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז אין צימער געווען ליכטיק און שטיל. דער דאָקטאָר אין ווייסן כאַלאַט טאַפּט זיין דופק. — נו, פרעדי, זיך אויסגעשלאָפן? פילסט בעסער?

— יאָ, דאָקטאָר, איך פיל אַ סך בעסער, — האָט פרעדי רואיק גע־ענטפערט.

— אויב אַזוי באַקומסטו אַ גוטן פרישטיק, — פאַרזיכערט אים דער דאָקטאָר מיט אַ שמייכל.

אַ גאַנצן טאָג איז פרעדי רואיק. זיין קאַפּוויייטיק איז פאַרשוואונדן. עס דוכט זיך אים אָבער, אַז זיין קאָפּ איז עפּעס וויידך געוואָרן און זיינע הענט און פיס זענען קאַלט און פייכט...

— זאָרג זיך נישט, פרעדי, דאָס ערגסטע איז שוין פאַריבער. — טרייסט אים די נוירס מיט אַ חנעוודיק שמייכעלע, — ביזט איבערגע־קומען דעם קריזיס ווי אַ בראַוועיר סאָלדאַט, אַזוי זאָגט דער דאָקטאָר, — פאַרזיכערט אים די נוירס.

די טרייסט־ווערטער פון דער נוירס באַרואיקן און דערמוטיקן פרעדין.

בייטאָג איז טעריסאַ געקומען צו אים אין שפּיטאָל. זי האָט אים פאַר־זיכערט, אַז ער זעט אויס זייער גוט און אַז דער דאָקטאָר האָט איר גע־זאָגט, אַז אינגיכן וועט ער אַרויס פון שפּיטאָל.

פרעדי האָט זי געפרעגט פאַרוואָס פרענק קומט אים נישט באַזוכן.

טעריסאַ האָט געשטאַמלט:

— דיין טאַטע קאָן נישט קומען... זיין האַרץ דערלאָזט אים נישט צו קוקן אויף דיר אין אַזאַ צושטאַנד... ער באַהאַלט זיינע געדאַנקען און זיין ווייטיק וועגן דיר... ער האָט זיך פאַרענדערט... ער איז צע־רודערט צוליב זיין טראַגישן אומגליק... ער זיצט אין הויז... גייט נישט אין ערגעץ... אַרבעט ווייניק... רויכערט די ליולקע און שווייגט... עס טוט אים וויי!...

פרעדי איז געווען צופרידן פון טעריסאַס דערקלערונג. ער איז געווען זיכער, אַז זיין טאַטע ווייסט גאָרנישט וועגן דער גאַנצער פאַרוויקלטער געשיכטע... ער טאָר נישט אויסגעפינען, — האָט ער באַשלאָסן. אָבער.. די קעפּקע... די מאַרקוס ברידער האָבן זיין קעפּקע...

זיי וועלן, אַז צווייפל, דערציילן זיין טאַטן . . .

— . . . פאַראַן בלויז איין אויסוועג, — באַשליסט פרעדי, — ער מוז באַווייזן, אַז ער האָט פאַרלאָרן זיין קעפּקע איידער דער אַלטער מאַרקוס איז באַפאַלן געוואָרן . . . אָבער ווי אַזוי ? אַן עדות ! אַ באַגלויבטער עדות, וואָס ווייסט אַז ער, פרעדי, האָט פאַרלאָרן זיין קעפּקע . . . וועט ער קאָן דאָס באַווייזן וועלן די מאַרקוסעס מוזן צוגעבן זייער טעות, און זיין טאַטע וועט זיך אָננעמען פאַר אים . . . אָבער וואו נעמט מען אַ באַגלויבטן עדות ? . . .

— באַרבאַראַ ! פעלהענדלערס סעקרעטאַר ! עטלעכע אוונטן האָט זי געהוליעט מיט זיי אין פראַנצס סטודיאָ. ער פלעגט זי אָפּפירן אַהיים צו איר אַפּאַרטמענט.

— ניין, באַרבאַראַ איז אויסגעשלאָסן ! ערשטנס, ווייסן די מאַרקוסעס, אַז זי איז פעלהענדלערס רעכטע האַנט . . . צווייטנס, וועט באַרבאַראַ מורא האָבן, אַז פעלהענדלער וועט אויסגעפינען, אַז זי מיט פרעדין זענען אינטימע פריינט און זי קאָן דעריבער פאַרלירן איר פּריוויר לעגירטן דזשאָב . . .

— אפשר די שיינע פעטע מאַרטאַ, פראַנצס קאָנפידענציעלע סעקרעטאַרשע ? זי איז קלוג און געלערנט . . . זי וועט מאַכן אַ גוטן איינדרוק. ניין ! מאַרטאַ טויג נישט . . . די ביטערע מאַרקוסעס וועלן אויסגעפינען, אַז זי איז צו נאָענט געווען מיט פראַנצן.

— אפשר מאַדאַם וויינהאַרץ ? איר וועלן אַלע גלויבן. זי געדענקט מסתּם, אַז ער איז יענעם אוונט געווען שיכּור . . .

פרעדי געדענקט, ווי עס וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט. עס איז דעמאָלט געווען שבת שפּעט ביינאַכט, ווען זיי האָבן איינציקווייז פאַרלאָזט פראַנצס סטודיאָ. ער, פרעדי, איז אַרויסגעגאַנגען פון דער סטודיאָ דער לעצטער. ער איז געווען שיכּור . . . ווען ער איז שוין געשטאַנען אין דער אָפענער טיר איז אַ פרוי אַריינגעגאַנגען דורך דער אָפענער טיר און זיך אָנגערירט אָן אים. איר פּנים האָט ער נישט באַמערקט. ער איז געווען זיכער, אַז די פרוי איז מאַדאַם וויינהאַרץ און ער האָט זי טאַקע אַזוי באַגריסט :

— העלאָו, מאַ־דאַם וויי־נאַרץ, — האָט ער מיט שווועריקייטן אַרויסגעשטאַמלט פון זיינע פאַרשטייפטע ליפּן און „הילצערנער” צונג. אַלץ

געדענקט ער וואָס עס האָט פּאַסירט יענעם אָוונט. ער געדענקט, אַז ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס גרויסע הויז אויפן וועג וואָס פירט אַרויס פון ווייַנהאַרצס הויז, איז מאַדאַם ווייַנהאַרץ געשטאַנען אויף די ברייטע טרעפּ פון דעם הויז. ער איז געבליבן שטיין, זיך געוואַקלט אויף זייַנע שוואַכע פיס און זיך געוואונדערט: וואָס איז דאָס, זי איז צוויי? ער האָט זי דאָך געזען אַרייַנגיין אין פראַנצס סטודיאָ. זי איז דאָרט און איז דאָ אין דער זעלבער צייט? ער האָט זיך געריבן די אויגן. דאָס עלעקטרישע לעמפּל ביים אַרייַנגאַנג האָט העל געשייַנט, און ער האָט זי געזען קלאָר. דאָס איז זי, די מאַדאַם ווייַנהאַרץ! אָבער עס איז דאָך פאָרט אוממעגלעך, זי איז דאָך דאָרט . . .

ער האָט זיך צוגעוואַקלט נאָענט צו איר, אַרונטערגעצויגן זייַן קעפּקע און אַרויסגעשטאַמלט:

— כ׳האָב דעם כבוד צו באַגריסן, אָבער כ׳האָב דאָך אייַך נאָרוואָס געזען אַרייַנגיין אין דער סטודיאָ . . . דאָ און דאָרט? . . . מאַדאַם ווייַנהאַרץ, איר זענט צוויי? . . . און זי האָט געקוקט אויף אים מיט אירע גרויסע שוואַרצע מילדע אויגן און געשוויגן.

ער האָט געטראַכט, אַז אפשר איז זי דער שאָטן פון יענער? אפשר גאָר אַ סטאַטוע? אַ לעבעדיקע סטאַטוע? ניין, דאָס איז באַשטימט אוממעגלעך! . . .

ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך זי אָנצורירן און זיך איבערצייַגן, צי איז אַ לעבעדיקע. ער האָט אָבער פאַרלאָרן זייַן גלייַכגעוויכט און איז געפאַלן אויף די טרעפּ.

פרעדי געדענקט: זי האָט אים געהאָלפן זיך שטעלן אויף זייַנע וואַקלדיקע פיס, אים אַרייַנגעפירט אין הויז אַרייַן, אים צוגעפירט צום שפּיגל און געזאָגט:

— קוק, זע ווי דו זעסט אויס!

אין שפּיגל האָט ער געזען אַ טויט־בלייך פּנים, געשוואָלענע ליפּן, פאַרשוואָלענע אויגן, צעשויבערטע האָר — אַ פאַרזעעניש.

— „אַנט־אַנ־שולדיקט, מייַן הויך־געשעצטע דאַמע, — האָט ער געשטאַמלט. ער האָט זיך געוואָלט פאַרנייגן פאַר איר, ער איז אָבער געפאַלן און איז געבליבן זיצן אויפן דיל.

ער געדענקט ווי זי האָט געשריגן: — ער וועט אייַך אַלע רויִנירן!

שיכורים, נאַרקאַטיקער, באַנדיטן וועט ער פון איר מאַכן! — זי איז פאַרשוואונדן, איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ טעפּעלע הייסע שוואַרצע קאַווע און איך געהאָלפן אויסזופּן די קאַווע פון טעפּל, ווי מען העלפט אַ קינד. ער האָט זיך דערפילט אַביסל ניכטערער און זיכערער אויף זיינע פיס. ער איז אַרויס פון הויז אַ פאַרשעמטער און ער האָט געהערט ווי זי האָט נאָכגעשריגן:

— איך וועל דערציילן דיינע עלטערן!

אין אַ וואָך אַרום נאָך דער הוליאַנקע איז ער ווידער פאַרבייגעגאַנגען איר הויז. זי איז נישט געווען אין דערהיים. דאָס הויז איז געשטאַנען איינגעהילט אין פינצטערניש. בלויז די צוויי לעמפּלעך ביי ביידע זייטן פון די טרעפּ האָבן אומעטיק געשיינט. אַ בענקשאַפט און אַן איינזאַמקייט האָבן אים אַרומגעכאַפּט און נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּ און זיך צעוויינט.

פּלוצים האָט ער דערהערט אַ מעלאָדישע שטים:

— פרעדי, וואָס וויינסטו? ביזט קראַנק? ביזט שוין ווידער שיכור? וואָס קריכסטו צו אים אין סטודיאָ? ער וועט דיך פאַראומגליקן!...

ער איז געזעסן אויף די טרעפּ און זי האָט אים געבראַכט הייסע שוואַרצע קאַווע. יענע נאַכט האָט ער איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מער נישט שיכורן. ער האָט אָבער זיין צוזאָג נישט געהאַלטן.

— אַך, ווען מאַנאַ־ליזאַ זאָל וועלן זיין אַן עדות! זי קאָן אים ראַטעווען... איר וועט גאַנץ ריוועריוויל גלויבן... זי איז די איידעלסטע פרוי אין ריוועריוויל. אַז ער איז געווען שיכור ווייסט זי דאָך... דאָס איז דאָך דער ריינער אמת... אָבער דער עיקר איז דאָך זיין קעפּקע און מאַנאַ־ליזאַ וועט נישט איינשטימען צו זאָגן, אַז זי ווייסט, אַז ער, פרעדי, האָט פאַרלאָרן זיין קעפּקע ווען זי ווייסט דאָס נישט... מאַנאַ־ליזאַ וועט נישט זאָגן קיין ליגן אַפילו צו ראַטעווען איר אייגענעם ברודער...

— און אפשר יאָ?... ניין. פּוסטע חלומות! זי וועט נישט זאָגן קיין ליגן... פאַרוואָס זאָל זי דאָס טאָן? שלעכט. ווער קאָן אים פאַרטהעלפן?

אומעטיקע לאַנגע טעג און וואָכן אין שפּיטאָל ווי אין אַ טורמע. אין איניקע טעג וויזן אַלע סימנים אַז זיין געזונט־צושטאַנד פאַרבעסערט זיך. ער לייד מער נישט פון קאַפּווייטיקן, קיין סימן פון נער־

וועזיטעט. זיין אַפּעטיט איז גוט. ביינאַכט שלאָפט ער טיף און רואיק. בייטאָג איז ער מונטער. זיין אָפּגעשוואַכטער קערפּער געווינט קראַפט.

און פּלוצים — שלאַפּלאַזע נעכט און אומרואיקע טעג, שאַרפע קאָפּ־ווייטיקן, קערפּערלעכע שוואַכקייט; ער קאָן נישט שטיין אויף די פיס און מוז ליגן אין בעט. אַ מידער, אַ קראַנקער מיט אַ הויכער טעמפּע־ראַטור.

דער דאָקטאָר איז זיכער, אַז די זיג־זאַג, דער באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ פון פרעדיס געזונט־צושטאַנד זענען דער רעזולטאַט פון פּלוצים־דיקע עקספּלאָזיעס אין פרעדיס מאַרך. שאַרפע ענדערונגען אין זיין געדאַנקען־אַפּאַראַט פּראָדוצירן אויפרעגנדיקע אומקאָנטראָלירבאַרע אימפּולסן, וואָס צעשטערן זיין גלייכגעוויכט; זיי גראָבן אונטער זיין ווידערשטאַנד־קראַפט און ער ברעכט צוזאַמען אונטער דעם שטור־רעמדיקן אויפברויז פון צעווילדעוועטע עמאָציעס ביז אויסגעשעפּטקייט. און ווען ער דערגרייכט ענדלעך דעם נידעריקן פּונקט ווערט ער געראַ־טעוועט דורך אַ גלייכגילטיקייט, וואָס האָט אויף אים אַ באַרואיקנדיקע ווירקונג און ער באַקומט דעמאָלט זיין נאָרמאַלן גלייכגעוויכט. דערנאָך חזרט זיך איבער דערזעלבער פּראָצעס נאָכאַמאָל.

דער דאָקטאָר נעמט פרעדין אַריין צו זיך אין אָפיס אויסצוגעפינען ביי אים וואָס עס דריקט אים אויף זיין מוח.

— פרעדי, — פרעגט אים דער דאָקטאָר, — פאַרוואָס ווילסטו נישט געזונט ווערן?

פרעדי איז דערשטוינט און פאַרלאָרן פון דעם דאָקטאָרס פראַגע.

דער דאָקטאָר וואַרט נישט אויף פרעדיס ענטפער און ער האָגלט אויף אים מיט אַ צווייטער פראַגע:

— פרעדי, ווילסט געזונט ווערן?

— געוויס וויל איך געזונט ווערן, — ענטפערט פרעדי ברוגז, — וואָס דענקט דער דאָקטאָר איך וויל ליגן אין שפּיטאָל מיין גאַנץ לעבן?

— גוט, פרעדי, איך גלויב דיר. איצט זאָג מיר וועגן וואָס טראַכסטו יעדן טאָג און יעדע נאַכט ווען דו ליגסט אין בעט?

— איך טראַכט וואָס גיכער אַרויסצוגיין פון שפּיטאָל.

— אמת, — דערמוטיקט אים דער דאָקטאָר, — און וועגן וואָס נאָך טראַכסטו?

— וועגן וואָס נאָך? איך טראַכט וואָס איך וועל טאָן ווען איך וועל אַרויס פון שפּיטאָל אַ געזונטער.

— דאָס איז אויך אמת, פרעדי. און וועגן וואָס נאָך טראַכסטו?

פרעדי פאַרטראַכט זיך און דער דאָקטאָר וואַרט געדולדיק אויף זיין ענטפער. פרעדי ענטפערט ענדלעך, אַז ער טראַכט וועגן אַ סך מענטשן.

— וועגן וועמען טראַכסטו, פרעדי? — לאָזט אים דער דאָקטאָר נישט אָפּ.

— איך, איך טראַכט וועגן מיין טאַטן, וועגן מיין מאַמען, און אַמאָל טראַכט איך אויך וועגן אונדזערע הינט, דזשעף און ווענדי.

— זייער גוט, פרעדי, און וועגן וועמען נאָך טראַכטסטו?

— וועגן קיינעם נישט מער, — ענטפערט פרעדי צערודערט, — וועגן וועמען נאָך זאָל איך טראַכטן?

— פרעדי, זאָגסט מיר נישט דעם אמת, — רעדט צו אים דער דאָקטאָר מיט אַ פריינטלעכער ווייכער שטים, — ניין, פרעדי, זאָג מיר דעם גאַנצן אמת. עפּעס באַהאַלטסטו פון מיר . . . דאָס טויג נישט, פרעדי.

— דאָקטאָר, פאַרוואָס דענקט איר, אַז איך זאָג אייך נישט דעם אמת?

— פּראָטעסטירט פרעדי. — פאַרוואָס גלויבט איר מיר נישט?

— ווייל עס איז אוממעגלעך און אומגלויבלעך, אַז דו זאָלסט נישט טראַכטן וועגן דעם אָנפאַל אויף דיר און וועגן די פערזאָנען וואָס האָבן דיך אַזוי ברוטאַל צעשלאָגן . . . פרעדי, דו טראַכסט וועגן דעם זייער אָפט. פאַרוואָס פאַרלייקנסטו עס פון מיר?

פרעדי איז בלייך געוואָרן. זיין קערפּער האָט זיך אַ וויג געטאָן ווי ער וואָלט לייכט אַ ציטער געטאָן.

דער דאָקטאָר האָט באַמערקט פרעדיס נערוועזע אומרואיקייט. ער האָט געוואוסט, אַז די פּלוצימדיקע ענדערונג אין פרעדיס צושטאַנד האָט באַשטעטיקט זיין דיאַגנאָז. איצט ווייסט שוין דער דאָקטאָר וואָס עס באַאומרואיקט זיין פּאַציענט, רעגט אים אויף, צעטרייסלט זיינע נערוון, פאַראורזאַכט זיינע ווידערהאַלנדיקע קאָפּווייטיקן און צעשטערט זיין ווידערשטאַנד־קראַפט.

דער דאָקטאָר פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און מיט איבערגעטריבענער רואיקייט גיט ער אַ פרעג פרעדין:

— אויב איך מאַך נישט קיין טעות רויכערסטו, פרעדי? און ער דער־

לאנגט אים א סיגארעט און די שוועבעלעך.

ביידע, דער דאָקטאָר און פּרעדי, רויכערן. זיי פּאַרציִען און בלאָזן אַרויס סנאָפּעס רויך פון זייערע מיילער. זיי רויכערן און שווייגן.

— פּרעדי,—ברעכט דער דאָקטאָר די שטילקייט אין קאַבינעט,—איך בין דיין דאָקטאָר און דיין פריינט. מיין אויפגאַבע און אַמביציע איז צו העלפן מיינע פּאַציענטן געזונט צו ווערן וואָס גיכער. איך ווייס פּאַר־וואָס דו ליגסט אַזוי לאַנג אין שפּיטאָל און פאַרוואָס דו ווערסט פון צייט־צו־צייט ווידער קראַנק, כאָטש דיינע וואונדן זענען שוין לאַנג גוט פאַרהיילט.

— דו האָסט מורא, פּרעדי! . . . דו ליידסט פון אַן איינגערעדטער מורא־קרענק! פּרעדי, דו ביזט נישט קיין פּחדן. ביזט יונג און ביזט געבענטשט מיט אַ געזונטן קערפּער. פאַרטרייב די מורא, פּרעדי! טראַכט נישט וועגן דעם וואָס האַלט דיך אין דער שטייג פון מורא . . . איין וואָך און די מורא־געדאַנקען און דו וועסט גיין אַהיים פריש און גע־זונט . . .

— בלויז איין וואָך, פּרעדי, דערלויב איך דיר צו זיין אונדזער גאַסט אין שפּיטאָל. בלויז איין וואָך, נישט איין טאָג מער! דער שפּיטאָל איז אַ הייל־אינסטיטוציע פאַר קראַנקע, נישט פאַר קיין פּחדנים . . . דיין איינציקע ווירקזאַמע מעדיצין איז צו באַזיגן דייז מורא. פון היינט אָן ביזט דיין אייגענער דאָקטאָר, בלויז איין וואָך, פּרעדי!

נאָכן געשפּרעך מיטן דאָקטאָר האָט פּרעדי עקשנותדיק אָנגעהויבן צו קעמפן מיט זיין מורא־קרענק — און געזיגט. יעדן טאָג האָט ער זיך דערפילט ענערגישער, מונטער און לעבעדיקער און אין פינף טעג אַרום האָט ער געזאָגט צום דאָקטאָר:

— דאָקטאָר, שוין צייט פאַר מיר צו גיין אַהיים.

דער דאָקטאָר האָט געשמייכלט אַזו אים האַרציק גראַטולירט.

פרענק טרייבט אַרויס פרעדין פון הויז

דער טעלעפאָן אין פרענקס הויז האָט געקלונגען. פרעדי האָט טעלעפאָנירט פונעם שפּיטאָל און אָנגעזאָגט טעריסאַן די בשורה, אַז מאָרגן אינדערפרי פאַרלאָזט ער דעם שפּיטאָל און זי געבעטן צו קומען מיט דעם אויטאָמאָביל אים אַהיים נעמען. טעריסאַ האָט זיך אויפריכטיק דערפרייט און אים פאַרזיכערט, אַז זי וועט זיין אין צייט אין שפּיטאָל און אים נישט לאָזן וואַרטן קיין איבעריקע מינוט.

אָבער ווען זי האָט אויפגעהאַנגען דאָס טעלעפאָן-טרייבל, האָט אַן אומרואיקייט זי אַרומגעכאַפּט. זי ווייסט, אַז פרענק טראָגט זיך אַרום מיט ביטערע געפילן קעגן פרעדין און זי האָט מורא, אַז צווישן פרענקן און פרעדין קאָן אפשר אויסברעכן אַ קריג... טעריסאַ טראַכט: „פרענק און פרעדי זענען ביידע בלענשאַרדס און זי איז זייער גוט באַקאַנט מיט די שטאָלצע בלענשאַרדס. זיי באַוועלן קיינעם נישט, זיי מיידן אויס סקאַנדאַלן און קריגערייען, אַפילו ווען זיי ליידן געלט פאַרלוסטן, אָבער זאָל נאָר עמיצער באַרירן זייער שטאָלצן יחוסדיקן פאַמיליע-כבוד, אפילו מיט איין אומבכבודיקן וואָרט אָדער טאַט, איז הימל עפן זיך און דערבאַרעם זיך אויף דעם פאַרזינדיקטן...

ברענגען פרעדין אַהיים אָן פרענקס וויסן, דאָס טראַכט זי טאָר זי נישט טאָן. טעריסאַ דערציילט פרענקן וועגן דעם טעלעפאָן-געשפּרעך מיט פרעדין און פרעגט אים צי זי זאָל אים ברענגען אַהיים.

פרענק האָט אַ טראַכט געטאָן און געענטפערט:

— קאָנסט אים ברענגען אַהער...

טעריסאַ איז צעטומלט געוואָרן: — ברענג אים „אַהער", נישט „אַהיים". זי שווייגט. עס איז ביי איר נישטאָ דער מינדסטער צווייפל, אַז פרענק פאַרשטייט דעם אונטערשייד פון די צוויי ווערטער, אָבער זי וויל אים נישט פרעגן פאַרוואָס ער האָט געזאָגט „אַהער" און נישט „אַהיים". זי האָט מורא, אַז זיין ענטפער וועט איר נאָך מער ווי טאָן, בעסער פאַרשווייגן, זיך מאַכן נישט-וויסנדיק... און זי איילט זיך אין שפּיטאָל.

ווען דער אויטאָמאָביל איז אַריינגעפאָרן אין הויף און זיך אָפּגעשטעלט לעבן הויז, איז פרעדי אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָבאָל מיט

מונטערער, יוגנטלעכער פלינקייט. די הינט האבן זיך צעבילט און צע־וואיעט. פרעדי איז צוגעלאפן צו זיי און זיי ארומגענומען מיט זיינע ארעמס. די הינט האבן אים באגריסט אויף זייער הינטישן שטייגער. זיי זענען געשפרונגען אויף אים, האבן געקוויטשעט, געלעקט זיין פנים און זיינע הענט און אים נישט געלאזט אוועקגיין; זיי האבן אים גע־האלטן ווי א געפאנגענעם. דזשעף האט אריינגעכאפט אין זיינע גרויסע ציין פרעדים ארבל און ווענדי האט אים אנגעכאפט ביי די הויזן. ער האט זיך קוים באפרייט פון זיי.

טעריסא איז געשטאנען פונדערווייטנס און מיט א צופרידענעם שמייכל צוגעקוקט די באגייסטערטע באגעגעניש צווישן פרעדין מיט די הינט.

א גאר אנדערע אויפנאמע האט פרעדי באקומען פון זיין טאטן. ווי נאר ער האט געעפנט די טיר, איז פרענק אויסגעוואקסן לעבן דער שוועל פון דער טיר. ער איז געשטאנען צווישן צוויי לעדערנע רענצלעך, און נאך איידער פרעדי האט געעפנט זיין מויל אים צו באגריסן, האט פרענקס שטים בייז א ברום געטאן:

— דיינע זאכן זענען פארפאקט אין די רענצלעך. נעם זיי דיר און גיי! פארנעם זיך פונדאנען!

פרעדי איז געבליבן שטיין פארגליווערט און געקוקט אויף פרענקן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. ער האט זיך נישט געקאנט רירן פון ארט, און ער האט נישט געוואוסט וואס ער זאל זאגן, אדער טאן . . .

— מיט מיר און מיט מיין פאמיליע קאנסטו מער נישט וואוינען אונ־טער איין דאך, — זענען פרענקס שארפע רייד געפאלן אויף פרעדין ווי שטיינער. — דו האסט פארגאסן מענטשלעך בלוט. ביסט באפאלן און צעשלאגן פרידלעכע נעגערס, האסט אונטערגעצונדן א יידישע שול און פארברענט אן אומשולדיקן יידן. ביסט באפאלן און צעשלאגן קארל מארקוס . . . דו ביזט נישט קיין בלענשארד . . . כ'האב געמאכט א טעות אין דיר . . . ביזט נישט קיין מענטש . . . ביזט איינער פון די בלוטדורש־טיקע נאצי־חיות . . . איך וויל דיך מער נישט קאנען . . . איך וויל דיך מער נישט אנקוקן . . . גיי פונדאנען! דיין פוס זאל נישט בארירן די ריינע בלענשארד ערד . . .

מיט שווערע באַוועגונגען האָט פרעדי גענומען די איינגעפּאַקטע רענצלעך.

— נאָ דיר אַ טשעק אויף פינף טויזנט דאָלער, — האָט פרענק געזאָגט, — דאָס איז דיין ירושה פון דיין באָבען, מיין שוועסטער מערי. וועסט האָבן גענוג אויף צו שיכורן . . .

פרעדי האָט גענומען דעם טשעק און מיט אַ כאַרכלענדיקער שטים געפרעגט:

— דעם אויטאָמאָביל . . . דעם וואָס דו האָסט מיר געגעבן אַלס מתנה ?

— נעם דיר דעם אויטאָמאָביל און טראָג זיך אָפּ ! — האָט פרענק אַ דונער געטאָן, נאָך איידער פרעדי האָט באַוויזן צו ענדיקן זיינע ווערטער.

טעריסאַ איז געשטאַנען ביי דער זייט, געקוקט אויף פרענקן און איינגעזאַפּט אין איר מאַרך און אין איר בלוט יעדעס וואָרט וואָס פרענק האָט אַרויסגעברומט. איר פאַרשטייפּט פּנים האָט נישט אויסגעדריקט קיין געפיל, נישט פון שטוינונג, נישט פון איינשטימיקייט, אָדער נישט־איינשטימיקייט מיט פרענקס האַנדלונג. עס איז אין איר אויך נישט געווען קיין געפיל פון רחמנות צו פרעדין. דער גלאַנץ פון אירע שוואַרצע אויגן איז פאַרשוואונדן. עס האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז איר האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויפגעהערט צו קלאַפּן, אַז אַלץ אינעווייניק אין איר איז אָפּגעשטאָרבן און איר בלוט איז פאַרגליווערט געוואָרן אין אירע אָדערן. בלויז אין די פיס האָט זי געפילט שאַרפע ווייטיקן, ווי נאָדלען וואָלטן דאָרט געשטאָכן . . .

ווען פרעדי מיט די רענצלעך אין די הענט האָט זיך געלאָזט צו זיין אויטאָמאָביל, האָט טעריסאַ מיט אַ פּראָסטיקער שטים געזאָגט :

— אַנטלויף פון ריוועריויל. די מאַרקוס ברידער זוכן דיך.

פרעדי איז אַריין אין אויטאָמאָביל, אויפגעשלאָסן דעם מאָטאָר און אַ קוועטש געטאָן אַ קנעפּל. דער מאָטאָר האָט אַ רעווע געטאָן, זיך באַרואיקט און שטיל געזשומעט. דער אויטאָמאָביל האָט זיך לאַנגזאַם געקייקלט צום טויער.

די הינט האָבן זיך צעבילט און מיט פּראָטעסט און בענקשאַפט זיך יאָמערדיק צעוואָיעט . . .

פרעדי זוכט אַן אויסוועג

פרעדי איז אַ לאַנגע צייט געפאָרן איבער פאַרלאָזטע וועגן אַרום רי־ווערוויל. אין זיינע אויערן האָט געברומט פרענקס באַפעל: „פאַרנעם זיך פון דאַנען!“ און טעריסאַס פראַסטיקע שטים: „אַנטלויף, די מאַר־קוס ברידער זוכן דיך!“ האָט געגעבערט אין זיין מוח.

איינזאַמקייט, פאַרלוירנקייט און אַ געפיל פון רחמנות צו זיך האָבן זיך באַזעצט אין אים און ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערדיק גע־וויין.

ווען ער האָט זיך אויסגעוויינט, האָט ער זיך דערפילט אַביסל דער־פרישט און באַרואיקט. זיין מוח האָט זיך אַביסל אויסגעלייטערט.

— פרענק ווייסט די גאַנצע געשיכטע וועגן אים, — האָט ער גע־טראַכט, — די מאַרקוס ברידער האָבן אים געוויזן זיין קעפקע . . . אָבער פאַרוואָס קאָן ער נישט מיט עדות באַווייזן דער מאַרקוס פאַמי־ליע, אַז עמיצער אַנדערש האָט גענוצט זיין קעפקע יענע נאַכט און ער איז אַן אומשולדיקער קרבן?

פרעדי באַשליסט צו פרובירן רעדן צו מאַנאַ־ליזאַ. וואָס קאָן ער פאַרלירן? גאַרנישט! אָבער אויב זי שטימט איין — איז ער אַ געראַ־טעוועטער . . .

אין מאַנאַ־ליזאַס היים האָט געקלונגען דער טעלעפאָן.

— יאָ. דאָס איז מיסעס וויינהאַרץ. ווער רעדט?

— מאַדאַם וויינהאַרץ, דאָס איז פרעדי בלענשאַרד, פליז דערלויבט מיר מיט אייך צו רעדן בלויז עטלעכע מינוט. עס איז זייער וויכטיק. איך מוז אייך זען. בלויז אויף עטלעכע מינוט . . . איך בעט אייך, זאָגט מיר נישט אָפּ. פליז, מאַדאַם וויינהאַרץ.

ווען דאָס טיר־גלעקל האָט געקלונגען, האָט מאַנאַ־ליזאַ געעפנט די טיר בלויז אַביסל. פרעדי איז געבליבן שטיין אינדרויסן לעבן שפּאַלט פון דער געעפנטער טיר.

— וועגן וואָס, פרעדי, ווילסטו מיך זען?

קאַלטע גלעזערנע שוואַרצע אויגן האָבן געקוקט אויף אים מיט פראַס־טיקער גלייכגילטיקייט. אַ האַרטע אומגעדולדיקע שטים האָט אַ יאָג געטאָן אויף אים פרעמדקייט און פאַראַכטונג.

— אַנטשולדיקט . . . כ'האָב אייך געוואָלט בעטן, — האָט פרעדי הכנעהדיק געשטאַמלט, — איך נייטיק זיך זייער אין אייער הילף. איך מוז . . .

— מיט וואָס דענקסטו קאָן איך דיר העלפן? — מאַנאַ־ליזאָס ווערטער זענען געפאַלן אויף אים ווי שטיקער אייז.

— מאַדאַם ווייַנהאַרץ, איך בין ערשט אַרויס פון שפּיטאָל . . . די מאַרקוס ברידער, — האָט פרעדי מיט שוועריקייטן געשטאַמלט, — זיי מאַכן אַ טעות . . . זיי פאַרדעכטיקן מיך . . . איך בין נישט שולדיק . . . וועגן מיסטער קאַרל מאַרקוס . . . נישט איך . . . איר קאָנט מיר העלפן.

— ניין, פרעדי, איך קאָן דיר נישט העלפן . . . איך ווייס, איך ווייס אַלץ . . . איך האָב באַזוכט מיסטער מאַרקוס אין שפּיטאָל . . . איך קאָן דיר גאַרנישט העלפן . . . גיי צו דייַנע פרייַנט, זאָלן זיי דיר העלפן! גיי צו מייַן ברודער, ער איז דאָך איינער פון דייַנע בעסטע פרייַנט. זאָל ער דיר העלפן, נישט איך! ניין, פרעדי, נישט איך, — האָט מאַנאַ־ליזאַ מיט קאַלטבלוטיקער גלייַכגילטיקייט אַרייַנגערעדט אין דעם שפּאַלט פון דער טיר און זי האָט פאַרמאַכט די טיר.

פרעדי איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ ווי אויף הילצערנע פיס און מיט לאַנגזאַמע טריט ווי ער וואָלט נאָכגעגאַנגען אַ טויטנוואָגן, האָט ער געשפּאַנט צום אויטאָמאָביל און בייז און שטיל געמורמלט:

— אַ שלאַנג! זי איז אַ גיפטיקע שלאַנג!

ווען ער איז געזעסן אין זייַן אויטאָמאָביל, האָט ער מיט גאַל אַרויסגעבורטשעט מאַנאַ־ליזאָס ווערטער:

— גיי צו דייַנע פרייַנט, זאָלן זיי דיר העלפן. גיי צו מייַן ברודער, זאָל ער דיר העלפן . . .

— גאָט, מייַן גאָט! — האָט ער פּלוצים אויסגעשריען און אַרייַנגענומען זייַן פּנים אין ביידע אָפענע הענט, — גיי צו מייַן ברודער, זאָל ער דיר העלפן! פרעדי, ביזט אַ גאָט־פאַרדאַמטער אידיאָט! — האָט ער זיך געזידלט. — זי איז נישט קיין שלאַנג. גיי צו מייַן ברודער, זאָל ער דיר העלפן! . . . אַ דאַנק פאַר דער עצה, מאַנאַ־ליזאַ, ביזט אַ מלאך!

עטלעכע מאָל האָט ער טעלעפאָנירט לודוויג פעלהענדלער, דזשוניאָר, אין זייַן זומער־היים, אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט.

ער האָט באַשלאָסן צו טעלעפאָנירן באַרבאַראַן, נישט געקוקט דערויף

וואָס זי האָט אים שטרענג פאַרזאָגט, אַז ער זאָל איר קיינמאָל נישט טעלעפאָנירן אין איר אָפיס, ווייל דער אַלטער פעלהענדלער הערט זיך איין צו אירע פּריוואַטע טעלעפאָן־געשפּרעכן. אָבער ער איז געווען אויפגערעגט און אומגעדולדיק. ער האָט געמוזט וואָס גיכער געפינען דעם יונגן לודוויג און ער איז געווען זיכער, אַז באַרבאַראַ מוז וויסן וואו ער געפינט זיך.

באַרבאַראַ האָט זיך געענטפערט און מיט איר פּראָפעסיאָנעלער מעלאָדישער שטים אַריינגערעדט אין טעלעפאָן־טרייבל:

— העלאָו, פעלהענדלערס פעק־טאָ־רי.

און דערנאָך מיט פרייד:

— פרעדי, ביזט ערשט אַרויס פון שפּיטאָל? הוראַ! ביזט ערשט אַרויס און רופסט מיך שוין!... איך בין שטאָלץ ווי אַ פּאַווע און פריילעך ווי אַ זינג־פייגעלע... פרעדי, ווען ווילסטו מיך זען? איך האָב אַ סך צייט. ביידע לודוויגס, דער טאַטע מיטן זון, זענען אין וואַשינגטאָן.

— וואָס זיי טוען אין וואַשינגטאָן? ס'איז אַ סוד, פרעדי... זייער אַ וויכטיקע מיסיע... אַ קאָנפערענץ מיט אַ סענאַטאָר...

— ניין, פרעדי, איך קאָן דיר נישט זאָגן דורכן טעלעפאָן. כ'וועל דיר דערציילן ווען כ'וועל דיך זען...

— האַ? געוויס ווייס איך! דער אַלטער קומט אַהיים מאָרגן און לודוויג דער צווייטער פאָרט פון וואַשינגטאָן קיין ניו־יאָרק.

— האַ, וואָס? יאָ, געוויס ווייס איך. קאָנסט אים טעלעפאָנירן אין ריץ קאַרלטאָן האָטעל. ער וועט דאָרט זיין אַ וואָך צייט...

— ווען וועל איך דיך זען, פרעדי? מאַך עס וואָס שנעלער...

די פעלהענדלערס נעמען זענען געווען פאַרשריבן אין דעם קאָנפידענציאָנעלן „ווער־איז־ווער" נאַצי־בוך מיט אַ גאָלדענער סוואַסטיקאַ אויף דעם ערשטן טאָוול... אין די „הויכע פענצטער" פון דער ברייטער נאַצי־באַוועגונג זענען די פעלהענדלערס געווען באַוואוסט ווי לאָיאַלע פּאַטריאָטישע דייטשן וואָס וואוינען און זענען רייך געוואָרן אין אַמעריקע און זענען איבערגעגעבענע שטיצער פון דעם דריטן רייך און באַגייסטערטע דינער פון דעם „פירער". זייערע פּריוווילעיקע, ברייט־האַרציקע מתנות צו דער גאָלדענער, גרויסער און בליענדיקער ברוין־העמדלדיקער משפּחה אין אַמעריקע פאַרפעלן נישט צו מאַכן דעם געהעריקן

איינדרוק אויף די הויכע נאַצי־פּערזענלעכקייטן. לודוויג פעלהענדלער און זיין זון פעלהענדלער, דזשוניאָר, האָבן פאַרדינט אַ באַזונדער הויכע אָנערקענונג, נישט נאָר פאַר זייערע ביישטייערונגען, נאָר אויך צוליב דעם חשובֿן פראַנץ וויינהאַרץ, אַ גליד פון פעלהענדלערס משפחה.

פרעדי האָט באַגעגנט לודוויג פעלהענדלער, דזשוניאָר, אין ניו־יאָרקער ריץ קאַרלטאָן האָטעל און אַ נייע וועלט האָט זיך געעפנט פאַר פרעדין. אַ דאַנק דעם יונגן פעלהענדלער און אויך צוליב זיין אייגענעם רעקאָרד, האָט פרעדי באַקומען די נייטיקע פאַרבינדונגען מיט די פירער פון דעם נאַצי־בונד אין ניו־יאָרק. ער האָט געשיכורט און געהוליעט מיט זיינע נייע פריינט און איז באַשטימט געוואָרן אַלס איינער פון די פירער וואָס מוז איינגיכן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם פאַרשטאָרבענעם פראַנץ וויינהאַרץ אין ריווערוויל. אָבער . . . איין אָנגעווייטיקטע פּראָבלעם מוז פריער געלייזט ווערן; איין טיף־איינגעוואָרצלטע שטערונג מוז פריער באַזייטיקט ווערן און אָפּרייניקן דאָס פּלאַץ פאַר פרעדין, — די פאַרפלוכטע יידישע רויטע מאַרקוס פאַמיליע . . .

עליזאַבעט ווײַנהאַרץ

שוין לאַנג, לאַנג אַז עליזאַבעט האָט נישט געפֿילט דעם טיפֿן פֿאַרגעניגן פֿון אַזאַ וואַרעמער און דערהויבענער שטימונג, ווי יענעם אָוונט, ווען זי האָט מיט גרויס חשק און פֿלײַס און אין אירע שענסטע קליידער, זיך געגרייט פֿאַר איר וויזיט צו דער מאַרקוס פֿאַמיליע.

אין שפּיטאָל, ווען זי האָט באַזוכט דעם צעשלאָגענעם קאַרל, האָט זי צוגעזאָגט דער פֿרוי מאַרקוס, אַז ווען קאַרל וועט אַרויס פֿון שפּיטאָל וועט זי קומען פֿאַרברענגען אַן אָוונט מיט דער מאַרקוס פֿאַמיליע. זי האָט אָבער אַלץ אָפּגעלייגט; זאָל קאַרל פֿולקאָם געזונט ווערן, — האָט זי געטראַכט, — זאָלן פֿריער קומען צו אים זײַנע אַנדערע פֿרײַנט, וואָס ער פֿאַרמאָגט אין די הונדערטער... ענדלעך האָט זי באַשלאָסן: הײַנט אָוונט וועט זי באַזוכן די מאַרקוס פֿאַמיליע, ביי וועמען זי איז פֿאַר־רעכנט אַלס אַ פֿאַמיליע־פֿרײַנט.

מיט קאַרלען איז זי שוין לאַנג באַפֿרײַנדעט, נאָך פֿון אירע כמעט־קינדער־יאָרן. קאַרל פֿלעגט קומען צו זיי אין הויז אַרײַן, ווען ער פֿלעגט מיט איר פֿאָטער פֿאַרברענגען שעהן לאַנג איבער די צייכענונגען וואָס ער, קאַרל, פֿלעגט ברענגען פֿאַר די אויסבעסערונגען פֿון די גרויסע שיך־מאַשינען.

די צייכענונגען האָבן זי נישט פֿאַראינטערעסירט, דערפֿאַר אָבער פֿלעגט זי מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם זיך אײַנהערן אין די הייסע דיסקוסיעס צווישן איר אויפֿגערעגטן פֿאָטער און דעם שטילן, רואיקן קאַרל מאַרקוס. זיי פֿלעגן זיך אַמפּערן וועגן די פֿאַרוויקלטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע וועלט־פּראָגן.

עליזאַבעט שמייכלט מיט פֿאַרגעניגן ווען זי דערמאָנט זיך אַז זי האָט שטענדיק געטראַכט, אַז קאַרל איז גערעכט און איר פֿאָטער — אומגע־רעכט. איינמאָל האָט זי אַפֿילו אַ געשריי געטאָן: „פּאַפּאַ, קאַרל איז גע־רעכט!" און איר פֿאָטער האָט זיך געוויצלט, אַז קאַרל פֿראָוואָצירט זײַן בת־יחידה קעגן אים.

זי קאָן נישט פֿאַרגעסן איר באַגייסטערונג פֿון קאַרלס שיינע און האַר־ציקע רייד וועגן מענטשלעכקייט, גערעכטיקייט און שלום, וואָס מוז און וועט סוף־כל־סוף הערשן אויף דער וועלט. און זי פֿלעגט זיך פֿילן טיף

באַליידיקט פון איר טאַטנס סאַרקאַסטישן געלעכטער פון קאַרלס רייד.

— פאַנטאַזיעס, פאַנטאַזיעס, קאַרל, — פלעגט איר טאַטע מיט ביטול רעדן וועגן קאַרלס מיינונגען, — מאַכט, מאַכט, קאַרל, האָט שטענדיק געהערשט אויף דער וועלט, און מאַכט וועט אייביק הערשן אויף דער וועלט, — פלעגט איר פאַטער שרייען מיט חוצפהדיקער אויטאָריטעט.

— געלט, קאַרל, געלט איז מאַכט! די יידישע נביאים האָבן מיט טויזנטער יאָרן צוריק אויך געפּלוידערט ווי דו פלוידערסט איצט וועגן יושר און גערעכטיקייט און אייביקן וועלט־שלום, אָבער ווער האָט זיי גענומען ערנסט? בלויז בטלנים, קבצנים פּוילאַקעס און נאַרישע טרוימער.

מאַנאַ־ליזאַ לאַכט, ווען זי דערמאָנט זיך איצט ווי זי האָט אויסגעשריגן: „פּאַפּאַ, איך נעם די נביאימס רייד אויך ערנסט” . . . און איר פאַטער האָט אַרויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געלעכטער און געזאָגט: „דו, מיין טעכטערל, קאָנסט זיך פאַרגינען צו גלויבן די פּוסטע יידישע נביאישע פּלאַפּלערייען, ווייל דו ביזט שוין פאַרזאָרגט מיט אַ סך, גאָר אַ סך „יושר”, נישט פון דעם מיין יושר וועגן וועלכן קאַרל פּלאַפּלט, נאָר אייז מין „יושר”, געלט, וואָס מיינט מאַכט. ביזט שוין פאַרזאָרגט מיט גאָר אַ געשמאַקן נדן וואָס קאָן צעשמעלצן דאָס האַרץ אַפילו פון דעם הייליקסטן נביא” . . .

זי האָט נאָך אין איר ביכער־שאַפע די ביכער וואָס קאַרל פלעגט איר ברענגען אַלס מתנות. דאָס ערשטע בוך וואָס קאַרל האָט איר געגעבן אַלס מתנה איז געווען, „אַלץ איז שטיל אויפן מערב־פראָנט” און זי האָט דאָס בוך געלייענט און פאַרגאָסן אַ סך טרערן . . .

איר פאַטער האָט גוטמוטיק געוואָרנט קאַרלען, אַז ער זאָל נישט ברענגען קיין קאָמוניסטישע ביכער פאַר איר, און קאַרל האָט אים אויפגערעגט מיט זיין ענטפער: „לודוויג, דיין בת־יחידה האָט שוין לאַנג פאַרבלאָנדזשעט אויף דעם ריכטיקן וועג; זי איז מער מיינע ווי דיינע.” איר פאַטער האָט דעמאָלט מיט כעס אויסגעשריגן: — „נישט דו, קאַרל, און נישט אַפילו טויזנט קליגערע און ביטערע פון דיר קאָנען אַראָפּפירן מיין טעכטערל פון דעם שבלדקן פעלהענדלער וועג. און עליזאַבעט איז אַ פעלהענדלער!”

מאַנאַ־ליזאַ האָט צו זיך שטיל געמורמלט:

— האָסט געמאַכט אַ טעות, טאַטע, אַ גרויסן, גרויסן טעות . . .

און מיט דעם שיינעם בלאָנדן פּאָול מאַרקוס, וואָס האָט זי פאַרכי־שופט מיט זיינע שיינע ווייכע בלויע אויגן, מיט זיין חן־גריבעלע אין זיין לינקער באַק, און מיט זיין זיסן שמייכעלע, מיט אים איז זי געווען זייער נאָענט באַפריינדעט ווען זיי האָבן ביידע געלערנט אין האַי־סקול. יענע זענען געווען אירע גליקלעכע יאָרן. זי און פּאָול פלעגן אָפט שפּאַצירן שעהן־לאַנג און צוזאַמען געגאַנגען אין די מוּאוויס. אין ווינטער זיך געגליטשט אויף דעם פאַרפרוירענעם טייך, וואָס גרענעצט זיך מיט איר טאַטנס גרויסן גאָרטן.

פּאָולס מאַמע האָט איר אַרויסגעוויזן אַ סך ליבשאַפט און זי געבעטן צו קומען אָפט צו זיי און זי, עליזאַבעט, האָט ליב געהאַט די גוטע עלזאַ מאַרקוס, ווי איר אייגענער מאַמען.

אַזוי גיך ווי עליזאַבעט האָט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פון מאַרקור־סעס הויז האָט זי דערפילט אַזאַ וואַרעמע, פריינטלעכע נאָענטקייט צו דער מאַרקוס פאַמיליע, ווי זיי וואָלטן געווען אירע שוועסטער און ברי־דער; און ווען זיי זענען אַלע געזעסן אַרום דעם קיילעכדיקן טיש אין דעם גרויסן און ליכטיקן עס־צימער, האָט זי זיך דערפילט ווי אַן איי־גענע, אַ מיטגליד פון דער געבענטשטער, ליבער מאַרקוס פאַמיליע.

פרוי מאַרקוס האָט אָנגעשטעלט אויפן טיש איר אייגענעם געבאַקע־נעם עפל־שטרודל, קעז־קוכן, מאַנדל־ברויט, פרוכט און הייסע קאַווע. דער געשפרעך וועגן „וויכטיקע קליניקייטן”, וועגן שכנים, וועגן שטעטל האָט געפליצט לייכט און אינטערעסאַנט.

אומבאַמערקט איז זייער געשפרעך געוואָרן ערנסט. עליזאַבעט האָט פלוצים אַ קירעווע געטאָן זייער געשפרעך וועגן קליניקייטן צו אַ טיף־ערנסטן עניין. זי האָט דערציילט וועגן דעם וויזיט פון פרעדי בלענשאַרד און איר קורצן געשפרעך מיט אים. זי האָט אויך דערציילט וועגן אירע פריערדיקע צוויי באַגעגענישן מיט אים, ווען איר האַרץ האָט איר פאַר־קלעמט פון רחמנות אויף דעם צושטאַנד פון דעם שיכורן יונגן פרעדי.

אַלע אַרום טיש האָבן אויפמערקזאַם זיך איינגעהערט צו אַלץ וואָס עליזאַבעט האָט זיי דערציילט און זענען געוואָרן איבערראַשט ווען עלי־זאַבעט האָט געזאָגט, אַז זי קאָן נישט פאַרשטיין פאַרוואָס פרעדי איז באַגאַנגען אַזאַ פאַרברעכן, און אפשר איז גאָר א טעות אים צו באַשול־דיקן.

— ניין, עליזאַבעט, מיר מאַכן ניט קיין טעות,—האָט קאַרל איר פאַר־זיכערט, — מיר ווייסן ווער עס האָט געשיקט פרעדין מיך פאַרענדיקן. איך וועל דיר דערציילן אַלץ וואָס מיר ווייסן און וואָס קומט פון באַ־גלויבטע עדות. דו מוזט מיר אָבער פריער ענטפערן אויף איינער אַ וויכ־טיקער פראַגע.

— די סטרייקערס פלעגן באַקומען קליינע ביישטייערונגען אין בריוו, מיט איין דאָלער, צוויי און אַמאָל פינף דאָלער. נאָר איין פריינט פלעגט אונדז אַריינשיקן יעדע וואָך גאָר גרויסע ביישטייערונגען — פינף הונ־דערט דאָלער יעדע וואָך ביז דער סטרייק איז געשליכטעט געוואָרן. מיט די גרויסע ביישטייערונגען זענען אויך געווען קורצע בריוולעך, „מיט האַרציקע וואונטשן פאַר אַ גיכן זיג" . . . ווייסטו אפשר, עליזאַבעט, ווער דאָס איז געווען יענער גוטהאַרציקער ביישטייערער? אָבער דעם אמת, ליז . . . געדענקסט דאָך נאָך מסתם, אַז מיר זענען אַלטע גוטע פריינט? . . .

עליזאַבעט האָט זיך געדרויטלט אונטער די פאַרשנדיקע בליקן פון קאַרלס בלויע אויגן און זי האָט מיט אַ באַשיידענעם שמייכעלע פאַר־שעמט און שטיל געזאָגט:

— מיסטער מאַרקוס, מיט אייער פראַגע האָט איר מיך אַריינגע־קלעמט אין אַ זייער אומאַנגענעמער לאַגע. איך קאָן אייך נישט זאָגן ווער דער ביישטייערער איז געווען. אָבער איר וועט מיר אַנטשולדיקן ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז איר האָט נישט פּינקטלעך געלייענט יענע בריוולעך . . . אפשר האָט איר שוין פאַרגעסן . . . אין די בריוולעך מיט די פינף הונדערט דאָלערדיקע ביישטייערונגען איז געווען געשריבן: „טייערער פריינט קאַרל מאַרקוס, דאָס איז אַ קליינע מתנה פאַר די בראַ־ווע סטרייקערס. איך באַדויער וואָס איך בין נישט קיין סטרייקער און נישט קיין יוניאָן־מיטגליד, אייער פריינט פאַר אַ גיכן זיג" . . .

— ריכטיק! ריכטיק! — האָט קאַרל פריילעך אויסגעשריגן. ער האָט זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן פון זיין בענקל, זי פאַטערלעך אַרומגע־נומען און אַ קוש געטאָן אין שטערן.

פרוי מאַרקוס, פאָול, רודאָלף און אַנאַ האָבן שטאַרק אַפּלאָדירט.

— און איצט, עליזאַבעט, — האָט קאַרל זיך אָפּגערופן, — וועל איך דיר דערציילן פונוואַנען מיר ווייסן, אַז פרעדי איז שולדיק . . . מיר

האבן שוין לאנג געוואוסט, אז פראנץ איז געווען דער פירער פון די נאצים אין ריווערוויל, אז ער איז געווען דיין טאטנס ראטגעבער און דער ארכיטעקט פון דער סטרייק־ברעכערישער יוניאן.

— פרעדים קעפקע האט אונדז דערציילט א היפש ביסל וועגן זיין פארבינדונג מיט פראנצס סטרייק־ברעכערישע טעטיקייטן. דערוויל האט אזוי פאסירט, אז אויפן צווייטן טאג נאך פראנצס טויט האט מען געבראכט פרעדין אין שפיטאל אין א קריטישן צושטאנד. א קלאנג האט זיך צעטראגן, אז מיינע זין האבן געהאט צו טאן מיטן אנפאל אויף פרעדין . . .

— אויף די יונגע נאצים איז אנגעפאלן א פחד . . . זיי האבן מורא באקומען, אז זייערע נעמען זענען פארשריבן ביי מיינע זין אויף א צעטל מיט א שווארץ רעמל . . . קומען זיי צו אונדז, די יונגע באנדיטן אומ־געבעטענערהייט, און דערציילן אלץ. עס ציטערט אויף זיי די הויט און זיי ווילן מיט זייערע מסירות אויף אנדערע אויסקויפן זייערע זינד און ראטעווען זייער אייגענע פעל.

עליזאבעט איז געזעסן ווי פארגליווערט. די טראגישע געשיכטע, וואס קארל האט איר דערציילט האט זי געגרוילט. קארל האט פאר איר גאר־נישט באהאלטן. ער האט דערציילט וועגן דער שפאלטונג און די גע־שלעגן אין „קליין־דייטשלאנד" אונטער פראנצס פירערשאפט; וועגן פראנצס פארסמנדיקע לעקציעס צו זיין גרופע האי־סקול שילער און וועגן די הוליאנקעס נאך די לעקציעס; וועגן די ארגאניזירטע בלוטיקע אנפאלן אויף די נעגערס; וועגן דעם ארגאניזירטן אנטיסעמיטיזם אין האי־סקול; וועגן דזשים וואשינגטאנס הויז, וואס די יונגע באנדיטן האבן אונטערגעצונדן; וועגן דער יידישער שול, וואס די באנדיטן האבן אונטערגעצונדן און וועגן דעם פרומען יידן אברהם־משה, וואס איז פאר־ברענט געווארן אויף טויט אין זיין פארצווייפלטן פארזוך צו ראטעווען די ספר־תורה.

קארל האט איר דערציילט וועגן די געדונגענע גענגסטערס צו מער־דערן סטרייקערס, וועגן די מערדערלעכע אנפאלן אויף ביל קנעכט, אויף דעם נעגער ווילבור און אויף אים, אויף קארלען, מיט דעם צוועק צו בא־זייטיקן די הויפט־פירער פונעם סטרייק, און וועגן אלע, אלע שוידער־לעכע פארברעכנס, וואס זענען ארגאנזירט געווארן פון פראנצן.

— עליזאַבעט, — האָט קאַרל געזאָגט, — איך וויל דיר זאָגן דעם גאַנצן אמת, אַפילו ווען עס וועט דיר ווי טאָן, און וועסט אפשר זיין ברוגז אויף מיר. ס'איז אַ גליק וואָס פראַנץ איז טויט. הערסט, עליזאַ־בעט, וואָס איך זאָג דיר. מיר האָבן געשוואָרענע אַפידעיוויטס פון פינף יונגע באַנדיטן וואָס באַשטעטיקן, אַז זיי, מיט פראַנצן, האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו אונטערצינדן ביינאַכט די היימען און וועלכע די נעגער סטרייקערס וואוינען אין „נעגער־טאָון".

— ליז, דו באַגרייפסט וואָס דאָס מיינט? — האָט קאַרל מיט ווייטיק געפרעגט. — ביינאַכט, אַ ווילדע שריפה אין „נעגער־טאָון", וואו עטלעכע הונדערט נעגערס וואוינען מיט זייערע פרויען און קינדער אין אַלטע חרובע אויסגעטריקנטע הילצערנע הייזער . . . אַלץ איז שוין גע־ווען פאַרטיק צוגעגרייט . . . די נאַכט פון דער טראַגישער שריפה איז שוין געווען באַשטימט. די גרופּע אונטערצינדער איז שוין געווען באַשטימט . . . נאָר פראַנץ איז געשטאָרבן אַ נאַכט פריער פאַר דער באַשטימטער שריפה־נאַכט אין „נעגער־טאָון".

דאָס גרויסע עס־צימער איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ שווערער, פאַרגליווערטער שטילקייט. עליזאַבעטס אויגן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן. פרוי מאַרקוס האָט אויסגעווישט אירע אויגן. די יונגע אַנאַ האָט זיך צעבליפּעט און איז אַנטלאָפן פון טיש. זי האָט זיך אויסגעוויינט אין אַ ווינקל און איז שפּעטער צוריקגעקומען.

— איך האָב געוואוסט, אַז ער איז אַ קראַנקער מענטש. איך האָב אַפילו געטראַכט, אַז ער ליידט פון עפּעס אַן ערנסטער קרענק . . . כ'האָב אָבער נישט געוואוסט, אַז ער איז אַ . . . אַזאַ קראַנקער, — האָט עליזאַבעט שטיל געזאָגט. — איר זענט מיינע בעסטע פריינט. אייך מעג איך עס דערציילן. מיינע עלטערן האָב איך נישט דערציילט. בלויז אַ פּאָר חדשים האָב איך מיט אים געוואוינט אונטער איין דאַך . . . איך האָב זיך געוואונטשן אַז דער טויט זאָל מיך אויסלייזן פון אים . . . דערנאָך האָט ער געוואוינט אין זיין סטודיאָ. איך בין קיינמאָל נישט געווען דאָרט . . . מיין שוועל האָט ער נישט אַריבערגעטראָטן . . .

עס איז ווידער שטיל געוואָרן אין גרויסן עס־צימער. פרוי מאַרקוס האָט אַריינגעזיפצט אין דער געדיכטער שטילקייט.

עליזאַבעט האָט זיך מיד אויפגעהויבן פון איר בענקל, איז געבליבן

שטיין אַ ווייל און זיך צוריק אָוועקגעזעצט. אירע שוואַרצע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט און צעגלאַנצט. מיט וואַרעמע בליקן האָט זי אויף אַ רגע אַריינגעקוקט אין די פּנימער פון דער מאַרקוס פאַמיליע און מיט אַ קלאָרער שטים האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— מיסטער מאַרקוס, איר ווילט מיר טאָן אַ טובה, זייער אַ גרויסע טובה. איר ווילט מיר העלפן? עס איז זייער וויכטיק.

קאַרל איז געוואָרן אַביסל איבערראַשט פון עליזאַבעטס פראַגע.

— געוויס, ליז, — האָט ער איר געענטפערט, — דאַרפסט מיך נישט בעטן. באַפעל און איך וועל פאָלגן. איך האָב דאָך דיר שוין אויסגע־זאָגט מיט אַ קוש, אַז איך און מיין פאַמיליע האָבן דיך ליב . . .

— עפּעס מוז איך טאָן, קאַרל, און איך ווייס וואָס איך דאַרף און וויל טאָן. נאָר וואָס איז מיר איינגעפאַלן דער געדאַנק און איך וויל נישט אָפּלייגן, — האָט עליזאַבעט געזאָגט מיט אַ מונטערער שטים. — פראַנץ האָט פאַרמאָגט אַ בלאָק הייזער אויף עלם סטריט, אַ פאַרזיכערונג־פּאָ־ליסי אויף צען טויזנט דאָלער און טויזנטער דאָלער אין דער באַנק. איך וויל נישט זיין פאַרמעגן . . . זאָל דאָס צעטיילט ווערן צווישן זיינע קרבנות . . . אָבער איך ווייס נישט ווי אַזוי דורכצופירן דעם פּראָיעקט. איר, קאַרל, קאָנט מיר העלפן . . . בלויז איין באַדינג שטעל איך: קיי־נער, קיינער זאָל נישט וויסן ווער עס האָט געשענקט דאָס פאַרמעגן צו זיינע קרבנות . . .

אין גרויסן צימער איז ליכטיקער געוואָרן. פּנימער האָבן זיך צע־שטראַלט.

— בראַוואָ, ליז! — האָט זיך פון פּאָולס ליפּן אַרויסגעריסן, — איצט האָב איך דיך ליב . . .

דעם גאַנצן אָוונט האָט פּאָול פאַרביסן געשוויגן. אין פאַרלויף פון דעם אָוונט האָט עליזאַבעט אים געכאַפּט גנבענע אָפּטע, שעמעוודיקע בלומרשט אומשולדיק־נייגעריקע בליקן אויף איר, וואָס וואָלטן פאַר אַ זייטיקן נישט געהאַט קיין וויכטיקע באַדייטונג. עליזאַבעט אָבער האָט אויפגעכאַפּט פּאָולס אָפּטע בליקן און האָט אַז שוועריקייטן פאַרשטאַ־נען די סודותדיקע שפּראַך און זי האָט געענטפערט מיט פאַרזיכטיקע אָבער קלאָרע און אַרויסרופנדיקע בליקן, וואָס האָבן פון צייט־צו־צייט געבליצט מיט וואַרעמקייט אויף פּאָולן . . .

די קלוגע און דערפאַרענע פרוי מאַרקוס האָט באַמערקט דעם סודות־דיקן געשפּרעך צווישן איר עלטסטן זון מיט עליזאַבעטן! זי האָט פאַר־שטאַנען דעם אינהאַלט און זי האָט מיט טיפער צופרידנקייט געגעבן איר מוטערלעכע הסכמה . . . זי האָט גיך אויסגענוצט די געלעגנהייט ווען פּאָול האָט מיט באַגייסטערונג אַ געשריי געטאָן: „בראַוואָ, ליז!" . . . און זי האָט מיט וואַרעמער מוטערלעכער אָפנהאַרציקייט גע־זאָגט:

— עליזאַבעט, דיין טאַטנס מיליאָנען בין איך אים מוחל. איך פאַר־מאָג מיינע אייגענע מיליאָנען, נאָר דיין טאַטנס טאָכטער וואָלט איך דווקא געוואָלט פאַר מיין שנור.

פּאָול און עליזאַבעט האָבן געשמייכלט. ביידע זענען איר געווען דאַנקבאַר פאַר אירע דערקוויקנדיקע רייד.

— איצט, עליזאַבעט, מוזטו מיר שוין גלויבן, אַז מיר האָבן דיך ליב ווי אַן אייגענע טאָכטער, — האָט קאַרל באַמערקט מיט אַ זינגענדיקער שטים.

— ליז, זאָל איך דערציילן מיין פאַמיליע, אַז דו האָסט געבראָכן אונ־דזער אַפּמאַך? — האָט פּאָול האַלב־שפּאַסיק געפרעגט.

פאַררויטלט, מיידליש־שעמעוודיק האָט ליז געענטפערט:

— פּאָול, ווען דו ביזט אַוועקגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט אין אוניווערזיטעט, האָסטו מיר נישט געשריבן קיין איין בריוו, האָב איך געגלויבט אַז דו האָסט חרטה . . .

— עליזאַבעט, איך האָב דיר געשריבן מער ווי איין בריוו, נאָר דו האָסט מיר נישט געענטפערט.

עליזאַבעט האָט אַ ציטער געטאָן. איר פאַרדאַכט, אַז איר טאַטע האָט צוגענומען פּאָולס בריוו צו איר איז איצט באַשטעטיקט געוואָרן. איר טאַטע האָט געוואָלט פראַנצן פאַר אַן איידעם, נישט פּאָול מאַרקוס . . .

— נו, האָט ער יאָ אָדער נישט געשריבן, — אַז אַפּמאַך איז אַן אַפּ־מאַך, — האָט פרוי מאַרקוס געזאָגט מיט פרייד. — עס איז, ווייזט אויס, אַזוי באַשערט פון עם הימל . . . האָב איך רעכט, קאַרל?

אויף פּוד־ווייכע פליגלען האָט פון ערגעץ שטיל און באַשיידן אַריינגע־שוועבט אין גרויסן און העל־באַלויכטענעם צימער אַ וואַרעמע, צערטלע־כע און דערקוויקנדיקע יום־טובדיקע שטימונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט,

געוואַרעמט און געגלעט די מענטשן אין צימער ; די שטימונג האָט זיך
פון איר אייגענער וואַרעמקייט צעוואַקסן, צעגליט און אָנגעפילט אַלע־
מענס הערצער מיט איבערשוימענדיקער פרייד . . .

אין קאַרל מאַרקוסעס הויז האָט אַ פריילעכער יום־טוב זיך צעפינקלט
יענעם אָוונט. דער אַפּמאַך צווישן עליזאַבעט מיט פּאָולן וואָס זיי האָבן
געשלאָסן אין זייערע יונגע יאָרן, איז אָפּגעפרישט געוואָרן.

עלם סטריט לעבט אויף

עלם סטריט האָט פאַרמאָגט איין בלאָק ביים ראַנד פון שטעטל. די שיינע הייזער מיט מאָדערנע איינריכטונגען אויף עלם סטריט זענען גע־ווען פראַנץ ווײנהאַרצס אייגנטום. נאָך פראַנצס טויט איז זיין אלמנה עליזאַבעט געוואָרן די געזעצלעכע יורשטע פון עלם סטריט. עליזאַבעט האָט איבערגעגעבן די הייזער אויף עלם סטריט צו דער „ספּעציעלער רעליף־קאָמיטע" צו העלפן די קרבנות פון די נאַצי־באַנדיטן. קאַרל מאַר־קוס איז באַשטימט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר און קאַסירער פון דעם רע־ליף־קאָמיטעט.

צוויי נעגער פאַמיליעס, די ערשטע נאַצי־קרבנות, האָבן זיך אַריינ־געצויגן אין די צוויי אומבאַוואוינטע הייזער און האָבן באַקומען פון דעם רעליף־קאָמיטעט די נייטיקע געזעצלעכע דאָקומענטן, וואָס האָבן באַ־שטעטיקט, אַז זיי, די נעגער פאַמיליעס, זענען די באַלעבאַטים פון די הייזער אין וועלכע זיי וואוינען.

נאָך דעם ווי די צוויי נעגער פאַמיליעס האָבן זיך אַריינגעצויגן אין די צוויי הייזער אויף עלם סטריט, האָבן די ווייסע איינוואוינער פון די אַנ־דערע הייזער אויף עלם סטריט זיך אַרויסגעצויגן. עלם סטריט איז צו־ביסלעך באַוואוינט געוואָרן פון נעגער פאַמיליעס — די קרבנות פון די נאַצי־באַנדיטן. די ריווערוויל ווייסע איינוואוינער האָבן געקרוינט עלם סטריט מיטן נאָמען „די שוואַרצע גאַס".

די פרייד פון די נעגער פאַמיליעס, וואָס האָבן באַקומען די שיינע און באַקוועמע מאָדערנע הייזער אַלס מתנות פון דעם רעליף־קאָמיטעט, האָט אַרויסגעשיינט פון די גליקלעכע שוואַרצע פּנימער.

אין אַ שבת אוונט האָט דזשים וואַשינגטאָן געפּראַוועט חנוכת־הבית פון זיין נייער דירה. דזשים האָט איינגעלאַדן זיינע שכנים פון עלם סטריט און פריינט וואָס האָבן געוואוינט אין „ניגער־טאָון". דזשים און זיין ווייב האָבן אָנגעגרייט גענוג שפּייז און גענוג געטראַנקען פאַר די געסט. אָבער די געסט — לויט דעם טראַדיציאָנעלן מנהג, האָבן גע־בראַכט פולע טעפּ מיט געפּרעגלטע הינער, פיש, העמס און קאָרן־ברויט און היימיש־געבאַקענע עפּל־שטרודלען און פלעשער מיט היימיש־גע־

מאכטן בראנפן, ביר און וויין. דזשימס נייע דירה איז אנגעפילט גע־וואָרן מיט פרייד, געלעכטער און געזאַנג.

רעווערענד מאַרטין דייוויס פון דער נעגערשער באַפּטיסטישער קירכע האָט געהאַלטן אַ רעדע פאַר די געסט. ער האָט געלויבט די ווייסע נאָ־בעלע מענטשן פון דעם רעליף־קאָמיטעט, וואָס העלפן אַזוי ברייטהאַרציק די אומשולדיקע נעגער־קרבנות פון די ווייסע קו־קלוקס־קלענישע טעראָ־ריסטן.

— מיסטער קאַרל מאַרקוס, דער פירער פון דעם רעליף־קאָמיטעט, איז אַ הייליקער מענטש, — האָט דער רעווערענד געזאָגט. — זאָל גאַנץ אַמעריקע לערנען פון קאַרל מאַרקוס און פון די נאָבעלע ווייסע פּערזענ־לעכקייטן, וואָס האָבן אָוועקגעגעבן די שיינע היימען צו די שוואַרצע קרבנות פון די נאַצי־באַנדיטן, — אַן אַקט פון מענטשלעכקייט און ברו־דערלעכקייט. ווייסע מענטשן, וואָס פאַרעיפּושן די לופט מיט זייערע פּוסטע פראַזן וועגן יושר און גערעכטיקייט און פרייהייט, בשעת זיי אַליין באַהאַנדלען אונדזערע שוואַרצע ברידער און שוועסטער ווי רעכט־לאָזע, פאַרשאָלטענע שקלאַפן.

— אָבער דער קאַרל מאַרקוס רעליף־קאָמיטעט, וואָס באַשטייט דווקא פון ווייסע, זענען נישט קיין פּוסטע פראַזן־שיסער. גאָטס געבאָט, „זאָלסט נישט מאָרדן", איז ביי זיי הייליק. גאָטס געבאָט, „זאָלסט העלפן דיין אָרעמען און פאַרפאָלגטן ברודער", פירן זיי אויס ערלעך און געטריי.

דער רעווערענד האָט כמעט ווי אויסגעשריגן:

— דער יידישער צדיק אברהם־משה האָט ריזיקירט מיט זיין לעבן אַרויסצוראַטעווען די ספר־תורה פון דער ברענענדיקער שול, גאָטס־הויז, וואָס די באַנדיטן האָבן אונטערגעצונדן, און קאַרל מאַרקוס ריזיקירט, ווען ער וואָגט אַפן צו העלפן גאָטס קינדער, נעגער־קרבנות, פון די ווייסע אייניקלעך פון די סדום־ועמורה רשעים . . . מיסטער מאַרקוס ריזי־קירט . . . אָבער ער שרעקט זיך נישט . . . גאָטס שליחות פירט ער אויס אָן מורא . . . און איך בעט און שריי אויס מיט מיין גאַנצן כוח: אַל־מעכטיקער גאָט, היט און באַשיץ קאַרלען און אַלע ווייסע וואָס שטרעקן אויס זייערע הענט צו זייערע שוואַרצע ברידער מיט אויפריכטיקער און אמתער פריינטשאַפט!

— הללויה! הללויה! עימען! (אמן) עימען! — האט דער עולם אויסגעשריגן מיט באגייסטערונג.

הענריס באריטאן שטים האט א דונער געטאן:

— „גאו דאון מאזעס טו אידזשיפט לענד״ . . .

— טענארן און סאפראנא־שטימען האבן זיך הארמאניש צונויפגעגאסן. דזשימס היים איז געווארן אנגעפילט מיט געזאנג און פרייד.

קאַרל מאַרקוסעס הויז ברענט

שפּעט ביינאַכט האָבן די געסט אָנגעהויבן זיך קלייבן גיין אַהיים, גרופּעסווייז . . . נעגערס זענען טאַקע מער נישט באַפאַלן געוואָרן ביי־נאַכט אין די גאַסן ווי מיט אַ צייט צוריק, אָבער דאָך . . . דער וועג אַהיים אין „ניגער־טאַון" איז נישט באַלויכטן, עס איז אַהין אַ היפּשער מהלך. און שפּעט ביינאַכט, ווער ווייסט . . . „פּאַרזיכטיק . . . היט זיך פאַר ווייסע ביינאַכט" איז איינגעוואָרצלט אין נעגערשע מוחות פון קינדווייז אָן . . . גרופּנווייז איז זיכערער . . .

הענרי דזשעפּערסאָן, וואָס וואוינט אין דעם צווייטן הויז פון דזשים וואַשינגטאָן, איז געווען פון די לעצטע אַהיים צו גיין. אין זיין גאַנץ לעבן האָט הענרי נישט געפילט אַזאַ איבערשוימענדיקע פרייד ווי יע־נעם אָוונט. ער האָט אין זיך אַריינגעגאָסן אַ היפּש ביסל בראָנפן, ווייַן און ביר. ער האָט געטרונקען מיט אַלע זיינע פריינט און כמעט צו יעדן איינעם פון זיינע פריינט האָט ער געזאָגט די זעלבע ווערטער:

— גיב נאָר אַ טראַכט: איך, הענרי דער אָרעמער טראַק־טרייבער, בין דער באַלעבאָס פון אַ פּראַכטפולן הויז מיט אַלע, אַלע מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן . . . ווי פונעם הימל אַראָפּגעפאַלן . . . דו האָסט עפּעס אַ באַגריף ווי איך און מיין מערי פילן? און ווער? קאַרל מאַר־קוס! פאַרוואָס האָט מען אים נישט איינגעלאַדן צו דעם יום־טוב?

ביידע, ער און מערי, זענען שוין געווען היפּש פאַרטרונקען, ווען זיי זענען געקומען אַהיים. הענרי האָט אַרויסגענומען זיין לעצטן גאָלאָן ווייַן פון דער שאַפע און שיכורלעך געזאָגט:

— מערי, דעם גאָלאָן ווייַן טראָג איך איצט אָפּ צו מיסטער מאַרקוס. ביי זיין טיר וועל איך אים אַוועקשטעלן. זאָל ער וויסן, אַז מען פאַר־געסט אים נישט . . .

מערים קיילעכדיק, פאַררויטלט פּנים האָט זיך צעשיינט פון פרייד.

— אוי, הענרי, ביזט אַ חכם! — האָט זי אויסגערופן. — ביזט דער קליגסטער און דער בעסטער מאַן אין גאַנץ ריווערוויל! גיי, גיי, הענרי, אָבער, היט זיך, אַז דו ביזט אַביסל שיכורלעך, הענרי, שטעל אַוועק דעם גאָלאָן ווייַן ביי דעם הייליקן מאַנס טיר זייער, זייער שטיל . . . אָן אַ שאָרך . . . וועק אים נישט אויף . . . שטער אים נישט זיין שלאָף . . .

„קליין־דייטשלאַנד" איז פאַרזונקען אין שלאָף, איז פאַרשלונגען פון דער געדיכטער פינצטערניש און פאַרפלייצט מיט ביינאַכטיקער שטיל־קייט. נישטאָ קיין שטערן אין פאַרוואָלקנטן הימל, נישטאָ קיין לבנה היינט ביינאַכט. הענרי וואַקלט זיך אַריין אין דער פינצטערניש און ער שפּאַנט מיט פאַרזיכטיקע שטילע טריט נישט צו שטערן דער סודותדי־קער שטילקייט. אין דעם קיילעכדיקן אויערל פון דעם גלעזערנעם גאַלאָן מיט רויטן זאַפּטיקן וויין איז אַריינגערינגלט זיין שטאַרקער פינגער. ער היט זיין מתנה צו זיין פריינט קאַרל מאַרקוס, ווי אַן אוצר . . .

הענרים אויגן זענען געוואוינט צו פינצטערניש אויף גאַסן. ער איז אויפגעוואַקסן אין ריווערווילס „ניגער־טאַון"־גאַסן, וואָס פאַרשווינדן ביינאַכט אין פינצטערניש. ער קאָן געפינען קאַרלס הויז מיט פאַרמאַכ־טע אויגן. ער איז אַ לאַנגע צייט אַ טראַק־טרייבער. געווען פאַר אים בלויז איינמאָל צו זיין אויף אַ גאַס און ער וועט אַן שוועריקייטן געפינען די גאַס אַפילו מיט אַ יאָר שפּעטער . . . אין קאַרל מאַרקוסעס הויז איז ער שוין געווען מער ווי איין מאָל, טאַקע וועגן דער מתנה, מיט וועלכער דער מאַרקוס רעליף־קאָמיטעט האָט אים באַגליקט. הענרי בלאָנדזשעט נישט ווען אַפילו ער איז אַביסל באַטרונקען . . . ער טאַפּט אַן דעם ריכ־טיקן וועג.

ער זעט שוין די רויטלעכע שיין וואָס שניידט זיך אַריין אין דער פינצ־טערניש, די שיין פון די רויטע ציגלנע טרעפּ פון קאַרלס הויז, וואָס לאָזן זיך נישט פאַרשלינגען פון דער פינצטערניש . . . און ער זעט שוין די סילועטן פון די הייזער, ברייט־צעוואַקסענע, נאַרוועגישע ספּרוס־ביימער, וואָס שטייען ווי געטרייע שומרים ביי קאַרלס הויז. דאָרט אונ־טער איינעם פון די ביימער, האָרט לעבן דער לעצטער ברייטער טרעפּ, וועט ער אָוועקשטעלן זיין מתנה צו זיין טייערן ווייסן פריינט, — טראַכט הענרי מיט וואַרעמען פאַרגעניגן.

און פּלוצים — פלאַמען שיסן אַרויס פון דער ערד און כאַפּן אַרום קאַרלס הויז. אין איין רגע איז הענרי ניכטער געוואָרן.

— פייער! פייער! — האָט ער געשריגן מיט זיין שטאַרקער שטים.

— פייער! העלפט!

מיט זיינע פויסטן האָט הענרי געבראָכן די שויבן פון די פענצטער. בלוט איז גערונען פון זיינע צעשניטענע הענט. די פלאַמען ברענען זיין

פּנים, צינדן אָן זיינע קליידער, אָבער העניו איז נישט אָפּגעטראָטן. ער איז געלאָפן פון איין פענצטער צום צווייטן, געבראָכן די שויבן און צעדונערט די שטילקייט פון דער נאַכט מיט זיינע קולות:

— מאַרקוס, פייער! פייער!

זיינע שטאַרקע געשרייען און דאָס בראַזגעריי פון די צעבראָכענע שויבן האָבן אויפגעוועקט די גאַס. שכנים זענען אַרויס פון זייערע הייזער אין זייערע נאַכט־קליידער.

קאַרלס הויז האָט געפלאַקערט. רויט־בלויע פייער־פלאַמען האָבן זיך געריסן צווישן געדיכטן רויך צום הימל און באַלויכטן די גאַס. די מאַרקוס־פאַמיליע האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דער פייער־פאַסקטע. די מאַרקוס ברידער האָבן אויף זייערע הענט אַרויסגעטראָגן זייער מאַמען אַ פאַרחלשטע.

דער שפּיטאָל־דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז אירע ברען־וואונדן זענען נישט ערנסט, אַז זי ליידט מער פון נערוון־צעטרייסלונג ווי פון אירע ברען־וואונדן.

העניו איז ערנסט קראַנק. דער דאָקטאָר איז באַזאָרגט. העניוס הענט, זיין קאָפּ און זיין פּנים זענען פאַרבאַנדאַזשירט. צום גליק זענען זיינע אויגן נישט באַשעדיקט, אָבער זיינע ווייטיקן פון ברען־וואונדן אין זיינע פּיס און הענט זענען אומדערטרעגלעך.

דער דאָקטאָר טרייסט אים, אַז די שאַרפע ווייטיקן וועלן נישט אָנהאַלטן לאַנג. די זאַלב מיט וועלכער ער באַשמירט זיינע וואונדן איז אַ וואונדער היילמיטל, און אַז אַ פּלאַסטיק־כירורג פון ניו־יאָרק וועט פון העניוס אייגענער הויט פאַרלאַטען די ברען־סימנים אויף זיין פּנים אַזוי אַז קיינער וועט גאָרנישט דערקענען.

— מיסטער דאָקטאָר, איך וועל טראָגן די סימנים פון מיינע ברען־וואונדן אויף מיין פּנים מיט שטאָלץ, — מורמלט העניו שוואַך אַרויס מיט זיינע צעברענטע ליפּן. דאָקטאָר, כ'האָב אַלע מיינע יאָרן געדענקט, אַז דאָס לעבן פון אַ נעגער, ווי מיין לעבן, איז שווער, ליידיק, פּוסט און אָן קנאַפּן באַדייט . . . אָבער איצט ווייס איך, אַז מיין עקזיסטירן אויף דער וועלט איז געווען זייער נייטיק און וויכטיק. יאָ, דאָקטאָר, מיין לעבן, אַ נעגערס לעבן . . . נייטיק און וויכטיק . . .

דער ווייסער מיליטאַריקער דאָקטאָר האָט פאַרשטאַנען. ער האָט אַ

טראַכט געטאָן, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר . . . ער האָט אַ גלעט געטאָן העגרים פאַרבאַנדאַזשירטע הענט און איז מיט איילנדיקע טריט אַרויס פון צימער.

ריווערוויל האָט געקאָכט. אין יעדן הויז, אין גאַס, אין די קראָמען און אויף די מאַרק־פּלעצער האָט מען גערעדט פון דעם מזל פון דער מאַרקוס־פאַמיליע און פון דער העלדישקייט פון דעם נעגער הענרי דזשעפערסאָן.

דער ריכטער, דער באַנקיר, גלחים און אַנדערע אָנגעזעענע באַלעבאַטים פון ריווערוויל זענען געקומען אין שפּיטאָל מבקר־חולה זיין הענרין. מען האָט אים פאַרוואָרפן מיט מתנות, מערסטנס טשעקס אויף גרעסערע און קלענערע סומען געלט. זיין צימער איז געווען אָנגעפּילט מיט בלומען פון פריינט און פון אומבאַקאַנטע.

אין דער נעגערשער קירכע האָט רעווערענד מאַרטין דייוויס פאַרזיכערט זיין געמיינדע, אַז הענרי דזשעפערסאָן איז געווען דער אויסדערוויילטער שליח פון דעם אַלמעכטיקן גאָט צו ראַטעווען די מאַרקוס־פאַמיליע פון אַ טראַגישן טויט.

— ווער, ווער קאָן וויסן וויפל מענטשלעכע לעבנס וואָלטן אומגעקומען, — האָט דער רעווערענד געזאָגט, — ווען הענרי וואָלט, חלילה, פאַרפעלט אויסצופירן די הייליקע מיסיע וואָס דער באַשעפער פון דער וועלט האָט פאַר דעם אויסדערוויילטן נעגער הענרי באַשטימט ?

— ביי מיר איז נישט פאַראַן אפילו דער מינדסטער צווייפל, — האָט דער רעווערענד אויסגערופן אין אַ דראַמאַטישן טאָן, — אַז דער אַלמעכטיקער גאָט האָט בכיוון אויסדערוויילט דווקא אַ שוואַרצן, אַ נעגער, פאַר אַזאַ הייליקער און העלדישער מיסיע . . . דאָס איז אַן צווייפל דער גרויסער אָנזאָג פון אונדזער גרויסן גאָט, אַז די נעגערס, פּונקט ווי דער דאָרן אין דער מדבר, וואָס האָט געברענט און געברענט פאַר משהס אויגן און איז נישט פאַרברענט געוואָרן ; און פּונקט ווי הענרי דזשעפערסאָן וואָס איז געווען איינגעהילט אין פלאַמען און איז אַ דאַנק גאָט געבליבן לעבן, פּונקט אַזוי וועלן מיר, די געפּלאָגטע שוואַרץ־הויטיקע קינדער פון גאָט, געראַטעוועט ווערן מיט גאָטס הילף פון דעם פייערדיקן ים פון שנאה און פאַראַכטונג פון די ווייסע.

אויף זייערע קני מיט געבויגענע קעפּ און מיט ציטערדיקע הערצער

האבן די נעגער געדאנקט גאט וואס האט אויסדערוויילט א נעגער און האט אין אים אריינגעבלאזן די געטלעכע קראפט און גרייטקייט מקריב צו זיין זיין לעבן צו ראטעווען ווייסע פאמיליעס פון א טראגישן טויט. פרום, הארציק און מיט טרערן אין די אויגן, האבן זיי געבעטן גאט, ער זאל וואס גיכער אויסהיילן און שטארקן דאס געזונט בון העגרי דזשעפערסאן, וואס האט מיט זיין העלדישן טאט באשיינט און דערהויבן די נעגערישע ראסע...

יעדן טאג פלעגט די מארקוס־פאמיליע קומען מבקר־חולה זיין זייער פריינט, זייער מלאך הגואל, העגרי דזשעפערסאן. יעדע פארבעסערונג אין העגרים געזונט האט זיי שטארק דערפרייט.

יעדן טאג האט קארל גערעדט צום דאקטאר וואס האט געוויסנהאפט באדינט זיין וויכטיקן פאציענט, דעם העלד פון ריווערוויל, העגרי דזשעפערסאן. נאכאמאל און ווידעראמאל האט קארל מארקוס דערמאנט דעם דאקטאר, אז געלט איז נישט קיין אפהאלט און ער, קארל, וועט מיט צופרידנקייט באצאלן אלע אויסגאבן צו ברענגען די בעסטע דאקטוירים פון ניו־יארק פאר העגרין.

דער דאקטאר האט פארזיכערט קארלען, אז העגרי בעסערט זיך יעדן טאג.

— העגרי, — האט דער דאקטאר געזאגט, — איז א פיזישער גיבור, מיט שטאלענע נערוון. ער איז אינטעליגענט און געדולדיק און דאס איז פון גרוים וויכטיקייט. זיינע וואונדן היילן זיך גיך און גוט. מען דארף נישט קיין ספעציאליסט. ער וועט ארוים פון שפיטאל אין א צייכן.

— דער דאקטאר איז געווען זיכער, אז אפילו די איינגעשפארטסטע וואונדן אויף העגרים פנים און האלדז וועלן אינגיכן פארשוואונדן.

נאך זיין שמועס מיטן דאקטאר פלעגט קארל זיך דורכריידן מיט העגרין ווי מיט אן אלטן, גוטן פריינט.

— העגרי, — פלעגט אים קארל זאגן מיט א שמייכל, — דוכט זיך, אז מען וועט דיך אינגיכן „עוואקואירן" פון שפיטאל, דו ווערסט געזונט צו גיך... וואס איילסטו זיך? ס'איז דיר שלעכט דא? דיינע מאל־צייטן זענען פריש און געשמאק. דיין צימער איז ליכטיק און לופטיק. דיין בעט איז ציכטיק ריין און באוועם. און האסט מסתם באמערקט, אז דיין נוירס איז יונג, שיין און פריינטלעך. וואס־זשע איילסטו זיך?

— איך האָב מורא, מיסטער מאַרקוס.

— מורא? פאַרוואָס האָסטו מורא, הענרי?

— מיסטער מאַרקוס, דאָ אין שפּיטאָל איז מיר גוט און באַקוועם. אַ נעגער אָבער טאָר זיך נישט צוגעוואוינען צו אַזאַ באַקוועם לעבן. דער־פאַר אייל איך זיך און אַרבעט „אָווערטאַים" צו ווערן וואָס גיכער געזונט און זיך אומקערן צו מיין אייגענעם אָרט לעבן.

— הענרי, — האָט קאַרל געזאָגט מיט אַן ערנסטן טאָן, — יעדער מענטש, אָן אונטערשייד, איז בארעכטיקט צו אַ באַקוועם און אָנשטענ־דיק לעבן.

— באַרעכטיקט! רעכט, פרייהייט, דאָס מיסטער מאַרקוס זענען גרויסע ווערטער מיט אַ שיינעם דערקוויקנדיקן קלאַנג. שוין אַ סך, אַ סך יאָרן ווי מיר הערן די שיינע זיס־קלינגענדיקע ווערטער, אָבער, מיס־טער מאַרקוס, ווי לאַנג קאָנען מיר, נעגערס, לעבן בלויז אויף זיסער מוזיק?

— הענרי, — האָט אים קאַרל געזאָגט מיט אַ מונטערער שטים, — דער גליקלעכער טאָג פאַר די שוואַרץ־הויטיקע איז שוין נישט ווייט. די וועלט שטייט נישט אויף איין אָרט. מיר לעבן אין אַ צייט ווען גרויסע, גאָר גרויסע האַפענונגען ווערן פאַרווירקלעכט.

— יאָ, מיסטער קאַרל, דער טאָג איז אפשר טאַקע נישט ווייט, אָבער די נאַכט, מיסטער קאַרל, די נאַכט איז לאַנג, זייער לאַנג און פינצטער, שטאַרק פינצטער און קאַלט, און דער ווינט שניידט ווי מיט אַ מעסער. שוין הונדערטער יאָרן ווי נעגערס שרייען און פרעגן: „ווען וועט אָנ־הייבן טאָגן? ווען, ווען וועט אויפגיין די וואַרעמע, ליכטיקע זון?" און זייערע געשרייען ווערן פאַרשלונגען פון דער קאַלטער, פינצטערער, לאַנגער נאַכט.

— יאָ, הענרי, איך ווייס... איך ווייס... עס איז שווער... ס'איז אַ קללה... אַ ביטערע קללה פון גאָט.

— ניין, ניין, מיסטער קאַרל, נישט פון גאָט. נישט פון גאָט. מיר ביידע, מיסטער קאַרל, ווייסן דעם אמת...

הענרי דזשעפערסאָן דערציילט

א װאַרעמע חבֿרשאַפֿט האָט זיך צעװאַקסן צװישן הענרין און רודין, קאַרל מאַרקוס יינגסטן זון. רודי האָט באַװאונדערט הענרין פֿאַר זײַן העלדישקייט, פֿאַר זײַן קלוגשאַפֿט און פֿאַר זײַן גוטמוטיקער שטימונג, נישט געקוקט אויף זײַנע װייטיקן.

שעהן לאַנג פֿלעגט רודי זיצן לעבן הענרים בעט אין שפּיטאָל. הענרי פֿלעגט דערציילן רודין אַלע איינצלהייטן פֿון זײַן לעבן זינט זײַנע קינדער־יאָרן.

— מיינסט טאַקע ערנסט, אַז אויך דײַנע צװיי שװעסטערלעך פֿלעגן קיינמאָל נישט האָבן גענוג שפּייז און איר זענט געװען הונגעריק יעדן טאָג אין אײַערע קינדער־יאָרן? — פֿלעגט רודי פֿרעגן און איבערפֿרעגן דיזעלבע פֿראַגע אין משך פֿון זייערע לאַנגע געשפּרעכן.

— יאָ, רודי, ביז איך בין אַביסל אונטערגעװאַקסן און אָנגעהויבן צו פֿאַרדינען עטלעכע פּענים אַ טאָג, בין איך געװען הונגעריק יעדן טאָג. אין אָװנט פֿלעג איך זיך אַרײַנװאַלגערן אין בעט אַרײַן אַ הונגעריקער. אַ הונגעריקער פֿלעג איך זיך אויפֿכאַפּן אינדערפֿרי און אַ גאַנצן טאָג פֿלעג איך טראַכטן נאָר פֿון איין זאַך: עסן, ברויט . . .

— איך, רודי, איך מיט מײַנע שװעסטערלעך זענען געבליבן קײלעכ־דיקע יתומים װען מיר זענען נאָך געװען קליינע קינדער. אונדזער אַלטע באָבע האָט אונדז דערצויגן. דו האָסט באַדאַרפֿט זען אונדזער הויז; אויסגעבראָכענע שויבן, פֿאַרקלעפּט מיט פּאַפּיר, די טיר איז געװען אויסגעקרימט און זיך נישט געקאָנט פֿאַרמאַכן. בײַנאַכט פֿלעגן מיר צורוקן דעם הינקענדיקן טיש צו האַלטן די טיר פֿאַרמאַכט. דער רעגן האָט אַרײַנגעגאָסן דורך די לעכער פֿונעם דאַך. די װענט זענען שטענדיק געװען נאַס, און קאַלט איז געװען װינטער, װוי אין דרויסן! אוי, רודי, זענען מיר געפֿרוירן געװאָרן! מיר האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט אָנ־װאַרעמען אונדזער אַלטן צעבראָכענעם אויװן.

— אין די װינטערדיקע טעג פֿלעגן מיר ליגן אין די צעבראָכענע בעט־לעך, אײַנגעדעקט מיט שמאַטעס, װאָס אַמאָל, אַמאָל זענען זיי געװען מײַן טאַטנס און מײַן מאַמעס װינטער־מאַנטלען. דער װינט האָט גע־װאָיעט אין הויז און דער הונגער האָט געװאָיעט אין אונדזערע ליידיקע

בייכער. ווען ס׳האָט נאָכגעלאָזט דער פראָסט אויף איין טאָג און ס׳איז געוואָרן אַביסל וואַרעמער, פלעגן מיר איינוויקלען אונדזערע אויסגע־דאַרטע קערפערס אין שמאַטעס און אַרויסגיין אַנקלייבן שטיקלעך האָלץ אין די גאַסן. אָבער גיי וואַרעם אָן אַן אַלטן אויסגעגנוצטן, צעבראָכע־נעם אויוון! יעדע פינף מינוט לעשט זיך אויס דאָס שוואַכע פייער און דאָס הויז ווערט אָנגעפילט מיט רויך, אַז מען קאָן דערשטיקט ווערן.

— אָבער, הענרי, — האָט אים רודי געפרעגט, — עפעס האָט איר דאָך געגעסן צו בלייבן לעבן.

— יאָ, — האָט הענרי אַ שמייכל געטאָן, — געוויס האָבן מיר גע־געסן: אַ האַלב־געקאָכטע קאַרטאָפל אין דער פרי פאַר פרישטיק, די צווייטע האַלבע קאַרטאָפל פאַר מיטיק, און אין אָוונט, — דאָס וואַסער, אין וועלכן די קאַרטאָפל האָבן זיך געקאָכט, און וואָס מיר האָבן גערופן קאַרטאָפל־זופ, מיט אַ שטיקל קאָרן־ברויט. עטלעכע מאָל אַ וואָך פלעגט די באָבע ברענגען ברויט, צוויי־דריי ציבעלעס, עטלעכע שטיקלעך צי־קער און ציקאָריע. דערמאָלט, רודי, האָבן מיר געהאַט אַ באַנקעט . . .

— אַמאָל, נישט זייער אָפט, פלעגן אונדזערע שכנים אַריינברענגען צו אונדז אַ ברויט, עטלעכע אָפּגעפּרעגלטע קליינע פישעלעך, אַביסל קאַרנמעל און אַמאָל אויך עטלעכע עפּל. פאַרגעס נישט, רודי, אַז אונד־זערע שכנים זענען אַליין געווען די אָרעמע פון די אָרעמסטע און גאַנץ אָפט האָבן זיי אַליין געהונגערט.

— הענרי, — האָט רודי געפרעגט, — און דאָס אַלטע צעבראָכענע הויז, וואו איר האָט געוואוינט, האָט באַלאַנגט צו דיין באָבען?

— ניין, רודי, אַזוי רייך איז מיין באָבע נישט געווען . . . מיין באָבע פלעגט באַקומען פיר דאָלער אַ וואָך פון דער צדקה־אינסטיטוציע. מיר זענען געווען פיר נפשות, — אַ דאָלער אַ וואָך פאַר יעדן. דריי דאָלער אַ וואָך האָט זי געצאָלט דירה־געלט און איין דאָלער איז איר געבליבן אויף צו קויפן שפּייז פאַר אונדז אַלע.

— און וואו, — האָט רודי געפרעגט, — האָט איר גענומען געלט צו קויפן שיך און קליידער? איר זענט דאָך נישט אַרומגעגאַנגען באָרוועס און נאַקעט?

הענרי האָט זיך האַרציק צעלאַכט:

— וואָס רעדסטו, רודי, ווי איז דיר גאָר איינגעפאַלן מיך צו פרעגן וועגן אַזעלכע לוקסוסן?

— מיין באָבע פלעגט ברענגען פון שטאָט אַלטע שיך, אַלטע הויזן און העמדער און קליידלעך, אַביסל אָפּגעטראָגענע און זיי איבערגעניית און איבערגעמאַכט, לויט אונדזער מאָס. מיט די קליידער איז נאָך געווען צום דערליידן, אָבער מיט די שיך, רודי, איז געווען אַן אמתע צרה.

— די שיך וואָס זי האָט געבראַכט פאַר מיר זענען שטענדיק געווען צו גרויס פאַר מיינע פיס, און די שיך, וואָס זי האָט געבראַכט פאַר מיינע שוועסטערלעך זענען געווען צו קליין. זומער זענען מיר אַרומגעגאַנגען באָרוועס ווי אַלע נעגער־קינדער אין „ניגער־טאַון", אָבער ווינטער איז געווען שלעכט. מיינע שיך פלעג איך אָנשטאָפּן מיט שמאַטעס, כדי איך זאָל זיי נישט פאַרלירן אין גאַס, און די שוועסטערס שיך האָבן מיר געמוזט אויפשניידן אַביסל, אַזוי אַז זייערע פיס־פינגער האָבן אַרויסגעשטעקט פון די שיך.

— און וועגן, העגרי, האָסטו אָנגעהויבן אַרבעטן און פאַרדינען?

— אָ, רודי, מיין פריינט, איצט מישסטו שוין אויף אַ גאָלדן בלעטל אין דער געשיכטע פון מיינע קינדער־יאָרן . . . איצט, רודי, וועל איך דיר דערציילן וועגן אונדזערע פּראָספּעריטי־יאָרן . . . מיין באָבע האָט מיר אויסגעבעטן אַ דזשאָב אין אייב אַראָנסאָנס גאַראַדזש . . . איך בין שוין אַלט געווען אַ יאָר צען. דאָר און הויך בין איך געווען ווי אַ דראָנג, הויט און ביינער . . . אין אַראָנסאָנס גאַראַדזש האָב איך געוואַשן די אויטאָמאָבילן, דעם דיל און זיך געמאַכט נוצלעך ווי נאָר כ'האָב געקאָנט. פאַרדינט האָב איך פאַר מיין אַרבעט איין דאָלער אַ וואָך.

— אָבער, רודי, די שכירות, וואָס מיסטער אַראָנסאָן האָט מיר געצאָלט זענען געווען פינאַטס אין פאַרגלייך מיט די פעטע מתנות וואָס איך פלעג באַקומען פון מיסעס אַראָנסאָן. יעדן טאָג פלעגט זי מיר ברענגען אין גאַראַדזש פולע טעפּ מיט געשמאַקע עסנס, וואָס פלעגט איבערבלייבן פון די אַראָנסאָנס מאָלצייטן: שטיקער געפּרעגלטע הון, שטיקער סטעיק, האַמבורגערס, אַמאָל געבאַקענעם אינדיק, מיט שטיקער גראָבע אינדיק־פיס, און אַמאָל געבראָטענע פיש, קאַרטאָפל, זעמל, ברויט און שטיקער עפּל־פּאַי, — אַלץ וואָס איז געבליבן פון די אַראָנסאָנס פאַמיליע מאָלצייטן פלעגט די גוטע, ליבע מיסעס אַראָנסאָן מיר ברענ־

גען און דאָס אַוועקשטעלן אין אַ ווינקל אין גאַראַדזש.

— רודי, דו הערסט, כ'האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז אַזעלכע געשמאַ־קע מאַכלים זענען דאָ אויף דער וועלט. איך פּלעג זיך גוט אָנפּרעסן און וואָס ס'איז געבליבן פּלעג איך ברענגען אַהיים, פאַר מיין באַבען און פאַר מיינע שוועסטער. אַך, רודי טייערער, קאָנסט זיך גאָרנישט פאָר־שטעלן אונדזער דעמאָלטיקע פרייד. די מיסעס אַראָנסאָן האָט פאַריאָגט דעם הונגער פון אונדזער היים. אמתע באַנקעטן האָבן מיר געפּראַוועט יעדן אָוונט.

— הענרי, — האָט רודי גוטמוטיק געשמייכלט, —דו האָסט זיך אויסגעפּאַשעט אויף מיסעס אַראָנסאָנס געשמאַקע מאַכלים.

— יאָ, רודי, איך האָב זיך צעוואַקסן און צוגעקראָגן וואָג. אַ חוץ דעם האָב איך, ווי עס ווייזט אויס, געירשנט מיין טאַטנס גבורה. ער איז גע־ווען איבער זעקס פוס הויך מיט שטאָלענע מוסקולן. מיין טאַטע איז גע־ווען דער בעסטער שמיד אין ריווערוויל.

— אין אַראָנסאָנס גאַראַדזש האָב איך זיך אויסגעלערנט טרייבן אַן אויטאָמאָביל און אַ טראַק און פאַרריכטן טיילן אין אויטאָמאָבילן. דאָס איז מיר זייער צוניץ געקומען. אין דער היים האָב איך פאַרריכט די טיר, אויסגערייניקט דעם קוימען פון דעם אויוון, האָב פאַרלאַטעט די לע־כער פון דאַך, און אריינגעשטעלט שויבן אין די פענצטער. יאָ, רודי, מיר זענען אויפגעריכט געוואָרן.

— מיסטער אַראָנסאָן האָט געהעכערט מיינע שכירות און פאַר יעדן זונטיק וואָס כ'האָב געאַרבעט, האָב איך באַקומען אַן עקסטרע דאָלער. פּראָספּעריטי, רודי, זאָטע פּראָספּעריטי־יאָרן האָבן זיך באַזעצט אין אונדזער היים. מיינע שוועסטערלעך האָבן זיך שיין צעוואַקסן, זייער געלעכטער און פרייד האָט אָנגעפילט אונדזער הויז. אוי, איז אונדז דעמאָלט געווען גוט !

— און ווי אַזוי, הענרי, — האָט אים רודי געפרעגט, — האָסטו זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן ; ביזט דאָך נישט געגאַנגען אין סקול?

— רודי, אין גאַנץ „ניגער־טאַון" האָט זיך נישט געפונען נאָך אַ יינגל, וואָס איז געווען אַזוי מזלדיק ווי איך . . . מיסטער אַראָנסאָנס טאָכטער, מיס גלעדיס אַראָנסאָן, האָט געאַרבעט אין אָפיס פון דעם גאַראַדזש. זי

האָט געענטפֿערט אויף טעלעפֿאָן־רופֿן, געטאַיפּט בריוו און געפֿירט די ביכער. זי איז געווען אַ געלערנטע און אַ גוטע בוכהאַלטעריןׅ, קיינמאָל נישט געמאַכט קיין טעות אין אירע חשבונות. איך פֿלעג ראַמען איר אַפּים, וואַשן דעם דיל און דאָס פֿענצטער, אַרומווישן איר שרײַבטיש און טראָגן אירע פּעקלעך. מיס גלעדיס איז געווען זייער אַ שטילע און אַ גוטהאַרציקע ווי איר מאַמע, און שיין איז זי געווען ווי אַ פּרינצעסין. מיס גלעדיס האָט מיך אויסגעלערנט שרײַבן און לייענען. ווי דו זעסט, רודי, האָט מײַן מזל געשפּילט אויף אַלע כּלים... ביז די מלחמה מיט דײַטשלאַנד האָט אויסגעבראָכן און מען האָט מיך „אײַנגעלאָדן" אין דער אַרמיי...

— ווען כ׳בין צוריקגעקומען פֿון דער מלחמה, האָב איך אַ לאַנגע צײַט ניט געאַרבעט. אַראַנסאָן האָט פֿאַרקויפֿט זײַן גאַראַדזש צו האַנס מילער. מיסטער האַנס האָט מיך נישט באַדאַרפֿט. זײַנע צוויי זין האָבן געאַרבעט אין גאַראַדזש מיט אים. עס איז מיר ווידער געווען ביטער, ביז כ׳האָב באַקומען דעם דזשאָב אַלס טראַק־טרײַבער בײַ מיסטער לעווין, דער אויפֿקויפֿער פֿון ברוכוואַרג, וואו איך אַרבעט איצט.

— און וואו זענען איצט דײַנע צוויי שוועסטער, הענרי? — האָט רודי געפֿרעגט.

הענרים אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טרויער.

— אַליין, אַליין בין איך געבליבן, רודי. ווען כ׳בין געקומען אַהיים פֿון דער מלחמה איז מײַן באַבע שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע און מײַנע שוועסטער זענען פֿאַרשוואונדן... איך בין געלאָפֿן צווישן אונדזערע שכנים און געפֿרעגט צי ווייסן זיי עפּעס וועגן מײַנע שוועסטער, אָבער אָן דערפֿאָלג... איך בין געפֿאָרן קיין ניו־יאָרק, קיין פֿילאַדעלפֿיע, כ׳האָב געזוכט, אָנגעפֿרעגט זיך אין פּאָליציי־סטאַנציעס... אָן דערפֿאָלג, רודי, אָן דערפֿאָלג... אַזוי ביז היינטיקן טאָג.

אין אַן אָוונט, ווען רודי איז געווען בײַ הענרין, האָט אים הענרי פֿאָרציםׅ אַ זאָג געטאָן מיט אַ שטיל און ערנסט קול:

— רודי, איך וויל דיר עפּעס דערציילן. דו מוזט מיר אָבער צוזאָגן, אַז דאָס וועט בלײַבן אַ סוד צווישן אונדזביידע.

— אַזוי וויכטיק איז עס? — האָט רודי זיך געוואונדערט, — האָסט עמיצן געהרגעט?

העניי האָט געלאַכט.

— ניין, רודי, כ׳האָב קיינעם נישט געטאָן קיין שלעכטס אין מיין לעבן. עס איז שוין עטלעכע טעג, אַז עס נאָגט מיך עפּעס . . . און איך האָב באַשלאָסן עס דיר צו דערציילן. אָבער געדענק, רודי, עס זאָל בלייבן ביי דיר.

— אַ צוזאָג פון אַ מאַרקוס ווערט קיינמאָל נישט פאַרשוועכט, — האָט רודי געזאָגט מיט שטאָלץ.

— איך גלויב דיר, רודי, אָבער זיי שטיל און שלאָג מיר נישט איבער ביז איך וועל ענדיקן, — האָט העניי גוטמוטיק געוואָרנט רודין.

— גוט, נו, דערצייל שוין, איך ברען פון נייגעריקייט.

— גוט, רודי, איצט הער מיך אויס.

— מיין באָס, מיסטער לעוויז, האָט מיט אַ צייט צוריק געקויפט ביי פרענק בלענשאַרד אַן אויסגענוצטן טראַקטאָר און מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָט ער ביי אים געקויפט אַ צעמזיקטן טראַק, און מיט עטלעכע חדשים צוריק האָבן מיר געקויפט ביי מיסטער בלענשאַרד אַ גרויסן אייז־קאַסטן אין אַ גוטן צושטאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז ווען איך פלעג קומען מיטן טראַק נאָך די אַלטע זאַכן האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די בלענשאַרדס און מיט זייער עלטערן זון פרעדי.

רודי איז בלייך געוואָרן און האָט בייז אַ ברום געטאָן:

— פרעדי, די נבזהדיקע חיה!

העניי האָט ווי דורכגעלאָזט רודיס בייזע באַמערקונג און האָט רויִק פאָרגעזעצט:

— מיט אַ צייט צוריק האָט מיך עמעצער גערופן אויפן טעלעפאָן אין אָפיס פון מיין באָס. אַן עטוואָס באַקאַנטע שטים האָט אַריינגעשריגן אין דעם טעלעפאָן־טרייבל: „העי, דו לויזיקער ניגער, באַפריי די ווייסע פרוי וואָס דו האַלטסט געפאַנגען אין דיין שטינקענדיקער היים, אויב דו ווילסט לעבן אויף דער וועלט . . . נעם דיר אַ ניגערטע צום שלאָפן".

— מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען די ווייסע באַנדיטן האָבן מיך אַרומגערינגלט און געהאַגלט מוראַדיקע קלעפּ איבער מיין קאָפּ, פּנים און קערפּער, האָב איך דערקאַנט איינעם פון די באַנדיטן.

— פרעדין ? ! ? — האָט רודי אויסגעשריגן מיט צאָרן, — און דו, העניי, דו האָסט זיי געווים דערלאַנגט ?

— ניין, רודי, כ׳האָב קיינעם פון די באַנדיטן נישט אָנגערירט אַפילו.

— פאַרוואָס, הענרי? פאַרוואָס האָסטו זיך נישט פאַרטיידיקט? וואָס ביזטו משוגע, אַ פּחדן? — האָט רודי זיך געקאָכט.

— ניין, רודי, כ׳בין נישט משוגע און נישט קיין פּחדן. דו, רודי, האָסט, ווי עס ווייזט אויס, נישט קיין באַגריף וועגן דער טראַגישער לאַגע פון אַ נעגער. רודי, מיט איין קלאַפּ פון מיין שטאַלענעם פויסט וואָלט איך אַן דעם מינדסטן צווייפל דערשלאָגן צום טויט איינעם פון מיינע אָנגרייפער. אָבער, רודי, קאָנסט זיך עפּעס פאַרשטעלן וואָס פאַר אַ שטורעם עס וואָלט אויסגעבראָכן אין ריווערוויל? „אַ ניגער האָט דערהרגעט אַ ווייסן!״

— ווייסטו וויפל נעגערס עס וואָלטן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס און וויפל נעגערשע היימען עס וואָלטן אונטערגעצונדן געוואָרן? יעדער ווייסער באַנדיט וואָלט געהאַט אַ גליקלעכע געלעגנהייט צו נעמען נקמה פאַר דעם טויט פון אַן אומשולדיקן ווייסן נאָבעלן יונגן בחור, וואָס דער שוואַרצער מערדער האָט דערהרגעט. דו פאַרשטייסט עס, רודי? אָבער מיין געזונטער שכל האָט מיך געהאַלטן אין צוים. כ׳האָב מיינע פויסטן נישט באַנוצט אין זעלבסט־פאַרטיידיקונג. כ׳האָב בלויז געגוואַלדעוועט: „פּאָליציי! העלפּט!״

רודי האָט פאַרביסן געשוויגן.

— און איצט, רודי, קום איך צו דעם עיקר: אין שפּיטאָל פלעג איך זיך אויפכאַפּן פון שלאָף, ווי עפּעס אַ געהיימע קראַפט וואָלט מיך אויפ־געוועקט. יעדע נאַכט פלעג איך אין אַ האַלב־וואַכעדיקן צושטאַנד איי־בערלעבן דאָס בילד פון יענער נאַכט. אַט זע איך ווי איך שפּאַן אויף אייער גאַס, מיט דעם גאַלאַן וויין אין מיין האַנט. איך הער די שטילקייט פון דער נאַכט . . . איך הער דעם אָפּקלאַנג פון מיינע שווערע טריט אויף דעם צעמענטענעם טראָטואַר. איך בין שוין נאָענט לעבן אייער הויז. און פּלוצים . . . פלאַמען, פלאַמען אַרום אייער הויז, און איך זע יעדע נאַכט די מענטשלעכע סילועטן, וואָס לויפן פון אייער ברענענדיקן הויז . . . איך זע פאַר זיך קלאָר דאָס בילד, פונקט ווי עס האָט פּאַסירט יענע נאַכט . . . און איינער . . . איין שאָטן איז מיר עפּעס באַקאַנט . . .

— אָבער ווער איז ער? פאַרוואָס דענק איך, אַז ער איז מיר קענט־לעך? וואו האָב איך אים געזען? עפּעס אַ געהיימע קראַפט האָט גע־

מאַטערט מיך . . . און מיך נישט געלאָזט רוען. איך שטרענג אָן מיין זכרון. איך וואַרף דורך אין מיין אויפגעשטורעמטן זכרון אַלע מיינע באַקאַנטע, זייער אויסזען, זייער וואוקס, זייערע באַוועגונגען; אַזוי אַלע נעכט פון זינט איך בין אין שפּיטאָל, ביז ענדלעך! מיין גאָט! כ׳האָב אים דערקאַנט. איך האָב אים געזען מיט אַ צייט צוריק. ער איז געלאָפן און די הינט האָבן זיך געיאָגט נאָך אים . . . דאָס איז ער! זיכער! כ׳האָב אים דערקאַנט!

רודי איז געזעסן אויף זיין בענקל און מיט פאַרכאַפּטן אָטעם זיך איינגעהערט צו העגרין, וואָס האָט מיט זיינע רייד געמאָלן בילד נאָך בילד די פּאַסירונג פון יענער נאַכט. ווען העגרי האָט פאַרענדיקט, האָט רודי מיט נערוועזן אומגעדולד געפרעגט:

— ווער, העגרי, איז ער? ווייסט אפשר זיין נאָמען? דערנקסט אַז אויך איך קאָן אים?

העגרים גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן פול מיט צער געקוקט אויף רודים פּנים. רודים בלויע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט העגרים בליקן און ער האָט מיט ברענענדיקן נייגער געוואַרט אויף העגרים ענטפער.

— יאָ, רודי, איך ווייס זיין נאָמען, און דו קאָנסט אים אויך, — האָט העגרים טיפע באַריטאָן־שטים געקלונגען ווייך, פול מיט צער. — איך בין זיכער, אַז דאָס איז ער, פּונקט ווי איך בין זיכער, אַז מיין נאָמען איז העגרי דזשעפערסאָן. זיין נאָמען איז . . . פרעד בלענשאַרד.

רודי איז אויפגעשפּרונגען פונעם בענקל. אַ טויטע בלייכקייט האָט זיך צעשפּרייט אויף זיין פּנים, אין זיינע בלויע אויגן האָבן פייערלעך זיך צעצונדן. ער האָט געציטערט פון כעס.

— פרעדי, — האָט ער געשריגן, — דער גאָט־פאַרדאַמטער מערדער!

— רודי, באַרואיק זיך. אַזוי טאָר מען נישט, — האָט העגרי זיך געבעטן ביי אים. — קאָנטראָליר זיך. זעץ זיך אַוועק, מיין יונגער פריינט, און זאָג מיר פאַרוואָס האָט פרעד געוואָלט אומברענגען אייער פאַמיליע?

רודי האָט זיך אַוועקגעזעצט און געווישט מיט זיין ווייסן טיכל זיינע טרערן און דעם שווייס פון זיין פּנים.

— פרעדי איז אַ נאַצי, — האָט רודי געענטפערט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים. — זיינע עלטערן זענען ערלעכע און גוטע מענטשן, אָבער פרעדי איז אַ גענגסטער, אַ נאַצי. דו, העגרי, ווייסט וואָס אַ נאַצי איז?

— געווים ווייס איך, — האָט העברי געענטפערט, — די קלו־קלוס־קלעניקעס און די נאַציס זענען אור־אור־אייניקלעך פון די אוראַלטע בלוט־דורשטיקע מאָנסטערס.

— יאָ, העברי, זיי זענען ווילדע חיות. מיין טאַטע איז אַ קעגנער פון די נאַציס, אַ יוניאָן־פירער. מיין פאַמיליע, — אַלע אין מיין פאַמיליע זענען פּראָגרעסיווע מענטשן. מיין טאַטע איז אַ פירער פון דער אַנטי־נאַצי באַוועגונג. די נאַציס זענען אונדזערע שונאים, זיי באַקעמפן נישט זייערע קעגנער מיט ציוויליזירטע מעטאָדן. זייער מעטאָד צו באַזיגן זייערע אידעאישע קעגנער איז מאָרד. די נאַציס שטרעבן צו וועלט־הערשאַפט. העברי, קאָנסט זיך פאָרשטעלן אַ וועלט באַהערשט פון ווילדע, בלוט־דורשטיקע נאַצי־חיות? . . . דערפאַר, העברי, קעמפן ערלעכע און פּראָגרעסיווע מענטשן קעגן די נאַציס. זיי ווילן אונדז פאַרטיליקן, מוזן מיר וואָס גיכער זיי פאַרניכטן. נישטאָ קיין אַנדער ברירה! . . .

די אונטערזוכונג

ביסלעכווייז האָבן די איינוואוינער פון ריווערוויל זיך באַרואיקט פון דער אויפגעטרייסלענדיקער פּאַסירונג: די שריפה ביי די מאַרקוסעס. זיי זענען ווידער אַריינגעצויגן געוואָרן אין זייערע טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען, זאָרגן און פּערזענלעכע פּאַרפּלאָנטערטע ענינים.

פרומע איינוואוינער האָבן געדאַנקט גאָט וואָס ענדלעך, ענדלעך איז שטיל געוואָרן אין ריווערוויל. מען שלאָגט מער נישט קיין נעגערס, מען צינדט מער נישט אונטער קיין הייזער, דער סטרייק איז געשליכטעט און אַפילו אין „קליין־דייטשלאַנד" ליגן די נאַציס איינגעלייגט, זיי מאַרשירן מער נישט מיט שטורקאַצן אין די גאַסן און די געשלעגן צווישן די נאַציס און אַנטי־נאַציס זענען אָפּגעשטעלט.

אָבער פּלוצים האָט זיך ריווערוויל ווידער אַ וויג געטאָן. אַ קאָנגרעס־קאָמיסיע האָט אַרונטערגענידערט פון וואַשינגטאָן קיין ריווערוויל, מיט אַן אַרמיי אונטערזוכער, וואָס לויפן אַרום און זוכן און נישטערן צו געפינען און צונויפצושטעלן קלאַגעס און זאַמלען עדות קעגן דער שיך־אַרבעטער יוניאָן, און דער עיקר, קעגן די הויפּט־פירער פון דער יוניאָן. די אַרבעטער אין פעלהענדלערס פאַבריק האָבן געצאַרנט:

— זאָלן זיי בעסער מאַכן אַן ערנסטן פאַרזוך אויסצוגעפינען ווער עס האָט געדונגען די גענגסטערס צו מערדערן די סטרייקערס און שלאָגן נעגער, און ווער עס האָט אונטערגעצונדן די יידישע שול און קאַרל מאַרקוסעס הויז! פעלהענדלער האָט אימפּאָרטירט די „אונטערזוכונג־קאָמיסיע", — האָבן די אַרבעטער גערעדט צווישן זיך. — דאָס איז אַ נייע אַטאַקע אויף דער יוניאָן. דער זיג פון דער יוניאָן שטיקט אים ווי אַ ביין אין גאָרגל. עס וועט אים אָבער גאָרנישט נישט העלפן!

דער גרויסער זאַל פון דעם ריווערוויל „טאַון־האָל", וואו די אונטערזוכונג־קאָמיסיע האָט אָפּגעהאַלטן אירע זיצונגען, איז געווען געפּאַקט מיט אַרבעטער, געשעפטסלייט, פאַרמערס און הויז־פרויען.

די סאָב־קאָמיסיע פון דער אָפיציעלער קאָמיסיע צו אונטערזוכן פיינט־לעכע טעטיקייטן קעגן אַמעריקע האָט פאַרנומען פלעצער אינמיטן פון דעם לאַנגן, פירעקעדיקן טיש. ביי דער רעכטער זייט פון טיש איז געזעסן דער סעקרעטאַר. זיין קליינע סטענאָגראַפיע־מאַשינקע איז גע־

שטאַנען אויפֿן טיש גרייט צו דער אַרבעט. ביי דער לינקער זייט פֿון טיש זענען געזעסן עטלעכע יונגע, ברייטפּלייציקע יונגען, — די אונ־טערזוכער. אויפֿן טיש זענען געלעגן דאָקומענטן אויסגעלייגט אין אָר־דענונג. עטלעכע גלעזערנע אַש־טעצלער האָבן געגלאַנצט מיט זייער זויבערקייט. אין ווינקל, נישט ווייט פֿון טיש, אויף אַ הויכן אייזערנעם שטאַנג, איז געהאַנגען אַ גרויסע אַמעריקאַנער פֿאָן.

דער פֿאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע, אַ מאַן אין די פֿופֿציקער, הויך, שווערלייביק, מיט אַ קרויז גרויע האָר, אַ גלאַט־ראַזירט, רויט פּנים, מיט גרויע אויגן, האָט גערופֿן דעם ערשטן עדות. מיט אַ פֿעסטער און זיכערער שטים האָט ער אויסגערופֿן:

— מיסטער לודוויג פֿעלהענדלער.

— יעס, סיר, — האָט פֿעלהענדלער געענטפֿערט.

ער איז כמעט ווי צוגעלאָפֿן צום טיש און זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן בענקל וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פֿאַר די עדות.

מיט רעספּעקט, כמעט הכנעהדיק, האָט דער פֿאָרזיצער אים געפֿרעגט:

— אייער נאָמען, ביטע?

— מיין נאָמען? לודוויג פֿעלהענדלער, שיך־פֿאַבריקאַנט.

— מיר זענען אינפֿאָרמירט וועגן ערנסטע אומרוען אין ריווערוויל.

— האָט דער קאָמיסיע־פֿאָרזיצער אָנגעהויבן. — דער קאָנגרעס פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ווי איר ווייסט געוויס, איז פֿאַראינטערעסירט, אַז געזעץ און אָרדענונג זאָל הערשן אין אונדזער לאַנד. מיסטער פֿעלהענד־לער, ווייסט איר אפֿשר ווער עס זענען די אָנפֿירער פֿון די אומרוען אין ריווערוויל?

לודוויג פֿעלהענדלער איז געווען גרייט מיט זיין ענטפֿער.

— געוויס ווייס איך, — די יוניאָן־פֿירער קאַרל מאַרקוס און ביל קנעכט זענען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אַלע אומרוען און פֿאַר אַלע מיינע צרות. זיי האָבן אויפֿגעהעצט מיינע אַרבעטער. זיי האָבן געמאַכט אַ יוניאָן אָן מיין וויסן און אָן מיין צושטימונג. זיי האָבן גערופֿן אַ סטרייק אין מיין פֿאַבריק. זיי האָבן געשלאָגן מיינע לאָיאַלע אַרבעטער וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו סטרייקן, — האָט ער מיט אַ רחמנות־פּנים זיך געקלאָגט פֿאַרן פֿאָרזיצער. — ביינאַכט פֿלעגט מען מיר טעלעפֿאָנירן און מיך וואָרענען, אַז זיי וועלן קידנעפּן מיין איינציקע טאָכטער און

אונטערציִנדן מיין פאבריק און מיין הויז. זיי האָבן מיך געצוואונגען צו שליכטן מיט זייער יוניאָן. אין דריי חדשים צייט האָב איך זיי צוויי מאָל געהעכערט זייערע שכירות, אָבער דאָס איז נישט געווען גענוג פאר זיי. צוערשט האָבן זיי גערופן דעם גענעראַל־סטרייק. דערנאָך — דע־פּאַרטמענט־סטרייקס, סיט־דאַון סטרייקס און סטאָפּעדזשעס און אָר־גאַניזירט ראַיאָטן, און פאַרשפּרייט קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע און רע־וואָלוציעס אין מיין פאַבריק, און . . .

— ליגנער! ליגנער! — האָבן אייניקע פון די פאַרזאַמלטע אויסגע־שריגן.

דער פאַרזיצער האָט בייז געקלאַפּט מיטן העמערל אין טיש.

— איר וועט זיך מוזן אויפפירן ווי ציוויליזירטע מענטשן. אויב איר וועט שטערן דעם גאַנג פון פאַרהער, וועט איר מוזן פאַרלאָזן דעם זאַל. — האָט ער שטרענג געוואָרנט די פאַרזאַמלטע. דערנאָך, ווענדנ־דיק זיך צו פעלהענדלערן מיט אַ רואיקער און הכנעהדיקער שטים:

— אַ דאַנק, מיסטער פעלהענדלער, פאַר אייער וויכטיקער אינפאָר־מאַציע.

דער פאַרזיצער שליסט די זיצונג ביזן צווייטן טאָג.

פּונקט צען אַזייגער אין דער פרי אויפן צווייטן טאָג איז ביל קנעכט געזעסן אויפן עדות־שטול.

דער פאַרזיצער האָט אים באַטראַכט מיט פאַרשנדיקע בליקן און אים געפרעגט:

— אייער נאָמען?

— וויליאַם קנעכט.

— מיסטער קנעכט, — האָט דער פאַרזיצער צו אים גערעדט מיט אַ שטים וואָס האָט געקלונגען האַרט און כמעט באַפעלעריש:

— מיר האָבן אייך איינגעלאַדן צו דערשיינען פאַר דער אונטערזוכונג־קאָמיסיע צו ענטפערן אויף עטלעכע וויכטיקע פראַגעס. איר זענט געווען אַ פאַרמאַן אין מיסטער פעלהענדלערס פאַבריק. איר האָט פּלוצים רעזיגנירט אַלס פאַרמאַן און איר זענט געוואָרן אַן איינפאַכער אַר־בעטער. איר האָט, הייסט עס, אויפגעגעבן אַ גוט־באַצאָלטע פּאָזיציע און אַנגענומען אַ דזשאָב פאַר אַ סך ווייניקער שכירות, און באַלד דער־נאָך זענט איר געוואָרן אַ וויים־פּרעזידענט פון דער יוניאָן און איינער

פון די הויפּט־פירער פון דעם סטרייק קעגן מיסטער פעלהענדלער. מיר ווילן וויסן, ווער, מיסטער קנעכט, האָט אייך באַאיינפלוסט צו רעזיג־נירן פון אייער גוטער פּאָזיציע אַלס פאָרמאַן און ווער האָט אייך באַפוילן צו ווערן אַ יוניאָן־פירער און אַ סטרייק־פירער?

ביל קנעכט האָט זיך דערפילט טיף באַליידיקט פון די פּראָוואָצירנ־דיקע פראַגן. זיין קערפּער איז אָנגעשטייפט געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו אַ פויסטן־קאַמף.

— מיסטער קאָנגרעסמאַן, — האָט ביל געקוקט אויף דעם פּאָרזיצער מיט שטעכיקן חוזק, — איך בין נישט קיין פּאָליטישן און מיך באַ־איינפלוסט מען נישט. איך בין אַ פרייער מענטש, נישט קיין שקלאַף און מיר באַפעלט מען נישט. איך פיר אויס מיינע באַשלוסן אין איינ־קלאַנג מיט מיינע איבערצייגונגען.

— איך האָב רעזיגנירט אַלס פאָרמאַן אויס פּראָטעסט קעגן פעלהענד־לערס שענדלעכער פּאָליסי צו שניידן די שכירות פון די אַרבעטער יעדן יאָר און איך האָב געוואָרנט, אַז איך וועל רעזיגנירן.

— איך האָב מיט אַלע מיינע פעאיקייטן געהאָלפן די אַרבעטער צו אָרגאַניזירן זייער יוניאָן און געווינען זייערע גערעכטע פאָדערונגען דורך זייער סטרייק. מיסטער פּאָרזיצער, איך באַטראַכט מיין יוניאָן און סטרייק־אַקטיוויטעט ווי מיין פליכט אַלס אַרבעטער און מענטש. און מיסטער קאָנגרעסמאַן, — האָט ביל אַ שמייכל געטאָן מיט סאַרקאַזם, — איר וועט מיר מוזן אַנטשולדיקן וואָס איך האָב ביי אייך נישט גע־בעטן אַ דערלויבעניש אָנצונעמען דעם ערנהאַפטן אַמט אַלס וויים־פּרע־זידענט פון אונדזער יוניאָן.

אין זאַל האָט אויסגעבראָכן אַ הילכיקער געלעכטער.

דאָס רויטע, פעטע פּנים פון פּאָרזיצער איז געוואָרן צונטער־רויט. זיינע פעטע רויטע ליפּן האָבן באַקומען אַ בלויען קאָליר. זיינע גרויע אויגן האָבן געשטאָכן בילן מיט כעס און פאַראַכטונג.

— מיסטער קנעכט, — האָט ער אַ ריטשע געטאָן, — איך פאָדער פון אייך רעספּעקט פאַר אַ קאָנגרעסמאַן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

— און איך, מיסטער פּאָרזיצער,—האָט ביל רואיק און מיט ווירדע אַ האַגל געטאָן אויף אים, — פאָדער רעספּעקט פאַר אַן אַמעריקאַנער ביר־גער, אַ געוועזענער לויטענאַנט אין דער אַרמיי, צוויי מאָל פאַרוואונדעט

געוואָרן אין דער מלחמה, און דער עיקר, — אַז אַרבעטער, וואָס פֿאַר־דינט זיין ברויט פֿון ערלעכער און שווערער אַרבעט . . .

דער פּאַרזיצער האָט שוין מער נישט געקאָנט קאָנטראָלירן זיין כעס.

— מיסטער קנעכט, — האָט זיין שטים געציטערט, — מיר האָבן אייך איינגעלאַדן אַהער נישט צו האַלטן קיין רעדעס, נאָר צו ענטפֿערן אויף פֿראַגן. ווער, מיסטער קנעכט, האָט אָרגאַניזירט די יוניאָן־גענג צו שלאָגן מיסטער פעלהענדלערס לאָיאַלע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אָפּגע־זאָגט צו באַלאַנגען צו אייער יוניאָן און צו סטרייקן ?

ביל האָט געשמייכלט. ער האָט געוואוסט, אַז מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל שניידט ער דעם פּראָוואָצירטן קאָנגרעסמאַן ווי מיט אַ מעסער, האָט ער זיך נישט געאיילט צו ענטפֿערן. ענדלעך האָט ער גערעדט מיט אַ רואיקער שטים.

— ניין, מיסטער קאָנגרעסמאַן, נישט קיין יוניאָן־גענג, נאָר אַ יוניאָן־רענק־און־פֿאַיל קאָמיטע צו פֿאַרטיידיקן די עלטערע און פֿרויען־סטריי־קערס קעגן די געדונגענע גענגסטערס וואָס זענען אימפּאָרטירט גע־וואָרן פֿון ניו־יאָרק און וואָס האָבן מערדערלעך צעשלאָגן מער ווי פֿופֿ־ציק סטרייקערס. און ווער האָט אָרגאַניזירט די בראַווע רענק־און־פֿאַיל פּאַרטיידיקונג־קאָמיטע ? פֿרעגט מיך, ביל קנעכט, האָב זיי אָרגאַ־ניזירט באַלד נאָך דער ערשטער שחיטה וואָס פעלהענדלערס געדונגענע גענגסטערס האָבן געמאַכט אויף די פֿרידלעכע סטרייקערס.

— מיסטער קנעכט, איר קאָנט מיר אפֿשר געבן די נעמען פֿון די סטרייקערס וואָס זענען, ווי איר זאָגט, צעשלאָגן געוואָרן ?

— מיסטער קאָנגרעסמאַן, אין שפּיטאָל איז פֿאַראַן אַ רעקאָרד . . . און חוץ דעם איז דער פּרעזידענט פֿון דער יוניאָן, קאַרל מאַרקוס און איך, באַפֿאַלן געוואָרן אויף אונדזער וועג אַהיים פֿון אַ מיטינג. מיר זענען געלעגן אין שפּיטאָל אַ גאַנצע וואָך ביז אונדזערע וואונדן האָבן זיך פֿאַרהיילט אַביסל און דער נעגערשער יוניאָן־פֿירער, מיסטער ווילבור, איז אויך באַפֿאַלן און צעשלאָגן געוואָרן, און . . .

— און איר, מיסטער קנעכט, פֿאַרדעכטיקט, אַז מיסטער פעלהענדלער איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די אָנפֿאַלן אויף אייך ? — האָט דער פֿאַר־זיצער מיט חוצפּהדיקן אומגעדולד איבערגעשלאָגן בילן.

— ניין, ניין, — האָט ביל גיך און שאַרף געענטפֿערט, — איך פֿאַר־

דעכטיק נישט! מיר ווייסן! מיר זענען זיכער, אַז פעלהענדלער און זיין איידעם זענען פאַראַנטוואָרטלער פאַר דעם מאָרד־אָנפאַל אויף אונדז.

— איר זענט זיכער? איר האָט פאַקטן צו באַשטעטיקן אייערע ערנס־טע באַשולדיקונגען?

— יעס, מיסטער קאָנגרעסמאַן! דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן, קאַרל מאַרקוס, וועט אייך צושטעלן איבערצייגנדיקע פאַקטן וועגן די פאַר־ברעכנס פאַר וועלכע פעלהענדלער און זיינע נאַצי־אַרויסהעלפער זענען פאַראַנטוואָרטלעך.

דער פאָרזיצער האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג צו באַהאַלטן זיין צע־רודערטקייט. בילס ענטפערס האָבן אים דערצאָרנט און אויך געוואָרנט, אַז קעגן אַזאַ עדות מוז ער אָננעמען אַ קלוגע און פאָרזיכטיקע טאַקטיק. ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז ביל קנעכט איז אַ געשולטער קאָמו־ניסט, אַ פאַרביסענער באָלשעוויק וואָס ווייסט, אַז די בעסטע דעפענ־סיווע איז אַן אָפענסיווע... פאַר אַזאַ עדות איז דער דערפאַרענער פּאָלי־טישן נישט געווען צוגעגרייט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז וואָס מער פראַגן ער וועט פרעגן ביל קנעכטן, דעם „ביטערן קאָמוניסט", אַלץ מער וועט יענער אויסנוצן די געלעגנהייט צו האַלטן רעדעס און וואַרפן באַ־שולדיקונגען אויף פעלהענדלערן, וואָס פאַרמאָגט אַ סך מיליאָנען, אָבער ווייניק שכל און דערפאַרונג צו באַקעמפן די רויטע פאַרשווערונג קעגן אים. ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף מיטן אויספרעגן דעם שטעַ־כיקן עדות. ער האָט אָבער אויך באַשלאָסן אים צו דערלאַנגען דעם לעצטן און שטאַרקסטן קלאַפּ.

— מיסטער קנעכט, — האָט ער אים פּלוצים אַ פרעג געטאָן, — זענט איר אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי?

ביל קנעכט האָט אָנגעהאַלטן זיין קאָנטער־אַטאַקע און זיין מעטאָד צו ענטפערן מיט ווירדע, אָבער שטעכיק.

— מיסטער קאָנגרעסמאַן, איך גיב עפנטלעך צו מיין אומוויסנקייט, איך בין נישט באַקאַנט מיט דער לערע און פּראָגראַם פון קאָמוניזם, איך בין נישט קיין מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ווען איך וועל אַמאָל געפינען ראַטזאַם און נייטיק זיך אָנצושליסן אין דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי, וועל איך אייך אומבאַדינגט לאָזן וויסן...

דעם פאַרזיצערס גרויע אויגן האָבן זיך אַריינגעשטאָכן אין בילס פּנים. ער האָט אַ גיכן קוק געטאָן אויפן גלאָז מיט וואַסער וואָס איז געשטאַנען אויף אַ קײלעכדיקן, גלאַנצנדיקן אַלומינום־טעצל, נישט ווייט פון אים. עס האָט זיך אים זייער, זייער שטאַרק געגלוסט אַ כמאַ־ליע טאָן דאָס גלאָז וואַסער אין בילס פּנים. ער האָט אָבער איינגעהאַלטן זיין כעס און מיט קאָנטראָלירטער רואיקייט און מיט אַן אָנשטעל פון ריינער אומפּאַרטייאישקייט, הויכע פּאַטריאָטישע געפילן און פּאַטער־לעכער זאָרגעוודיקייט פאַר דעם וואוילזיין פון אַמעריקע, האָט ער מיט אַ פעסטער שטים געמאַכט אַ קורצע דערקלערונג:

— מיסטער קנעכט, — האָט ער זיך געווענדט דירעקט צו בילן, — אייער מלחמה־רעקאָרד איז לויבנסווערט. פאַר אייער פּאַטריאָטישער פליכט וואָס איר האָט ערנהאַפט דערפילט אין דער מלחמה צו פאַרטיי־דיקן אונדזער באַליבט דעמאָקראַטיש לאַנד, פאַרדינט איר באַגריסט צו ווערן. אָבער אין דעם רעקאָרד פון היינטיקן פאַרהער איז פאַרצייכנט, אַז איר האָט פּריוויליק צוגעגעבן, אַז איר האָט אינספּירירט, אָרגאַני־זירט און דירעקטירט די יוניאָן־געגנג טעראָריסטן וואָס איר רופט „רענק־און־פאַיל פאַרטיידיקונג־קאָמיטע", וואָס האָט זיך באַטייליקט אין די אָנפאַלן אויף מיסטער פעלהענדלערס לאָיאַלע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויסצופאָלגן אייער באַפעל צו סטרייקן. איר האָט, הייסט עס, געגומען דאָס געזעץ אין אייערע אייגענע הענט . . . דאָס איז אַן ערנסטער פאַרברעכן קעגן אונדזערע פּרינציפּן פון גערעכטיקייט, געזעץ און אָרדענונג. איר קאָנט קיינעם נישט איינרעדן, אַז איר האָט דאָס געטאָן אויף אייער אייגענער איניציאַטיווע . . . אָרגאַניזירטע קאָמוניס־טישע גענגס, אָרגאַניזירטע ראַיאָטן מיטן צוועק צו צעשטערן געזעץ און אָרדענונג אין אונדזער דעמאָקראַטיש לאַנד, סטרייקס און סטאָפּעדזשעס, דאָס זענען די הויפּט־צילן און מעטאָדן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וואָס פירט אויס די באַפעלן פון מאָסקווע . . . איר מעגט זיין זיכער, אַז מיר זענען אויף דער וואַך קעגן די שונאים פון אונדזער דעמאָקראַטיש לאַנד . . . די זיצונג איז געשלאָסן ביז מאָרגן.

עס איז שוין דער צווייטער טאָג פון פאַרהער און קאַרל זיצט נאָך אַלץ אויפן עדות־שטול און זיינע רואיקע און זאַכלעכע ענטפערס פאַרביטערן און דערצאָרענען דעם פאַרזיצער.

היינט באשליסט דער פארזיצער צו זיין פארזיכטיק מיט זיינע פראגן. ער ווייסט שוין, טראכט ער, אז ער האנדלט דא מיט קלוגע, געשולטע און פארביסענע רויטע . . . אומעטום זענען זיי פאראן, טראכט ער מיט כעס. אין יעדן ווינקל, אפילו אין דעם פארווארפענעם שטעטל ריווער־וויל . . . היינט וועלן זיינע פראגן זיין האמער־קלעפ, שארפע באשולדי־קונגען, היינט וועט ער ארונטערציען די „זיידענע הענטשקעס".

— מיסטער קארל מארקוס, — הילכט דעם פארזיצערס שטים, — קאנט איר מיר אפשר דערקלערן פארוואס איר זענט אומעטום באקאנט מיטן נאמען „דער יידישער קארל מארקס" ?

קארל שמייכלט גוטמוטיק.

— געוויס קאן איך דאס דערקלערן, מיסטער קאנגרעסמאן, — ענט־פערט קארל מיט זיין רואיקייט וואס דערצארנט דעם פארזיצער, — די עלעמענטן וואס האבן מיך געקרוינט מיטן נאמען „יידישער קארל מארקס" זענען פון דעם זעלבן מין וואס פארשפרייטן די פראפאגאנדע, אז פרעזידענט רוזוועלטס נאמען איז ראזענפעלד.

— אבער איר זענט דאך נישט פרעזידענט רוזוועלט.

— ניין, אבער פונקט ווי פרעזידענט רוזוועלט בין איך א שונא פון די נאצים, און . . .

דער פארזיצער לאזט אים אבער נישט פארענדיקן.

— איר, מיסטער מארקוס, זענט דער פרעזידענט פון דער שיך־אר־בעטער יוניאן, דער סעקרעטאר־טרעזשורער פון דער אזוי־גערופענער רעליף־קאמיטע, און איר האט אויסגעטיילט מתנות צו נעגערס — א גאנצן בלאק פראכטפולע הייזער.

— ריכטיק, מיסטער קאנגרעסמאן, צו די נעגער־קרבנות וואס זענען צעבומבארדירט געווארן פון נאצי־באנדיטן.

— פארשטייט איר דען נישט, — שטעלט דער פארזיצער אן א פרום־פארזארגט פנים, — אז מיט אייער פאליסי צו שענקען רייכע מתנות בלויז צו נעגערס באשאפט איר קנאה און שנאה צווישן דער ווייסער און שווארצער באפעלקערונג ?

— פונקט פארקערט, מיסטער פארזיצער, מיט דער הילף פון דער רעליף־קאמיטע צו די נעגער־קרבנות האבן מיר דעמאנסטרירט אז די אנשטענדיקע ווייסע באפעלקערונג, וואס טראגט א גרויסע מאס פאר־

אַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער טרויעריקער לאַגע פון דער שוואַרצער באַ־פעלקערונג, בלייבט נישט גלייכגילטיק צו די נעגערשע קרבנות פון ווייסע טעראָריסטן. אַט אַזוי באַשאַפן מיר אַן אַטמאָספערע פון פריינט־שאַפט צווישן דער ווייסער און שוואַרץ־הויטיקער באַפעלקערונג.

דער פּאָרזיצער דונערט אויף קאַרלען מיט אָפענער שנאה.

— מיסטער מאַרקוס, איר פּרובירט פאַרדעקן אייער באַוואוסטזיניקע דיסקרימינאַציע קעגן נויטבאַדערפטיקטע ווייסע מיט אייער פאַנטאַס־טישער מעשה וועגן נעגער־קרבנות פון ווייסע און איר פאַרפלעקט דעם נאָמען פון דער גאָט־פאַרכטיקער אַנשטענדיקער באַפעלקערונג פון ריי־ווערוויל. צוליב וואָס פאַר אַ צוועק באַנוצט איר אייער טאַקטיק צו צע־טיילן ביידע ראַסן, מיט אייער טאַקטיק אונטערצוקויפן און קאָרופּטירן נעגערס מיט אייערע רייכע מתנות?

קאַרל קוקט אויף דעם פּאָרזיצער מיט אויפריכטיקער איבערראַשונג. זיין שטים ציטערט פון אויפרעגונג:

— אַ פאַנטאַסטישע מעשה, מיסטער פּאָרזיצער? צום טיפן באַדויער פון יעדן אַנשטענדיקן מענטשן איז די בלוטיקע געשיכטע פון באַפאַלן און מערדערלעך שלאָגן פרידלעכע האַרעפּאַשנע נעגערס, אונטערצינדן היימען, מיין היים אַריינגערעכנט, און דאָס אונטערצינדן די יידישע שול, וואו עס איז פאַרברענט געוואָרן אַ ייד, נישט קיין פאַנטאַסטישע מעשה! אין איין טאָג קאָנען אייערע ספּעציעלע אונטערזוכער אייך צו־שטעלן די אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטן, וואָס וועלן באַשטעטיקן, אָן דעם מינדסטן צווייפל, אַז אַלץ וואָס איך זאָג אייך איז דער ריינער טרויע־ריקער אמת און נישט קיין פאַנטאַסטישע מעשה.

קאַרלס רייד האָבן געשמיסן דעם פּאָרזיצער ווי מיט בייטשן. ער האָט געווישט די טראָפּנס שווייס וואָס האָבן אַרויסגעזעצט אויף זיין שטערן.

— אונדזער אונטערזוכונג, — האָט ער אַ ברום געטאָן, — איז פאַר־ענדיקט. אַלע נייטיקע פאַקטן שוין רעקאָרדירט. בלויז איין וויכטיקן פאַקט ווילן מיר פעסטשטעלן, און דאָס איז: וואו האָט אייער אַזוי־גערופענע רעליף־קאָמיטע גענומען די גרויסע סומע געלט צו קויפן די פּראַכטפולע היימען פאַר אייערע אויסדערוויילטע נעגערס?

קאַרל צעשמייכלט זיך.

— אַ נאָבעלע פּערזענלעכקייט האָט בייגעשטייערט די הייזער און

אויך געלט צו העלפן די נעגער־קרבנות מיט מעדיצינישער הילף און שפייז פאר זייערע פאמיליעס.

— און ווער, מיסטער מארקוס, איז דער גרויסער פילאנטראפ? פון קארלס פנים גייט נישט אראפ דער שמייכל.

— דאס, מיסטער פארזיצער, דאס הייסט, דעם נאמען פון דער גרויסער פערזענלעכקייט קאן איך אייך נישט זאגן.

א צופרידנקייט האט זיך צעגאסן אויף דעם רויטן פנים פון דעם פארזיצער. זיינע גרינע אויגן האבן געפינקלט פון פרייד.

— ענדלעך, — טראכט ער, — איז דער מאסקווער אגענט אריינגעכאפט אין דער נעץ... — מיט א רואיקער שטים פרעגט ער קארלען:

— איר ווילט אונדז נישט זאגן דעם נאמען פון אייער פילאנטראפ? אפשר האט איר גאר באקומען די ריזיקע סומע געלט פון דער קאמוניסטישער פארטיי? איך באפעל אייך אונדז צו זאגן דעם נאמען פון אייער גרויסן פילאנטראפ! אויב איר וועט איגנארירן מיין באפעל, קאנט איר אנגעקלאגט ווערן פאר „קאנטעמפט או קאנגרעס" און פארשיקט ווערן אין טורמע.

אין זאל ווערט אן אנגעשטרענגטע שטילקייט און קארלס קלארע און זיכערע שטים קלינגט אריין אין דער שטילקייט.

— איך האב געגעבן מיין ווארט נישט ארויסצוגעבן דעם נאמען פון דער איידעלער פערזענלעכקייט, וואס האט בייגעשטייערט דאס געלט. איך וועל מיין ווארט נישט ברעכן!

אין זאל איז ווידער שטיל. מען הערט בלויז א שטילע שושקעריי צווישן דעם פארזיצער מיט זיינע צוויי מיטהעלפער פון דער קאמיסיע.

א פרויען שטים האט פלוצים צעריסן די שטילקייט. פון א ווינקל, לעבן דער ארויסגאנג־טיר, האט זיך געטראגן און צעקלונגען די שטים פון א יונגער פרוי, וואס איר פנים איז געווען פארדעקט מיט א שלייער:

— זאג אים, קארל, זאג אים דעם נאמען! זאג אים, קארל!

קעפ האבן זיך געקירעוועט צום ווינקל פון וועלכן עס האט זיך צעטראגן די פרויען שטים. דער פארזיצער האט א קלאפ געטאן מיטן האמער אין טיש און בייז א געשריי געטאן:

— מאדאם, איר שטערט דעם פארהער! זעצט זיך אוועק און שווייגט!

— איך שטער נישט און איך רעד נישט צו אייך. איך רעד צו מיסטער מאַרקוס!

— ווער זענט איר, מאַדאַם? — האָט דער פאָרזיצער זיך צעשריגן,
— מאַרקוסעס אַדוואָקאַט?

— ניין, איך בין נישט מיסטער מאַרקוסעס אַדוואָקאַט. איך בין בלויז זיינער אַ פריינט. און דאָס בין איך עס יענע, וואָס האָט אָפּגעגעבן די נע־גער־קרבנות די הייזער, — און זי האָט אויפגעהויבן דעם שלייער וואָס האָט פאַרדעקט איר פּנים.

— עליזאַבעט! עליזאַבעט! לודוויג פעלהענדלערס טאָכטער! — האָט זיך אַרויסגעריסן פון הונדערטער מיילער, ווי נאָר די פאַרזאַמלטע האָבן דערזען איר פּנים. מענער און פרויען האָבן זי אַרומגערינגלט. די מענער האָבן געדריקט אירע הענט און די פרויען האָבן זי געקושט. מענטשן זענען געשטאַנען אויף די בענקלעך כדי בעסער צו זען וואָס עס טוט זיך אין דעם מענטשן־קנויל אין ווינקל פון זאַל.

די געשרייען, „הוראַ פאַר עליזאַבעט!" „הוראַ פאַר עליזאַבעט פעל־הענדלער!", לאַנג לעבן זאָל עליזאַבעט! האָבן אַן אָן אויפהער געקראַכט און געדונערט איבערן זאַל.

דער פאָרזיצער האָט בייז געקלאַפּט מיטן האַמער אין טיש, אָבער די האַמער־קלעפּ זענען פאַרשלונגען און פאַרטויבט געוואָרן אין דעם טומל פון די הוראַ־געשרייען און באַוואונדערונג פאַר עליזאַבעט פעלהענדלער.

דער ספּאָנטאַנער אויסברוך פון באַגייסטערונג פון די הונדערטער יוניאָן־אַרבעטער וואָס האָבן אָנגעפּאַקט דעם זאַל, האָט זיך צעוואַקסן. אַ פייערדיקע פרייד האָט זיך צעפלאַקערט אין זייערע הערצער און זיך געריסן צום אויסדרוק. זייער פּלוצימדיקע איבעראַשונג געמישט מיט טיף־מענטשלעכע, און אין דער זעלבער צייט אויך מיט אומפאַרמייד־לעכע נקמה־געפילן, וואָס לודוויג פעלהענדלערס טאָכטער האָט זיך אָפּ־געזונדערט פון איר טאַטן און פון זיין ברוטאַלער וועלט פון עקספּלואַ־טאַציע, רויב און גזילה, און זיך דערהויבן צו אַזאַ הויכער מאָראַלישער מדרגה, זיך עפנטלעך אָנצושליסן אין די קעמפנדיקע רייען פאַר גערעכ־טיקייט, האָבן אויפגעציטערט און אויפגעשטורעמט די אַרבעטער. עליזאַבעטס אָפענער און מוטיקער אַרויסטריט, וואָס האָט צעריסן און צעפליקט די נידערטרעכטיקע פאַרשווערונג וואָס די פעט־באַלייטע גע־

ווייסנלאַזע פּאָליטישנס האָבן אַזוי אומפאַרשעמט־ליגנעריש אויסגעוועבט קעגן זייער יוניאָן און זייערע באַליבטע יוניאָן־פירער, האָט צעפּלאַקערט זייער פרייד און שטאָלץ, ווי די פרייד און שטאָלץ פון אַ זיגרייכער באַ־פרייאונג־אַרמיי.

דער הייסער שטורעמווינט וואָס האָט זיך צעכוואַליעט אין זאַל האָט צעשמעטערט די אויטאָריטעט און דעם פּרעסטיזש פון דער „אונטערזוכונג־קאָמיסיע". די מעכטיקע היטער פון „געזעץ און אָרדענונג" זענען געבליבן זיצן הילפלאָזע, פאַרלוירענע און צעטומלטע, ווי פאַרמשפּטע.

אומזיסט האָט דער פאָרזיצער אַריינגעשריגן אין דעם אויפגעברויזטן טומלדיקן זאַל, אַז דער פאַרהער ווערט אָפּגעלייגט אויף אַן אומבאַ־שטימטער צייט. קיינער האָט אים נישט געהערט. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים. זיין האַמער איז פאַרגליווערט געוואָרן אין זיין מידער האַנט . . .

פעלהענדלער געפינט אויס קאַרלס יחוס

אַ גאַנצן פרימאָרגן האָבן די אַרבעטער אין פעלהענדלערס שיך־פאַבריק גערעדט וועגן דער נעכטיקער פּאַסירונג ביים פאַרהער פון דער אונטערזוכונג־קאָמיסיע.

— זאָג אים, קאַרל, זאָג אים!

— מאַדאַם, איר שטערט דעם פאַרהער!

— מיסטער, איך רעד נישט צו אייך! — האָבן די אַרבעטער מיט טיפן פאַרגעניגן זיך געוויצלט, געשטיפט, געלאַכט און זיך געפרייט.

— צוויי קינדער פון איין טאַטע־מאַמע, — האָבן די עלטערע אַרבעטער גערעדט צווישן זיך, — איז דער זון אַ לומפ און די טאָכטער די שיינקייט און ערלעכקייט אַליין.

— ווי קומט צו דעם אַלטן הונט אַזאַ טאָכטער?

— מסתם נישט זיינע.

— מען זאָגט אָבער, אַז ער האָט זי ליב ווי זיין לעבן.

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן, לודוויג האָט ליב בלויז געלט. ער וועט דיר פאַרקויפן זיין ווייב מיט זיין טאָכטער פאַר געלט.

— וואו איז ער? ער האָט זיך עפּעס פאַרשפּעטיקט היינט. ער שעמט זיך, ווי עס ווייזט אויס, צו ווייזן זיין פּנים צווישן מענטשן נאָך זיין נעכטיקער נידערלאַגע.

— לודוויג שעמט זיך? אומגלויבלעך! אפשר האָט ביי אים געפּלאַצט אַן אָדער פאַר ווייטיק. אפילו אַ חיה פילט דאָך אויך ווייטיקן.

— זע נאָר, דער שאָדן האָט זיך אָפּגעפינען. אָבי דו האָסט געבענקט נאָך אים. ביזט עפּעס אַ מבין ווי ער זעט אויס? ווי ער וואָלט אַרויסגעקראָכן פון קבר . . .

— מסתם האָט זיינער אַ קונה באַנקראָטירט . . .

אַ דערשלאָגענער, אַ פאַרפינצטערטער און איינגעהויקערטער, האָט ער זיך אַריינגעשאַרט אין זיין פאַבריק. ער האָט אויף קיינעם נישט געקוקט, צו קיינעם נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט און האָט אפילו נישט באַגריסט זיינע געטרייע פאַרלייט, ווי ער טוט דאָס יעדן פרימאָרגן, נישט, חלילה, צוליב מענטשלעכער באַציאונג, נאָר צוליב פּראַקטישער אויסרעכענונג.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער מאַשין לעבן וועלכער קאַרל איז געשטאַנען און געזוכט דעם שוואַכן אָבער וואָס שטערט דער מאַשין צו צעוויקלען איר גאַנצע קראַפט, און שטיל, כמעט ווי באַפוילן קאַרלען, אַריינצוקומען צו אים אין פּריוואַטן אָפיס, שוין באַלד.

אַרויסגעזופּט זיין באַפעל, האָט פעלהענדלער מיט גיכע טריט זיך געלאָזט גיין צו זיין אָפיס. קאַרל האָט אים נישט געקאָנט אָניאָגן.

די אַרבעטער האָבן באַדייטונגספול זיך איבערגעוואונקען.

אין זיין אָפיס האָט פעלהענדלער זיך צעבייזערט:

— קאַרל מאַרקוס, וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר? — האָט ער געכריפּעט, — פאַרוואָס ביזטו זיך נוקם אין מיר? איך האָב דיר באַצאָלט פאַר דיינע פּאַטענטן גרויסע סומען געלט, און צוויי און פופציק וואָכן אַ יאָר צאָל איך דיר הויכע שכירות. דורך מיין געלט ביזטו רייך געוואָרן. פון די הויכע שכירות וואָס איך צאָל דיר האָסטו אָפּגעשפּאָרט גענוג צו קויפן אַ רייך הויז, אַ פּאַלאַץ פאַר דיין פאַמיליע און דו לעבסט אין לוקסוס. פאַר אַלע מיינע טובות צאָלסטו מיר אָפּ מיט שטיינער.

— לודוויג, איך ווייס נישט פאַרוואָס דו ביזט אַזוי אויפגערעגט, — האָט קאַרל פריינטלעך געזאָגט, — באַרואיק זיך פריער און שפּעטער וועלן מיר זיך דורכשמועסן וועגן דיינע טענות צו מיר.

— וואָס מאַכסטו אַזאַ אומשולדיקן אָנשטעל, — האָט לודוויג גערעדט מיט ביטערקייט, — דו ווייסט גאַרנישט פאַרוואָס איך בין אויפגערעגט? האָסט אַריינגעשלעפּט מיין טאָכטער אין אַ רעליף־מאַכעריקע, האָסט זי באַאיינפלוסט, אַז זי זאָל צעטיילן פראַנצס פאַרמעגן צו ניגערס, האָסט זי געבראַכט צום פאַרהער אין טאַון־האָל און זי אַרויסגעשטעלט צו עפנטלעכן חוזק. גאַנץ ריווערוויל לאַכט איצט פון מיר.

— געדענק, קאַרל, געדענק וואָס איך זאָג דיר: פאַר מיין טאָכטער און פאַר דעם כבוד פון מיין פאַמיליע וועל איך קעמפן ביז בלוט! רעד זיך נישט איין, קאַרל, קיין גאָלדענע חלומות, אַז מיין טאָכטער וועט חתונה האָבן מיט דיין זון . . . דו מיינסט אוודאי, אַז איך ווייס נישט, אַז דו ביסט אַ ייד, אַז דיין טאַטע דער פּראָפעסאָר, עריק מאַרקוס, איז אַ ייד און אַז זיין אמתער נאָמען איז הערש־מרדכי קורץ, און דיין מאַמעס מיידלשער נאָמען איז געווען אסתר־ברכה גאָלדשטיין. דיין פאָטער האָט

זיך געשמדט נישט צוליב ערלעכע איבערצייגונגען, נאָר צוליב דער פּראָפעסאָר־שטעלע, צוליב כבוד און צוליב דעם הויכן געהאַלט. אַלטע ייִדישע קונצן!

קאַרל האָט רואיק אויסגעהערט לודוויגס קאַטעגאָרישע רעדע און גוט־מוטיק, מיט אַ שמייכעלע געזאָגט:

— אַ דאַנק דיר, לודוויג, פֿאַר דײַן גרוס פֿון מײַנע טײַערע עלטערן... אָט די אינפֿאָרמאַציע האָסטו באַקומען דירעקט פֿון דײַן פֿיורער אַדאָלף הימלער־שיקלגרובער?

— יאָ, יאָ, קאַרל, דירעקט פֿון בערלין! אַזוי גיך ווי איך האָב אויס־געפֿונען, אַז דו און דײַן זון נאָרן אַרײַן מײַן עליזאַבעט אין אײַער נעץ, האָב איך אָנגעפֿרעגט אין בערלין וועגן דיר און כ׳האָב, גאָט זײַ דאַנק, באַקומען אין צײַט אַן אויספֿירלעכן באַריכט פֿון דײַן „גרויסאַרטיקער" אָפּשטאַמונג... פּרראָ־פֿע־סאָר עריק מאַרקוס!... פּראָפֿעסאָר הערש־מרדכי קורץ! — האָט לודוויג אַרויסגערעדט די נעמען מיט גאַליקן סאַרקאַזם און פֿאַראַכטונג, — איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, — האָט לודוויג געשריגן, — אַז מײַן פֿאַמיליע שטאַמט פֿון דור־דורות דײַטשן.... דו פֿאַרשטייסט, קאַרל, וואָס עס באַדײַט דור־דורות דײַטשן?! און איך וועל נישט דערלאָזן אַז ייִדיש בלוט זאָל פֿאַרעיפּושן מײַן נאָבעלע פֿאַ־מיליע! דו פֿאַרשטייסט עס, הערש־מרדכי־קאַרל קורץ?!

קאַרל האָט דערפֿילט אַן עקל צו דעם אַלטן צעיושעטן נאַצי. די לופֿט אין דעם פֿראַכטפֿולן אָפֿיס האָט אים געשטיקט. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַרויסגיין אויף דער פֿרייער ריינער לופֿט און נישט ענטפֿערן אַפֿילו מיט איין וואָרט אויף דעם גיפֿטיקן אויסגוס פֿון באַליידיקונגען וואָס האָבן געשטראָמט פֿון לודוויגס צעקרימטן מויל. און ער האָט דאָך קעגן זײַן אייגענעם ווילן אַ זאָג געטאָן:

— לודוויג, עס איז אונטער מײַן ווירדע זיך אויסצוטענהן מיט דיר. דו ביזט אַ קראַנקער, זייער אַ קראַנקער מענטש... מיר דוכט זיך, אַז דו מאַכסט דעם חשבון אַז דעם באַלעבאָס. איך דענק, אַז עליזאַבעט האָט אויך עפּעס צו זאָגן וועגן איר שידוך מיט מײַן זון, — און ער האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. לודוויג האָט אים באַגלייט מיט ווילדע געשרייען:

— עליזאַבעט איז מײַן טאָכטער! עליזאַבעט וועט טאָן ווי איך וויל! עליזאַבעט! עליזאַבעט!...

ער האָט נאָך געהאַלטן אין שרייען ווען באַרבאַראַ, די סעקרעטאַרשע, האָט געעפנט די טיר פון אָפיס און עליזאַבעט האָט זיך אַריינגעשטעלט אַן אויסגעפוצטע, אַ מונטערע און אַ פרייליכע. זי איז געקומען צו איר פאָטער, ווייל זי האָט געפילט, אַז נאָך דער נעכטיקער פאַסירונג ביים פאַרהער, וועט איר פאָטער צעפּרעסן ווערן פון ערגערניש און זי האָט באַשלאָסן זיך דורכצורײדן מיט אים און אים איינשטילן. זי איז געווען זיכער, אַז זי קאָן אים איינשטילן. זי האָט געוואוסט, אַז איר פאַר־עקשנטער פאָטער, וואָס ווערט ווילד־צעשטורעמט פון כעס, ווערט אָבער צעשמאָלצן און צעקראָכן ווען זי באַוויליקט אים אַ שמועס. וואָס טרעפט נישט זייער אָפט. זי האָט זיך געאײלט צו ריידן מיט אים גאַנץ פרי, איידער ער וועט האָבן אַ געלעגנהייט אויסצוגיסן זיין כעס אין דער פאַר־בריק, אָדער ערגעץ אַנדערש, וואָס קאָן מעגלעך פאַראורזאַכן אַ שווערע סיטואַציע פאַר אים. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס האָט שוין געטראָפן מיט איר פאָטער מער ווי איין מאָל . . .

ווען עליזאַבעט איז אַריינגעקומען אין קאַבינעט און דערהערט איר טאַטן שרייען, „עליזאַבעט . . . עליזאַבעט!" — האָט זי מיט איר נאַ־טירלעך־פריינטלעך־איינגענעמענער שטים געענטפערט:

— איך בין שוין דאָ, טאַטע, און שריי נישט! — און מיט אַ שמייכל האָט זי זיך געווענדט צו קאַרלען, וואָס דערזעענדיק עליזאַבעטן איז ער געבליבן שטיין ביי דער טיר פון אָפיס.

— זעסט, קאַרל, וואָס פאַר אַ געהאַרכזאַמע טאָכטער מיין טאַטע פאַר־מאָגט? אין דער מינוט וואָס ער רעדט אַרויס מיין נאָמען קום איך גלייך צופליען צו אים . . .

— גוט, זייער גוט וואָס דו ביזט דאָ, עליזאַבעט. ביזט געקומען אין ריכטיקן מאָמענט, — האָט לודוויג גערעדט גיך, — כ'האָב נאָר־וואָס געזאָגט דיין פריינט קאַרל, אַז עס איז אוים שידוך צווישן דיר מיט זיין זון.

עליזאַבעט האָט נישט גענומען ערנסט זיינע ווערטער. ער איז אין כעס, — האָט זי געטראַכט, און ווי שטענדיק רעדט זיין כעס אַרויס פון אים. ווען ער וועט אויסברענען זיין כעס וועט ער לייקענען, אַז ער האָט אַזעלכעס געזאָגט. זי קאָן אים. און זי האָט כמעט ווי מיט אַ נאַטירלעכן אויסדרוק פון באַדויער געזאָגט:

— אַ שאָד, טאַטע, וואָס איך וועל מוזן צוריקגעבן דאָס שיינע בריליאַנטענע פינגערל וואָס פּאָול האָט מיר געגעבן אַלס מתנה. ס'איז זיין מאַמעס פינגערל, זעסט, טאַטע? — זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט צו איר פאָטער ער זאָל זען דאָס בריליאַנטענע פינגערל אויף איר האַנט.

— גיב אים אָפּ די מתנה! — האָט לודוויג געגוואַלדעוועט, — איך וועל דיר קויפן שענערע מתנות, וואָס דו וועסט נאָר וועלן, אַלץ וואָס דיין האַרץ וועט גלוסטן . . .

— גוט פּאַפּאַ, זייער גוט. דיין וואָרט איז הייליק ביי מיר. אַלץ וואָס מיין האַרץ גלוסט וועסטו מיר געבן אַלס מתנה . . . וויל איך, אַז דו זאָלסט מיר געבן פּאָול מאַרקוסן אַלס מתנה . . . דאָס וועט זיין ביי מיר די טייערסטע מתנה וואָס דו האָסט מיר ווען עס איז געגעבן.

קאַרל האָט געשמייכלט.

— יעדן טאָג ווערט זי אים טייערער און מער באַליבט. פּאָול איז אַ גליקלעכער! — האָט ער מיט טיפער הנאה געטראַכט.

— ניין, עליזאַבעט, דאָס נישט! — האָט לודוויג געכריפּעט, — מיר טאָרן זיך נישט משדך זיין מיט זיי . . . זיי זענען יידן! פון בערלין האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז זיי זענען יידן. קאַרל איז הערש־מרדכיס זון . . .

— יידן? קאַרל איז אַ ייד? און פּאָול איז אַ ייד? און קאַרלס פּאַמיליע זענען יידן? — האָט עליזאַבעט געפרעגט און געקוקט אויף קאַרלען מיט ברייט צעעפנטע אויגן. און אויסדרייענדיק זיך צו לודוויגן האָט זי געזאָגט מיט אַ ערנסטער און קלאָרער שטים:

— דו ווייסט, טאַטע, וואָס איך וועל דיר זאָגן? אויב אַזאַ אויסערגעוויינלעך פיינע און וואונדערבאַרע פאַמיליע ווי קאַרלס איז אַ יידישע, מוז דאָס יידישע פאָלק באמת זיין אַ פיין און וואונדערבאַר פאָלק. איך גלויב, אַז עס איז אַ גרויסער כבוד פאַר דער פעלהענדלער משפחה זיך משדך צו זיין מיט דער מאַרקוס־פאַמיליע.

לודוויג האָט געפילט, אַז ער וועט באַלד צעריסן ווערן פון כעס, וואָס צעפּלאַקערט זיך אין אים. אָבער ער האָט דערשטיקט זיין צאָרן. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער קאָן זיך, חלילה, אַרויסכאַפּן מיט אַ שאַרף וואָרט, וואָס קאָן באַליידיקן און ווי טאָן זיין באַליבטער בת־יחידה. חוץ דעם האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן, אַז זיין ביטערסטער שונא, דער

ייד קאַרל, זאָל זיך דערלעבן אַזאַ נקמה אין אים און הערן ווי ער צעד קריגט און צערייסט זיך מיט זיין טאַכטער, און ער האָט מיט אַ פּאַטער־לעבער שטים אַפּעלירט צו עליזאַבעטן:

— ליז, דו ווייסט ווי טייער דו ביזט מיר. מיין לעבן בין איך גרייט אָפּצוגעבן פאַר דיר און פאַר דיין גליק. איך וועל אויספאָרן די גאַנצע וועלט, איך וועל זיך לאָזן קאָסטן אַפילו אַ מיליאָן דאָלער; אומעטום וועל איך זוכן ביז איך וועל געפינען פאַר דיר אַ מאַן, וואָס וועט זיין פונקט אַזאַ ליכטיקע און נאָבעלע פערזענלעכקייט ווי דיין פראַנץ איז געווען. דו וועסט זען, ליז . . .

קאַרל האָט זיך הילכיק צעלאַכט. ער האָט נישט געוואָלט זיך אַריינ־מישן אין דעם געשפּרעך צווישן לודוויגן מיט עליזאַבעטן. ער האָט אָנ־געקוואָלן פון עליזאַבעטס ערלעכקייט, אויפריכטיקייט און קלוגשאַפט און פון איר רואיקן אופן פון דיסקוטירן מיט איר טאַטן; און דער עיקר האָט אים איינגעהילט אַ וואַרעמע פרייד איר קלוגע באַמערקונג אויף לודוויגס יאָמערדיקן געשריי, „פאָול איז אַ ייד!” וואָס האָט צע־טרייסלט לודוויגן מיט זיין אַנטיסעמיטישער פילאָזאָפיע אויף שטויב. אָבער ער האָט זיך מער נישט געקאָנט קאָנטראָלירן און ער האָט אַ וואָרף געטאָן לודוויגן אין פנים מיט ביטערער איראָניע:

— פראַנץ וויינהאַרץ — אַ ליכטיקע און נאָבעלע פערזענלעכקייט?! לודוויג, דו ביזט בלינד און טויב און משוגע!

— איך וואָרן דיך, קאַרל, אַז דו זאָלסט נישט וואַגן אַרויסרעדן איין שלעכט וואָרט אויף דעם גרויסן פראַנץ וויינהאַרץ. איך וואָרן דיך! — האָט לודוויג געשריגן מיט רציחה, — רעספּעקט פאַר דעם נאָבעלן פראַנץ וויינהאַרץ!

— שריי נישט, טאַטע. באַרואיק זיך, איך בעט דיך, — האָט עליזאַ־בעט גערעדט מיט אַ ציטערדיקער שטים. — איך האָב זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט פאַר דיר . . . איך האָב געליטן און געשוויגן. מיין לעבן מיט פראַנצן איז געווען די גרעסטע טראַגעדיע אין מיין לעבן. איך בעט דיך, טאַטע, דערמאָן מיר נישט דעם נאָמען פראַנץ וויינהאַרץ. גאָט האָט מיך באַפרייט פון אים . . .

— שווייג, עליזאַבעט! איך וואָרן דיך! פראַנץ איז געווען אַ הייליד קער! דער גאָט־פאַרדאַמטער ייד האָט דיך באַאיינפלוסט, פאַרסמט,

פּאַרפּירט, — האָט לודוויג געליאַרעמט און געציטערט פון כעס.

— ניין, טאַטע, פּראַנץ איז נישט געווען קיין הייליקער. שוין צייט אַז דו זאָלסט וויסן, טאַטע, אַז פּראַנץ איז געווען אַ שיכור, אַ לומפּ און אַ סאַדיסט!

לודוויג איז אויפגעשפּרונגען און אַ פּראַסק געטאָן זיין טאָכטער אין פּנים.

קאַרל האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן.

עליזאַבעט איז געבליבן זיצן ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. אירע גרויסע שוואַרצע אויגן אָנגעגאָסן מיט טרערן האָבן זיך אַריינגעשטאָכן אין איר טאַטנס פּעטן, רויט־צעהיצטן און צעקרימטן פּנים און אין זיינע גרינע שטעכיקע אויגן . . . און פּלוצים איז זי אויפגעשפּרונגען פון בענקל. זי האָט מיט ווילדן כעס אַ ריס געטאָן און ברייט צעעפנט איר ווייסע זיידענע בלוזע און אַ געשריי געטאָן:

— קוק טאַטע, קוק! דו זעסט די שראַמען פון די וואונדן אויף מיין לייב? דאָס זענען די סימנים פון דיין נאָבעלן פּראַנץ, די סימנים פון זיינע סאַדיסטישע אָנפאַלן . . . פרעג דעם דאָקטאָר מאַיקלסאָן, ער וועט דיר נאָך מער דערציילן . . . ווילסט אפשר זען נאָך סימנים, וואָס דיין לומפּיקער איידעם האָט געלאָזט אויף מיין קערפּער? . . .

— קום, קאַרל, האָט זי אים אַ רוף געטאָן, — מיר האָבן דאָ מער נישט וואָס צו טאָן!

די צעמישעניש

די רואיקייט און שטילקייט אין זיין פראכטפולן פריוואטן אפיס וואס פלעגט אים שטענדיק בארואיקן און איינשלעפערן, האט לודוויגן איצט געשראקן נאך דעם ווי קארל און עליזאבעט זענען ארויס פון אפיס און אים געלאזט אליין. א שארפער ווייטיק האט זיך אריינגעשניטן אין זיין קאפ, פארשטייפט זיין נאקן און פארשטייפט זיינע אויערן ביז טויב־קייט. פייער־פונקען האבן גערעגנט פאר זיינע אויגן. דער קאבינעט האט זיך געוויגט: רעכטס, לינקס, אראפ, ארויף, ווי א הוידעלקע. ער האט זיך אנגעכאפט מיטביידע הענט ביים שרייבטיש. ווען דער קאבינעט האט זיך אויפגעהערט צו וויגן, האט ער אנגעהויבן צו זינקען: אראפ, אראפ, נידעריקער, טיפער . . . זיין קאפוויטיק האט אים אפ־געלאזט אויף א מינוט און איז ווידער צוריקגעקומען מיט נאך מער קראפט, געהאמערט אין זיינע שלייפן, געבויערט זיין מוח און האט צע־שיקט אנגעגליטע נאדלען וואס האבן געברענט און געשטאכן זיין גאנצן קערפער. די שיין פון זיינע אויגן איז פלוצים פארטונקלט געווארן.

פלוצים האט א היסטערישער קוויטש א שניט געטאן אין זיינע אויערן:

— אוי! אוי! — האט ער דערקענט די שטים, וואס האט היסטעריש געקוויטשעט: עליזאבעטס שטים! בליץ־שנעל האבן א שפרונג געטאן זיינע ציטערדיקע הענט און פארדעקט זיינע אויערן. זיינע אויגן האבן זיך אויטאמאטיש פארמאכט. דאס בלוט אין זיינע אדערן איז פארגלי־ווערט געווארן און ער האט מיט שווערקייטן געאטעמט.

ווען ער האט ארונטערגענומען די הענט פון די אויערן און געעפנט די אויגן איז עליזאבעט געשטאנען פאר זיינע אויגן, האלב־נאקעט, טרערן זענען גערונען פון אירע גרויסע שווארצע אויגן און זיך גע־קלאגט: „קוק, טאטע, דו זעסט? פראנץ! . . . ער!"

לודוויג האט ווידער פארמאכט די אויגן. ער האט פארדעקט זיין פנים מיט זיינע הענט און מיד און שוואך ווי אן ערנסט־קראנקער, האט ער אריינגעכריפעט אין זיינע פייבטע דלאניעס: „נישט אמת . . . נייז, נייז, נישט פראנץ . . . ס'איז א ליגן . . . די יידן, עליזאבעט, האבן דיך פארסמט קעגן פראנצן . . . די ניגערס מיט זייער כישוף־קראפט האבן

דיך פארכישופט . . . עליזאבעט, טאכטער מיינע, פארלאז מיך נישט".

ווען ער האט אראפגענומען די הענט פון זיין פנים זענען זיי געווען נאס פון טרערן און שוויים. די קאפווייטיקן האבן אים געמאטערט, אין די אויערן האט אים געהודזשעט און געזשומעט. אויף דער וואנט האבן מארשירט האלב־נאקעטע געזונטע נעגערס און יידן מיט לאנגע בערד. זיי זענען אראפ פון דער וואנט, אנגעפאקט דעם גרויסן אפיס און אים ארומגערינגלט: קויל־שווארצהויטיקע נעגערס, ברוין־הויטיקע נעגערס, יידן מיט לאנגע שווארצע בערד, יידן מיט לאנגע ווייסע בערד, און אויגן, אויגן . . . גרויסע שווארצע גלאנציקע, פלאמיקע אויגן, און ברוינע קאלטע צער־אויגן שטעכן אים, בריען אים . . . לודוויג האט גע־וואלט שרייען, האט אבער בלויז געכארכלט . . .

די טיר פון דעם אפיס האט זיך געעפנט און בארבאראס שטים האט אריינגעקלונגען:

— מיסטער פעלהענדלער, דער שאופערווארט מיט דער קאר.

— הא, וואס? אה, בארבארא . . . ווער, דער שאופער? . . .

— שוין לאנג צייט פאר אייך צו עסן אייער מיטיק. דער שאופער ווארט מיט דער קאר, מיסטער פעלהענדלער,— האט בארבאראס שטים געקלונגען.

דער שאופער, אויסגעפוצט אין זיין אוניפארם, האט זיך אויסגעצויגן ווי א סטרונע, און האט געעפנט די טיר פון דעם אויטאמאביל, ווען ער האט דערזען זיין באס, דעם מיסטער פעלהענדלער.

— מעלוויז, פיר מיך אויף דעם בית־הקברות, צו פראנצס קבר, — האט לודוויג באפוילן דעם שאופער.

— יעסיר! — האט דער שאופער געענטפערט.

לודוויג האט זיך אנגעשפארט מיט דער האנט אויף דער גרויסער מארמארנער מצבה איבער פראנצס קבר.

— פראנץ, — האט לודוויג געמורמלט, — אן אומגליק, א גרויסער אומגליק, א שוידערלעכער אומגליק איז מיך באפאלן . . . העלף מיר, פראנץ. א פארשווערונג . . . די נעגערס און די יידן . . . זיי האבן בא־גנבעט דיין פארמעגן . . . זיי ווילן מיך בארויבן . . . איך בין אליין. העלף מיר, פראנץ, ראטעווע ארויס עליזאבעטן פון זייערע הענט . . .

ער האט זיך ארונטערגעלאזט אויף די קני און איז געפאלן אויף

פראַנצס קבר באַוואוסטלאָז. דער שאָופער האָט אים אַריינגעטראָגן אין אויטאָמאָביל און אים אָפּגעפירט אַהיים.

לודוויג האָט נישט גערעדט צו קיינעם. ער האָט נישט געענטפערט אויף קיינעמס פראַגעס. ער האָט געקוקט אויף זיין ווייב, אויף דעם דאָקטאָר מיט אויסגעלאָשענע אויגן. ווען ער איז מיד געוואָרן פון די פראַגעס, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און איז גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן. ווען זיין ווייב האָט אים צוגעטראָגן עסן צום בעט, האָט ער געקייט אָן אַפּעטיט. ער האָט נישט געמאָנט קיין עסן, נישט קיין טרונק בראָנפן און נישט קיין ציגאַר, כאָטש אין זיין נאָרמאַלן צושטאַנד איז ער געווען אַ ליידנשאַפטלעכער ציגאַר־רויכערער און בראָנפן פלעגט ער זשליאָקען פון אַ טיי־גלאָז. עטלעכע טעג און נעכט איז ער נישט אַרויס פון בעט.

אומגעריכט איז ער אַרונטער פון בעט. ער האָט מיט שוועריקייטן אַרויפגעצויגן אויף זיך זיין שלאָפראָק און אַריינגעשטעקט די פיס אין זיינע שטעק־שיך וואָס זענען געשטאַנען לעבן בעט. ער איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. זיין ווייב האָט אים געוואָלט העלפן, אָבער ער האָט זי ליכט אָפּגעשטופּט. ער האָט זיך נישט געגאָלט די עטלעכע טעג וואָס ער איז געלעגן אין בעט; זיין פּנים איז געווען באַוואַקסן מיט געלע און ווייסע האָר און ער האָט אויסגעקוקט ווי עפּעס אַ ווילד באַשעפעניש. מיט מידע שוואַכע טריט איז ער אַרויס פון זיין שלאָפצימער און איז אַריינגעגאַנגען אין גרויסן עסצימער; פון דעם עסצימער — אין גרויסן און פּראַכטפולן זאַל־צימער. פון דאָרט איז ער אַרויס אויף דער גרויסער ווערענדע און זיך אַריינגעזעצט אין איינעם פון די ווייד־געבעטע שטולן. דורך די פענצטער פון דער ווערענדע האָט ער געקוקט אויף די גלייכע רייעןביימער וואָס זענען געווען באַדעקט מיט געלע און רויטע בלעטער. די ביטאַגיקע האַרבסט־זון האָט אָנגעגליט די פענצטער און די אָנגעגליטע פענצטער האָבן אָנגעהיצט די לופט אויף דער ווערענדע. זיין ווייב האָט געעפנט אַ פענצטער אַריינצולאָזן קילע, פרישע לופט אין דער ווערענדע. אָן אַ וואָרט האָט לודוויג פאַרלאָזט די ווערענדע. ער איז אַריין צוריק אין זיין צימער און זיך אַריינגעוואָלגערט אין בעט אַריין.

אויפן צווייטן טאָג איז ער ווידער אַרויס אויף דער ווערענדע. זיין

בן־יחיד וואָס איז זעלטן געקומען אַהיים, איז אַנגעלאָפן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל נישט ווייט פון זיין פאָטער און אים געפרעגט ווי ער פילט. לודוויג האָט אים נישט געענטפערט און איז מיט איילנדיקע טריט צוריק אַריין אין זיין שלאָפצימער. ער האָט פאַרהאַקט די טיר און זיך אַריינגעוואַלגערט אין בעט אַריין.

דער דאָקטאָר איז געקומען און האָט אַ טאַפּ געטאָן זיין פּאַציענטס דופק. לודוויג האָט אָפּגעשטופּט דעם דאָקטאָרס האַנט און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט — די וואַנט, וואָס האָט אים אָפּגעזונדערט פון דער דרויסנדיקער וועלט און פון זיינע פריינט, וואָס זענען געקומען אים באַזוכן, — איז די וואַנט געווען זיין באַשיצעריין, זיין פעסטונג. די וואַנט האָט אים נישט געפרעגט קיין פראַגעס, פאַר דער וואַנט האָט ער נישט מורא געהאַט. האַרט לעבן דער קאַלטער, שטומער, טויטער וואַנט האָט ער געפילט אַ באַרואיקנדיקע זיכערקייט.

בלויז איין פריינט האָט ער טאָלערירט. בלויז פון דעם איינעם פריינט איז ער נישט אַנטלאָפן צו זיין באַשיצעריין, — צו דער וואַנט. דער איינציקער פריינט, דער ריכטער אַדאָלף ריכטערמאַן האָט אים באַזוכט יעדן טאָג. אין די קורצע מינוטן פון זיין באַזוך האָט ער געהאַלטן פאַר לודוויגן די זעלבע קורצע רעדע:

— לודוויג, מיין פריינט, איך בין געקומען געוואויר ווערן וואָס דו טוסט. איך שטעל דיך נישט קיינע פראַגעס און איך זוך נישט ביי דיר קיינע ענטפערס. דו ווייסט, אַז איך האָב דיך ליב און האָב גרויס רעספּעקט פאַר דיר. איך וויל נישט און וועל קיינמאָל נישט וואַגן אַריינצוברעכן זיך אין די פאַרשלאָסענע קעמערלעך פון דיינע פערזענלעכע געדאַנקען און אין דיין פּריוואַטן לעבן. ווען וועסט ווען עס איז זיך וועלן טיילן מיט מיר מיט דיינע שווערע פּראָבלעמען, וועל איך זיך פילן גליקלעך, און אויב נישט, וועל איך אַלצאיינס פאַרבלייבן דיין לאָיאַלסטער פריינט. איך בין געקומען דיר ווינטשן, אַז דו זאָלסט וואָס גיכער געזונט ווערן און דערפרייען מיין האַרץ.

לודוויג פלעגט ליגן באַוועגלאָז אין בעט און אויסהערן דעם ריכטערס רעדע און מיט די אויגן אים באַגלייט צו דער טיר.

מיסעס פעלהענדלער האָט געזען לודוויגן אַרויסגיין פון הויז און זיך אַוועקזעצן אויף דער ברייטער מאַרמאָרנער באַנק וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון הויז צווישן צוויי מעכטיקע עלם־ביימער און זי האָט געטראַכט:

— זאָל ער נאָר געזונט ווערן... כ׳וועל זיין גרייט...

די אויסגעשעפּטע און פאַר־דער־צייט פאַרעלטערטע גרוי־געוואָרענע מיסעס פעלהענדלער האָט שוין לאַנג־לאַנג נישט געוואוסט דעם טעם פון אמתער און עכטער פרייד. איר רייכטום האָט זי נישט געוואָרעמט. אירע אָפטע קורצע רייזעס מיט איר מאַן קיין אייראָפּע האָבן זי נישט באַפרייט פון איר שטילער אומעטיקער זאָרג. איר שטענדיק פאַרנומע־נער, אָנגעשטרענגטער און אָפט צעכעסטער מאַן האָט נישט געהאַט קיין צייט, נישט קיין געדולד און אויך נישט קיין חשק אָפּצושפּאָרן פאַר איר אַביסל אויפמערקזאַמקייט. זי האָט פאַרדעכטיקט, נישט, חלילה, אַז באַגרינדעטע אורזאַכן, אַז אַנדערע, שענערע און יינגערע פרויען פון איר, און לעצטנס זיין פּריוואַטע סעקרעטאַרשע, די יונגע שיינע בלאָנדע באַרבאַראַ, באַלוינען אים פאַר די מתנות מיט וועלכע ער האָדעוועט זיי. איר הולטאַיאַישער זון האָט איר נישט פאַרשאַפט קיין נחת. ווען איר באַליבטע בת־יחידה, איר איינציקע פרייד אין איר אויסגעליידיקט פון באַפרידיקונג־לעבן, האָט חתונה געהאַט מיט פראַנץ וויינהאַרץ, איז זי געבליבן אַליין, אַליין מיט איר אומעט... פון צימער־צו־צימער פלעגט זי אַרומוואַגלען אין איר רייך הויז, געקוקט אויף די קאָסטבאַרע, קונציק־אויסגעאַרבעטע שטיקער מעבל און אויף די אויל־בילדער אויף די ווענט — מיט גלייכגילטיקייט. אָפט פלעגט זי עפענען די גרויסע שאַפע און קוקן מיט פרעמדקייט אויף אירע רייכע שיינע און קאָסטבאַרע מלבושים, אַ גלעט טאָן אַ זיידן קלייד, דעם מינק־מאַנטל, אָדער דעם קאַראַקולענעם מאַנטל, וואָס זענען געהאַנגען אין דער שאַפע, ווי עלנטע און כמעט נוצ־לאָזע ווי זי און מיט אַ זיפץ זיך אָפּקערן פון זיי, און פאַרמאַכן די טירן פון דער שאַפע מיט אַ געפיל פון שולדיקייט פאַרוואָס זי באַנוצט זיך נישט מיט אירע לוקסוסדיקע מלבושים...

אין די ווינטער־חדשים פלעגט זי זעלטן אַרויסגיין פון הויז. זי האָט אויפגעפּאַסט אויף דער אַרבעט פון דער דינסט, האָט אַריינגעקוקט אין דער טעגלעכער צייטונג, דורכגעבלעטערט די מאָנאַטלעכע זשורנאַלן

וואָס זי פֿלעגט באַקומען, זיך איינגעהערט צו דער ראַדיאָ און אַמאָל גע־שפּילט אויף דער וויקטאָראָלע. אין די אָוונטן ווען לודוויגס פֿריינט זענען זיך צונויפֿגעקומען אין איר הויז, און האָבן געגעסן, געטרונקען און גע־שפּילט אין קאָרטן מיט לודוויגן, פֿלעגט זי זיך אַביסל פֿאַרטומלען מיט זייער טומלדיקער גערעדעריי, וויצן און געלעכטער.

אין די זומער־טעג האָט זי אַביסל אויפֿגעלעבט. דער מחיהדיקער וואַ־רעמער, ליכטיקער דרויסן, אָנגעפּילט מיט זונשיין, די באַנייטע און אויפֿגעלעבטעביימער באַצירט מיט זאַפּטיקע, גרינע בלעטלעך; דאָס סאַמעטענע גרין־גרינע גראָז, און שפּעטער, די צעעפֿנטע רויטע, ווייסע, געלע און פֿיאָלעטעווע בלומען, און נאָך שפּעטער, — די ברייט־צעוואַק־סענע ביימער וואָס האָבן געבוירן זאַפּטיקע און געשמאַקע פֿרוכט אין אין גרויסן, ריינעם און זאָרגעוודיק־קולטיווירטן גאָרטן און פֿויגל־גע־זאַנג, — האָבן זי אויך דערפֿרישט און באַלעבט.

אָבער אין די לעצטע עטלעכע זומערס פֿלעגט זי אַרומבלאָנדזשען אין איר גאָרטן אָן פֿרייד. אַ פֿאַרדאַכט, אַ ביטערער פֿאַרדאַכט האָט זי גע־נאָגט, אַז איר טאָכטער, איר עליזאַבעט, וואָס איר איר טייערער פֿון איר אייגן לעבן, איז ווייט, ווייט פֿון דעם גרויסן גליק, וועגן וועלכן לודוויג פֿלאַפּלט, וואָס איז געשען צו עליזאַבעטן מיט איר הייראַט צו פֿראַנץ וויינהאַרץ.

טיף אין איר האַרץ פֿילט זי, אַז דער טרוקענער, קאַלטער, אָנגעבלאָזע־נער פֿראַנץ, מיט זיינע איבערטריבענע אַריסטאָקראַטישע מאַניערן און געשליפֿענע הויך־געלערנטע פֿראַזן, מיט זיינע שטאָל־גרויע אויגן, און מיט זיין בלייך פּנים און דינע ליפּן, וואָס פֿאַרגינען זיך זעלטן, זעלטן אַ צעקרימט שמייכעלע, איז איר אַ פֿרעמדער און זי קאָן בשום אופֿן אים נישט צוטוליען צו איר האַרץ. אָפּטמאָל האָט זי געטראַכט מיט פֿאַר־דרוס, ווי לודוויג האָט נישט אויפֿגעהערט אַריינצורעדן טאָג־איין, טאָג אויס אין עליזאַבעטן וועגן דעם גרויסן גליק וואָס וועט זי טרעפֿן, ווען זי וועט חתונה האָבן מיט דעם פֿראַנץ וויינהאַרץ. עליזאַבאַטע האָט אַפֿילו נישט געהאַט די געלעגנהייט זיך רעכט צו באַקענען מיט פֿראַנצן, אָבער לודוויג האָט באַשלאָסן, אַז פֿראַנץ איז אַ גרויס געווינס פֿאַר עלי־זאַבעטן און ער האָט עקשנותדיק געקעמפֿט, אַז עליזאַבעט זאָל וואָס גיכער חתונה האָבן מיט אים. איר מאַמעס האַרץ זאָגט איר אָבער אונ־

טער, אַז איר קינד, איר עליזאַבעט, איז ווייט, ווייט פון זיין גליקלעך מיט פראַנצן . . .

פראַנצס טויט האָט איר ווי געטאָן און עס האָט איר אויך ווי געטאָן פאַר איר טאָכטער, וואָס איז געבליבן אַ יונגע אַלמנה.

ווען עליזאַבעט האָט איר דערציילט מיט לויטערער שמחה וועגן איר שידוך מיט פּאָול מאַרקוס, האָבן טרערן אָנגעפילט אירע אויגן. זי האָט מיט אַלע אירע חושים דערפילט איר טאָכטערס פרייד. זי האָט אַרומגענומען עליזאַבעטן מיט אירע אָרעמס און זי הייס־מוטערלעך געקושט.

— דיין פרייד איז מיין גליק, — האָט זי געזאָגט עליזאַבעטן.

זי איז געווען באַפריינדעט מיט דער בכבודיקער מאַרקוס־פאַמיליע, און זי האָט רעספּעקטירט דעם געלערנטן, גוטמוטיקן און פריינטלעכן קאַרל מאַרקוס. פּאָול מאַרקוס האָט זי געדענקט ווען ער האָט מיט עליזאַבעטן געלערנט אין האַי־סקול און אָפט פלעגט זי טיף אין איר האַרץ ווינטשן, אַז הלוואי זאָל זייער פריינטשאַפט קיינמאָל נישט צעשטערט ווערן. און איצט איז איר וואונטש מקוים געוואָרן. זי ווייסט, אַז עליזאַבעט איז אַלעמאָל געווען פאַרליבט אין פּאָול מאַרקוס און איצט האָט זי ענדלעך דערלעבט נחת אין איר בת־יחידה.

לודוויג צעשטערט איר גליק. ער האָט איר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער האָט דערהאַלטן אָפיציעלע דאָקומענטן פון בערלין וואָס באַשטעטיקן, אַז קאַרל מאַרקוס איז אַ ייד, אַז קאַרלס טאַטע איז אַ ייד מיטן נאָמען הערש־מרדכי, און אַז קאַרלס מאַמע איז אַ יידישע טאָכטער מיטן נאָמען אסתר־ברכה.

זי קאָן נישט פאַרגעסן יענעם אָוונט. לודוויג האָט געזשליאָקעט איין גלאָז בראָנפן נאָך דער צווייטער און געשריגן:

— די לויזיקע יידן האָבן זיך אומזיסט געפרייט. זיי האָבן געמיינט, אַז די רייכע אַלמנה עליזאַבעט איז שוין זייערע און זי וועט זיי פאַרזאָרגן מיט אַ רייכער ירושה נאָך מיין טויט. אויס שידוך! — האָט לודוויג געליאַרעמט און געריבן די הענט פון שמחה.

מיסעס פעלהענדלער איז פאַרציטערט געוואָרן און זיך געבעטן ביי לודוויגן, אַז ער זאָל נישט צעשטערן דאָס גליק פון זייער טאָכטער:

— גאַנץ ריווערוויל רעספּעקטירט קאַרלען מיט זיין פאַמיליע, — האָט זי איינגעטענהט מיט לודוויגן, — אין גאַנץ ריווערוויל וועסטו נישט גע־

פּינעז אַזאַ פּיינעם און ליבן בחור ווי פּאָול מאַרקוס און זיי האָבן זיך ליב פון קינדווייז אָן. איך בעט דיך, לודוויג, צעשטער נישט זייער גליק. פּאַרסם נישט איר האַרץ.

לודוויג האָט זיך צעשריגן:

— אַ ליבע מיט אַ יידן? לודוויג פעלהענדלערס טאָכטער אין איין בעט מיט אַ יידן? יידישע ממזרים אין אונדזער ריין דייטשיש בלוט! אַזוי לאַנג ווי לודוויג פעלהענדלער לעבט וועט ער נישט דערלאָזן, אַז זיין טאָכטער זאָל באַגיין אַזאַ פאַרראַט! מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן וועל איך צעשמעטערן דעם שידוך מיט דעם יידן! ס'איז אוים שידוך!

— לודוויג, — האָט זי אים געזאָגט מיט אַנטשלאָסנקייט, — אויב דו וועסט צעשטערן דעם שידוך צווישן עליזאַבעטן און פּאָולן, וועל איך דיך פאַרלאָזן. איך שווער ביי גאָט, אַז איך וועל נישט וואוינען מיט דיר אונטער איין דאַך, אַפילו נישט קיין איין טאָג. איך וועל גיין אין פייער אַריין פאַר עליזאַבעטן. איך וואָרן דיך!

לודוויג איז איבערראַשט געוואָרן פון זיין ווייבס ווידערשפּעניקייט. ער האָט געקריצט מיט די ציין. ער האָט אַריינגעגאָסן אין זיך נאָך אַ גלאָז בראָנפן.

— דו, דו וואָרנסט מיך? — האָט ער זי אָנגעקוקט מיט האַלב־פאַר־שיכורטע ווילדע אויגן.

— דו וועסט מיך פאַרלאָזן, זאָגסטו? דו, הייסט עס, באַשטייסט, אַז איך זאָל דערלויבן עליזאַבעטן זי זאָל פאַרעיפּושן אונדזער ריין דייטשיש בלוט מיט יידיש בלוט... דו ווילסט מיך צווינגען, אַז איך זאָל זיך משדך זיין מיט קרעציקע יידן? דו סטראַשעסט מיך מיט עפּנטלעכע סקאַנדאַלן. געדענק־זשע וואָס איך זאָג דיר: איך קאָן זיך באַגיין אָן דיר. ווי נאָר דו רירסט זיך פון מיין הויז און באַשמוצסט לודוויג פעל־הענדלערס נאָמען, וועל איך דיך באַזאָרגן מיט אַ פיינער דירה... אין אַ משוגעים־הויז וועל איך דיך פאַרשפּאַרן. געדענק מיינע רייד!

מיסעס פעלהענדלער האָט דערפילט אַ מוראדיקע שנאה צו איר מאַן. זי האָט אָבער געשוויגן, און גיך באַשלאָסן נישט צו פאַרלירן קיין צייט. זי וועט באַהאַלטן איר צירונג וואָס איז ווערט כמעט אַ האַלבן מיליאָן דאָלער און מאַכן אַלע נייטיקע צוגרייטונגען זיך צו פאַרמעסטן מיט איר משוגע־געוואָרענעם מאַן. מאָרגן וועט זי זיך דורכריידן מיט עליזאַבעטן

און מיט קאַרל מאַרקוס וועגן אַרויסנעמען גע׳זעצלעכע חתונה־ליסענס צווישן פּאָול מיט עליזאַבעטן, און דערנאָך וועט שוין איר משוגענער לודוויג קאָנען בילן אויף דער לבנה.

זי האָט אָבער נישט געקאָנט דורכפירן איר באַשלוס. זי איז שוין געווען אויסגעפּוצט גרייט צו פאָרן צו עליזאַבעטן. זי האָט בלויז געוואַרט, אַז לודוויג זאָל קומען אָפּעסן זיין מיטיק און פאָרן צוריק אין דער פאַבריק, דערנאָך וועט זי זיין פריי ביזן אָוונט צו פאַרברענגען מיט עליזאַבעטן און צוזאַמען אויסאַרבעטן איר פּלאַן. לודוויג איז אָבער נישט געקומען עסן מיטיק. דער שאָפער האָט אים אַריינגעטראָגן אין הויז אַריין אַ האַלב־פאַרחלשטן. איצט האָט זי זיך שוין נישט באַדאַרפט איילן צו פאַרלאָזן לודוויגן און אונטעראײַלן עליזאַבעטן חתונה צו האָבן מיט פּאָולן. איצט, — האָט זי געטראַכט, — האָט זי שוין גענוג צייט, ווייל ווי עס זעט אויס, וועט לודוויג זיין קראַנק אַ לאַנגע צייט; און אפשר וועט זי גאָרנישט דאַרפן פאַרלאָזן דאָס הויז, — עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער וועט . . .

צוליב עליזאַבעטן און אויך כדי אויסצומיידן אַלערליי רכילות, וועט זי שפּילן די ראָל פון אַ געטרייער ווייב, — האָט זי באַשלאָסן. ווען זי וועט דאַרפן גיין צו לודוויגס לוויה וועט עס איר ווייניקער ווײ טאָן ווי צו זיין פאַרשפּאַרט אין אַ משוגעים־הויז, ווי לודוויג האָט זי געסטראַשעט, און זי ווייסט, אַז לודוויג קאָן דאָס טאָן . . . אויב אָבער ער וועט אָנהייבן באַווייזן סימנים פון געזונט־ווערן, וועט זי אויספירן איר פּלאַן.

לודוויג פעלהענדלערס נקמה

לודוויג איז געוואָרן יעדן טאָג געזונטער און שטאַרקער. ער האָט ווידער געפּרעסן מיט גרויס אַפּעטיט, ווידער געזשליאָקעט בראָנפן פון אַ טיי־גלאָז און ווידער געגרויכערט ציגאַרן ... זיין גייסטיקער צושטאַנד האָט זיך אָבער פאַרערגערט. אַ פאַרצערנדיקע מורא האָט זיך באַזעצט אין אים און אים פאַרפאַלגט. כּל־זמן ער איז געלעגן אַן אָפּגעשוואַכטער און נישט געקאָנט אַרויסגיין פון בעט, איז די וואַנט געווען זיין באַשי־צעריין, אָבער ווען ער איז שוין אַרויס פונעם בעט, ווען ער איז אַרויסגע־גאַנגען פון הויז און איז געזעסן אויף דער באַנק לעבן הויז שעהן לאַנג, האָט אים די וואַנט שוין מער נישט באַשיצט קעגן זיינע שונאים, און ער האָט זיך שוין געמוזט אַליין באַשיצן.

זיין מורא איז געוואַקסן אין אים. ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין איינענער ווייב. ער איז געווען זיכער, אַז זי האָט נישט פאַרגעסן זיין סטראַשונאַק זי צו פאַרשפּאַרן אין אַ משוגעים־הויז. ער קען זי, די שטילע צנועה ... ער ווייסט, אַז פאַר עליזאַבעטן וועט זי גיין אין פייער ... און ער ווייסט, אַז זי האָט באַשלאָסן, אַז עליזאַבעט זאָל חתונה האָבן מיט פּאַולן, און עס ברענט זי, וואָס ער, לודוויג, פאַרצוימט דעם וועג, און נאָך עפּעס ווייסט ער: אַז ווען זי וועט פּטור ווערן פון אים, ירשנט זי זיין פאַרמעגן ... ער דערקענט עס אין איר באַציאונג צו אים, ער זעט עס זייער קלאָר אין אירע אויגן, אַז זי קוקט אַרויס דערויף ... אים קען זי נישט נאַרן ... ער קען זי ... ער ווייסט וואָס זי טראַכט ...

און ער, לודוויג, ווייסט אַז קאַרל און פּאַול מאַרקוס האָבן פאַרפירט עליזאַבעטן צוליב איר ירושה נאָך זיין טויט. ער ווייסט, אַז יידן זענען פּעאַיק אויף די ערגסטע פאַרברעכנס צוליב געלט ... און ער ווייסט, אַז די מאַרקוס ברידער האָבן שיעור נישט דערהרגעט פרעדי בלענשאַרד, און ער איז גרייט צו גלויבן, אַז די קלאַנגען וואָס טראָגן זיך אַרום אַז זיי, די מאַרקוס ברידער, האָבן דערמאָרדעט פראַנצן, זענען נישט קיין פּוסטע קלאַנגען ... ער איז זיכער, אַז דאָס איז געווען אַ וויכטיקער טייל פון זייער פּלאַן, אַריינצוקריגן עליזאַבעטן אין זייערע הענט ... ער מוז זיך היטן! היטן! — בייטאָג און ביינאַכט ...

ביינאַכט איז זיין שלאָפּציממער פאַרשלאָסן. זיין געלאָדענער רעוואָל־ווער ליגט אונטער זיין קישן. דער קלענסטער שאָרך וועקט אים אויף פון שלאָף און ער שפּרינגט אַרויס פון בעט און בלייבט שטיין הינטער דער טיר מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט גרייט צו באַגעגענען זיינע שונאים . . .

ער היט יעדע באַוועגונג פון זיין ווייב. ער הערט זיך צו צו אירע טעלעפאָן־געשפּרעכן, און אַז זי גייט ערגעץ אַוועק, וואַרט ער אויף איר מיטן רעוואָלווער אין זיין קעשענע און באַרואיקט זיך בלויז דעמאָלט ווען זי קומט צוריק אַליין אָן פרעמדע באַגלייטער . . .

און ווען ער זיצט אויף דער באַנק לעבן זיין הויז, היט ער יעדן בוים און ביימל; ער היט דעם גערטנער, וואָס גייט פאַרביי. יעדן נאָכמיטיק, פּונקט דווקא אין דער צייט ווען ער זיצט אויף דער באַנק און באַגריסט אים כלומרשט פריינטלעך; אָבער אים, לודוויגן, קאָן ער נישט נאַרן . . . ער איז גרייט מיט זיין רעוואָלווער . . .

און ער האָט שטרענג פאַרזאָגט, אַז ער וויל נישט, אַז דער דאָקטאָר זאָל קומען אים אונטערזוכן זיין געזונט־צושטאַנד, און ער וויל נישט קיינע מעדיצינען . . . און ער וויל נישט, אַז עמיצער פון זיינע פריינט זאָל קומען אים מבקר־חולה זיין. קיינעם, קיינעם געטרויט ער נישט . . . ער ווייסט, אַז ער איז אַרומגערינגלט מיט שונאים . . . אַ חוץ איינעם, אַדאָלף ריכטערמאַן. מיט אים איז ער זיכער. ער האָט שטענדיק געוואוסט, אַז אַדאָלף איז זיין אמתער פריינט און אַדאָלפס רעדע ביי פראַנצס לוויה האָט עס באַשטעטיקט . . . ער איז צופרידן וואָס אַדאָלף קומט אָפט אים באַזוכן. מיט אים, מיט אַדאָלפן, וועט ער אויסאַרבעטן דעם פּלאַן אַרויסצורייסן זיין עליזאַבעט פון די יידישע הענט און צוריק קריגן פראַנצס איינגנטום, וואָס די גיגערס האָבן פאַרכאַפּט; און דער עיקר איז, וואָס ער איז זיכער, אַז זיין פריינט אַדאָלף וועט נוצן זיין פּאָליטישן איינפלוס, — אַלע, אַלע געזעצלעכע און אַנדערע מיטלען אויפצערייסן און צעשמעטערן די פאַרשווערונג פון די יידן מיט די נעגערס קעגן אים . . . ער האָט אָבער אָפּגעלייגט דעם שמועס מיט זיין פריינט אַדאָלף ריכטערמאַן.

ענדלעך האָט ער זיך געניטיקט אין דער באַלדיקער הילף פון זיין פריינט. שוין עטלעכע נעכט, אַז ער שלאָפט נישט . . . ער פילט, אַז זיין

געזונט ווערט אונטערגעגראָבן. עפּעס מוז געטאָן ווערן באַלד אים צו ראַטעווען . . . ער האָט מורא אײַנצושלאָפֿן, ווײַל אַזוי גיך ווי ער דרימלט אײַן, הערט ער אַ שטילן געררודער אין זײַן הויז. ער הערט ווי די טיר פֿון זײַן ווײַבס שלאָפֿצימער עפֿנט זיך זייער שטיל. ער כאַפּט זיך אויף און שפּרינגט אַרויס פֿון זײַן בעט. ער שטייט בײַ דער טיר פֿון זײַן שלאָפֿצימער מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט און ער הערט שטימען . . . שטימען . . . ער דערקענט זײַן ווײַבס קול נאָר די אַנדערע שטימען, מענערישע, זענען אים נישט באַקאַנט. עס ווערט שטיל און ער הערט טריט, טריט, שטילע טריט אין עסצימער און אין די אַנדערע צימערן, און ווידער שטימען . . . שטילע, אײַנגעהאַלטענע, פֿאַרזיכטיקע . . .

ווען די טריט פֿאַרשווינדן און עס ווערט שטיל, לייגט ער זיך אַרײַן אין בעט און ווערט אַנטשלאָפֿן, און ווידער כאַפּט ער זיך אויף. שטי־מען . . . טריט . . . שטימען, טריט, שוין נישט מער אין זײַן הויז, נאָר אין גאָרטן, נאָענט לעבן זײַנע פֿענצטער. ער צינדט אָן די עלעקטרישע לאָמפּן אין זײַן שלאָפֿצימער. די שטימען און די טריט ווערן פֿאַרשטומט און פֿאַרשווינדן. און לעצטע נאַכט האָט ער געזען אַ ווילד נעגעריש פּנים אַרײַנקוקן דורך זײַן פֿענצטער . . . לענגער קאָן ער שוין נישט וואַרטן . . . זײַן לעבן איז אין גרויס געפֿאַר.

בײַטאָג, אויף דער באַנק, דערציילט ער זײַן פֿרײַנט אַדאָלף ריכטער־מאַן אַלע אײַנצלהייטן פֿון זײַנע שרעקלעכע איבערלעבונגען פֿון די לעצ־טע עטלעכע נעכט:

— אין אַ טייך מיט שוויים ליג איך בײַנאַכט אין בעט און אין דער פֿרי ווען איך גיי אַרויס פֿון מײַן שלאָפֿצימער האָב איך נישט קיין כוח צו שטיין אויף מײַנע פֿיס . . . מײַן גאַנצער קערפּער ציטערט פֿון שוואַכקייט . . . אַדאָלף, איך ווייס נישט צי די באַנדיטן ווילן מיך דער־הרגענען, אָדער קידנעפּן . . . אָבער איך ווייס, אַז איך בין אין גרויס געפֿאַר . . . נאָך עטלעכע אַזעלכע שרעקלעכע נעכט וועל איך קראַפּירן אין בעט פֿאַר שרעק, פֿון אויסגעשעפּטקייט, פֿון האַרץ־קלאַפּעניש, פֿון קאָפּווייטיקן און פֿון שרעקלעכע קראַמפּן אין מײַנע פֿיס.

אַדאָלף ריכטערמאַן פֿאַרשטייט, אַז לודוויג לײַדט פֿון אַ „פֿאַרפֿאָל־גונג־מאַניע”. ער טראַכט, אַז אין אַ מאָמענט פֿון אַן אָנפֿאַל פֿון אומקאָנ־טראָלירבאַר־קראַנקער שרעק פֿאַר די „פֿאַרדעכטיקטע שטימען, טריט און

מענטשלעכע שאַטנס", וואָס ווערן געבוירן אין זיין קראַנקן און צעצונ־דערנעם מאַרך נאַכט נאָך נאַכט, קאָן לודוויג באַנוצן זיין געלאַדענעם רעוואָלווער קעגן דער פּערזאָן וועמענס שטים, ווי ער פאַרזיכערט אַז ער דערקענט זיין ווייבס שטים . . . אַדאָלף האָט געמאַכט אַ פאַרזוך אים צו באַרואיקן און האָט אָנגעשטרענגט אַלע זיינע פעאיקייטן און דער־פאַרונג צו ווירקן אויף אים.

— לודוויג, מיין טייערער פריינט, — רעדט ער צו אים מיט זיין האָניק־זיסער סאַמעט־גלאַטער און פּוטער־ווייכער שטים, — דאָס לעבן פון אַ מענטשן איז די גרעסטע און טייערסטע מתנה וואָס נאָר גאָט אַליין קאָן שענקען . . . וואָס גרעסער, נאָבעלער און וויכטיקער עס איז דער מענטש וועמען גאָט האָט אויסדערוויילט צו באַשיצן אונדזער וועלט, אַלץ גרעסער איז זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַלץ הייליקער איז זיין פליכט צו היטן זיין געזונט. דו, לודוויג, ביזט איינער פון די מוילדיקע־אויסדערוויילטע.

לודוויגס בלייך און פאַרפינצטערט פּנים ווערט אויפגעלעבט און אויפגעשיינט פון אַדאָלפס זיסע רייד.

— דערפאַר, לודוויג,—רעדט צו אים ריכטערמאַן ווייטער,—מוזסטו היטן דיין לעבן און דיין געזונט. דו פאַרמאָגסט אַ סך פריינט און איך בין איינער פון דיינע בעסטע פריינט. מיר ווילן דיך היטן און באַשיצן. מיין לעבן וועל איך ריזיקירן פאַר דיר.

לודוויגס גרינע אויגן ווערן אָנגעפילט מיט פייכטקייט.

— אָבער דו, לודוויג, מוזסט מיך פאָלגן, איך שווער ביי אַלץ וואָס איז הייליק, אַז וואָס איך ראָט דיך צו טאָן איז בלויז און נאָר פאַר דיין טובה ווענן. לודוויג מיין פריינט, פאָלג מיך, טו זיך אוים פון אַלע, אַלע דיינע זאָרגן, פאַרגעס און פאַרגיב אַלע מענטשן, וואָס האָבן ווען עס איז דיך באַעוולהט. און ווען עמיצער האָט ביי דיר צוגענומען אַ קליינעם טייל פון דיין רייכטום, — פאַרגעס ! דו פאַרמאָגסט, אַ דאַנק גאָט, גענוג . . . איך ווייס, אַז עליזאַבעט און קאַרל מאַרקוס האָבן אָוועקגעשענקט צו די ניגערס די שיינע הייזער אויף עלם סטריט. געזעצלעך האָבן די הייזער באַלאַנגט צו פראַנץ וויינהאַרץ, אָבער איך ווייס, אַז פאַר דיין געלט האָט פראַנץ געקויפט די הייזער און עס איז דיין אייגנטום. ערגער זיך אָבער נישט, מיין פריינט. פאַרמאָגסט אַ סך, אַ סך מער וויפל די הייזער

זענען ווערט. פארגעס, לודוויג! היט דיין געזונט! זאלן זיי האבן די הייזער . . .

— עליזאבעט וויל חתונה האבן מיט דעם יידן פאול מארקוס, — זאל זי! פארגעס! היט דיין געזונט, וואס איז וויכטיקער פון אלץ. לודוויג מיין פריינט, פאלג מיך, און איך זאג דיר צו, אז איך וועל אויסרייניקן דיין הויז פון די פארדעכטיקטע שטימען. און די פארדעכטיקטע טריט וועלן פארשווינדן פון דיין הויז. וועסט שלאפן רואיק און געשמאק, און וועסט זיך מער נישט נייטיקן אין דיין רעוואלווער. לודוויג, פאלג דיין בעסטן פריינט אדאלף ריכטערמאן און גיב מיר דיין רעוואלווער. איך שווער דיר, אז פון מיר רעדט ארויס די טיפע זארג וועגן דיר. פאלג מיך, צוליב דיין טובה וועגן.

לודוויג איז אויפגעשפרונגען פון דער באנק און מיט ווילדן כעס געבארכלט:

— איך זאל דיך פאלגן, הא? כ׳זאל אוועקשענקען מיין און פראנצס פארמעגן צו די ניגערס? כ׳זאל דערלויבן דעם גאט־פארדאמטן, קרעציקן יידן געזעצלעך באשלאפן מיין ריינבלוטיקע דייטשישע טאכטער?! און איך זאל דיר געבן מיין רעוואלווער, הא? ווילסט מיך אנטוואפענען! ביזט איינער פון זיי! זיי האבן דיך אונטערגעקויפט! מאך נישט קיין טעות, אדאלף, מיך נארט מען נישט! לודוויג פעלהענדלער דערקענט און דערשמעקט זיינע אפענע און פארשטעלטע שונאים! . . . קיין איין פאדעם, קיין איין פאדעם וועלן זיי ביי מיר נישט אוועקרויבן; נישט ביי לודוויגן! מיין פארמעגן איז מיינס, מיינס! כ׳וועל אייך אלעמען פארטיליקן! כ׳וועל אייך אפווישן פון דער ערד! פארנעם זיך פון דאנען, אדאלף! גיי און זאג דיינע שותפים, די ניגערס און די יידן, אז לודוויג פעלהענדלער און פראנץ וויינהארץ וועלן זיי פארניכטן! פארניכטן!

לודוויג איז האסטיק אריינגעלאפן אין זיין שלאפצימער, אראפגעצויגן פון זיך זיינע מלבושים און זיך אריינגעוואלגערט אין בעט אריין. ער האט געפילט א טיפע באפרידיקונג וואס אים איז געלונגען אויפצודעקן דעם שונא, אדאלף ריכטערמאן, וואס האט זיך געחנפעט צו אים און געשפילט די ראל פון זיין פריינט. א געפיל פון זעלבסט־צוטרויען און מוט האט זיך צעוואקסן אין אים: „פארטיליקן, פארניכטן, אפווישן

זיינע שונאים פון דער ערד . . . שוין . . . נישט אפלייגן", — האט ער געמורמלט מיט טיפער צופרידנקייט, — "קיינעם טאר ער נישט גע־טרויען . . . מיט זיין אייגענעם כוח . . . ער קאן . . . ער ווייסט ווי אזוי . . . ער וועט נישט אפלייגן". — ער האט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער וואנט און איז גיך אנטשלאפן געווארן.

ווען ער האט זיך אויפגעכאפט איז שוין געווען טונקל אין דרויסן. דער אוונט האט זיך אנגערוקט. ער האט זיך דערפילט דערפרישט, ווי זיינע גלידער וואלטן אנגעגאסן געווארן מיט קראפט; עפעס איז קלאר געווארן אין זיין מוח. ער איז ארויס פון בעט, זיך גיך אנגעטאן און איז מיט מונטערע פעסטע טריט אריין אין גרויסן, ליכטיקן עסצימער.

מיסעס פעלהענדלער איז נישט געווען אין הויז. די דינסט האט מיט גיכע באוועגונגען געגרייט צום טיש, אויסגעלייגט די עס־כלים און אים דערלאנגט זיין מאלצייט. ער האט אויסגעטרונקען א טיי־גלאז בראנפן און געשלונגען די געשמאקע מאכלים מיט ווילדן אפעטיט. ער איז גיך פארטיק געווארן מיט זיין מאלצייט און איז ארויס פון הויז. ער איז אריינגעלאפן אין גאראדזש און אנגעפילט עטלעכע בלעכענע קאנען מיט גאזאלין און זיי אריינגעשטעלט אין זיין פריוואטן איטאמאביל און האט מיט זיכערקייט און גענויקייט ארויסגעפירט דעם אויטאמאביל פון גאראדזש, איז ארוים דורך דעם ברייט־צעעפנטן טויער פון זיין הויף און ארויף אויף דעם ברייטן שליאך וואס פירט קיין ריווערוויל.

א פארוואלקנטער אומעטיקער הימל איז געהאנגען איבער ריווערוויל. א קאלטער ווינט האט מיט קראפט זיך געטראגן פון צפון און מיט וויל־דער בייזקייט געריסן די געלע און רויטע בלעטער פון די צווייגן אויף דיביימער און זיי צעשפרייט איבער דער גאס, פעלד, וואלד, בארג און טאל. דער בייזער ווינט האט געריסן די שוואך־באפעסטיקטע שינדלען פון דעכער, האט געוואיעט אין די גאסן, האט אריינגעוואיעט דורך שפאַ־רונעס פון פענצטער און טירן אין די הייזער און האט מיט ווילדער הנאה געיאגט די מענטשן פון די גאסן.

אין זייערע היימען אויף עלם סטריט זענען נעגערס מידע פון זייער שווערן טאג הארעוואניע געזעסן מיט זייערע פרויען און קינדער ארום די טישן און געגעסן זייערע אוונט־מאלצייטן. א שוואך ליכט פון די עלעקטרישע לעמפלעך אין די הייזער האט זיך דורכגעריסן דורך די

פענצטער און שוואַך אַריינגעפינקלט אין דער שטילער פינצטערער גאַס אַריין.

לודוויג פעלהענדלער האָט אָפּגעשטעלט זיין אויטאָמאָביל אויפן ראָג פון עלם סטריט. ער איז פלינק אַרויס פון דעם אויטאָמאָביל און האָט פון דאָרט אַרויסגעטראָגן די אָנגעפּילטע בלעכענע קאַנען מיט גאַזאָלין. ער האָט שטיל זיך צוגעשאַרט צו עטלעכע הייזער און באַגאָסן מיט גע-זאָלין פון די קאַנען און זיי אונטערגעצונדן.

פון הויז צו הויז האָט דער ווינט צעטראָגן פונקען און צעבלאָזן דאָס פייער. הילצערנע ווענט און שינדל־דעכער האָבן געפלאַקערט און גע-שאָסן רויטע פייער־צונגען אין דער הייך צום פאַרוואָלקנטן הימל און זיך געבויגן און געבוקט פאַרן ווינט. שוואַרצער און בלוי־גרויער רויך האָט זיך צעכוואַליעט איבער עלם סטריט.

יאָמערדיקע געשרייען און אימהדיקע קולות האָבן זיך אַריינגעשניטן אין דעם גיהנום פון פייער און רויך. שוואַרצע מענער און פרויען זענען געלאָפן פון די ברענענדיקע הייזער און געטראָגן זייערע קליינע צעשראָ-קענע קינדער אין זייערע אָרעמס. עלם סטריט האָט געפלאַקערט. עלם סטריט איז געוואָרן אָנגעפּילט מיט שטיקנדיקן רויך. שוואַרץ־הויטיקע מענטשן מיט אַ מחנה שוואַרץ־הויטיקע קינדער זענען געלאָפן פון דער פייערדיקער פאַסטקע . . . קנוילן פייער־פונקען האָבן געגרענצט איבער זייערע קעפּ און פּנימער.

אויפן ראָג פון עלם סטריט איז לודוויג פעלהענדלער געשטאַנען לעבן זיין אויטאָמאָביל און מיט פרייד געקוקט אויף די פלאַקערדיקע הייזער און מיט קראַנקער משוגענער הנאה אַריינגעזאַפּט אין זיך די פאַר-צווייפלטע געשרייען פון די שוואַרץ־הויטיקע מענער, וואָס האָבן ריזי-קירט מיט זייערע אייגענע לעבנס, זיך געריסן אין די ברענענדיקע היי-זער צו ראַטעווען זייערע קינדער.

פייער־פונקען האָבן אויף די פליגלען פון ווינט זיך צעטראָגן און צע-שפּרייט אין אַלע זייטן. קנוילן פייער־פונקען האָבן ווי מחנות פייער-פייגל אַראָפּגענידערט אויף די דעכער פון שכינותדיקע גאַסן און צע-צונדן די הייזער, וואו ווייסע פאַמיליעס האָבן געוואוינט. ריזיקע פייער-פלאַמען האָבן זיך געריסן און געצויגן אַלץ העכער, האָבן אויסגע-ברענט אַ לאָך אין די וואָלקנס און אָנגעצונדן אַ שטיק הימל.

קנוילן פייער־פונקען האָבן געהאַגלט אויף לודוויג פעלהענדלערם אוי־טאָמאָביל. פייער־פונקען זענען ווי מחנות היישעריקן באַפאַלן לודוויגן, זיך דורשטיק צוגעכאַפּט צו זיינע מיט גאַזאָלין־אָנגעזאַפּטע מלבושים, זיך פריילעך צעצונדן און אין איין אויגנבליק אים איינגעהילט אין פלאַ־מען.

לודוויג האָט היסטעריש געשריגן:

— העלפט! ראַטעוועט! ברידער מיינע! פריינט מיינע, ראַטעוועט מיך! העלפט מיר!

שוואַרץ־הויטיקע מענער האָבן אים אַרומגערינגלט און האָבן מיט זייערע הענט געריסן די פלאַמענדיקע מלבושים פון דעם ווייסן מאַן אין אַ פאַרצווייפלטן פאַרזוך אים צו ראַטעווען. שוואַרץ־הויטיקע צעברענטע און צעווייטיקטע הענט האָבן געקעמפט מיט די פייער־פלאַמען צו ראַ־טעווען דאָס לעבן פון אַ ווייסן, פרעמדן מאַן. זיי האָבן טיף באַדויערט וואָס עס איז זיי נישט געלונגען...